# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 59-60 - Spring - Summer 1970 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/0xm3n6n3

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 59-60(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1970

**Copyright Information**
Copyright 1970 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**59-60**

סגעגעבן פון:

אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

S. BUNYAN
7327 EL MANOR AVENUE
LOS ANGELES, CALIF. 90045

LOS ANGELES, CALIF.

## אינהאַלט


א. גאָלאָמב: אַקטועלע לויפיקע נאַטיצן — 3
מאיר זימל טקאַטש: זריעה (ליד) — 9
י. א. אבודין: שמואל יוסף עגנון ז"ל — 10
משה שקליאַר: צוויי לידער — 15
ב. דעמבלין: אַ „סאָמבאָדי" פון דער „אָלד קאָונטרי" (דערציילונג) — 16
פינטשע בערמאַן: לידער — 21
ז. בונין: אברהם לעוו ע"ה — 22
אברהם לעוו: צוויי לידער — 23
יגאל לעוו: שרעק (דערציילונג) — 24
זלמן זילבערצווייג: די יידישע טעאַטער־קריטיקערס אין אַמעריקע — 28
אסתר שומיאַטשער־הירשביין: זכרונות פון יענע טעג — 31
חיים לייב פוקס: געבעזע פון ליד — 32
זישא לאַנדוי: איז דער הייליקער בעל־שם (ליד) — 35
רבקה ס. גאָלאָמב: ווען דער בוים וואָלט געקענט דערציילן... — 36
יצחק רייזמאַן: מפני חטאינו... איבער אונדזערע זינד... — 39
נעלי זאַקס: צוויי לידער — יידיש פון ד"ר י. בערנפעלד — 42
אריה פּאָזי: קבלה און חסידות — 44
יצחק ניומאַן: אייניקע באַמערקונגען אין שייכות מיט מדרש — 50
סאָניע אָמאַן: דער מענטש (ליד) — 52
יצחק קאָלער: ביבליאָגראַפישער איבערבליק פון פרצעס שאַפונגען — 53
שואל גוטמאַן: מאיר לעדערמאַן ע"ה — 54


### ביכער און שרייבערס


אַברהם בּאַראַבאַן: מיט מאַטעס אָליצקיס: „געקליבענע לידער" — 56
מ. אָליצקי: מיר בענקט זיך נאָך אַ יינגעלע פון פוילן — 59
אברהם פּאַט: אַלטער עסעלינס „לידער פון אַ מדבריק" — 60
אַלטער עסעלין: צוויי לידער — 62
מלכה חפץ טוזמאַן: ז. בונין צו זיינע אַכציק יאָר — 64
ז. בונין: אָפּקלייב פון לידער — 67
פ. סאַנדלער: צוויי נייע ביכער פון מלכה לי — 71
לייזער מעלצער: דער מאַגנעס מוזעי אין בערקעלי — 73
לייזער און מרים מעלצער: מיר באַגריסן דעם בעל־גבורה ז. בונין — 75
באַגריסונגען און לידער געווידמעט צו ז. בונין — 80־76



**HESHBON**
*QUARTERLY LITERARY REVIEW*
A. POSY, *Editor*
S. BUNYAN, Secretary
7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100



אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס, מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

ז. בונין, סעקרעטאַר
שמואל סיגל, אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנטן

25טער יאָרגאַנג, נומ. 59־60 * פרילינג־זומער, תש"ל־1970 * לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


א. גאָלאָמב

## אַקטועלע לויפיקע נאַטיצן

### אַ נייע מחלוקת ביי יידן

טאָמער פעלן אונדז אויס קריגערייען, האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אין אַ באָווינע: אַן אָפּיצער אין ישראל־אַרמיי האָט אַ ניט־יידישע פרוי און די קינדער אין ישראל — ווי אַלע קינדער דאָרטן — יידיש לשון (עברית), שולן, — אַלץ. ווערן זיי אָבער לויט דעם אוראַלטן דין פאַרשריבן ווי קריסטן, לויט דער מוטער. די מוטער וויל זיך ניט מגייר זיין: זי וויל ניט דורכמאַכן די צערעמאָניע, וואָס זי גלייבט ניט אין איר. האָט אַנ־סקי נאָך אין 1909, ווען אין רוסלאַנד איז אָנגעגאַנגען די באַרימטע „שמד־מגפה" פון יונגע יידן, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד און פינלאַנד צו זוכן עפּעס אַ גלחל, וואָס זאָל פאַר עטלעכע רובל זיי געבן אַ טויף־צעטל, און מיר פלעגן מורא האָבן צו געבן עמיצן די האַנט, טאָמער איז ער אַ משומד — דעמאָלט האָט אַנ־סקי אָנגעשריבן אַ דערציילונג („ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן") וועגן אַ גויישן קאָפּ":

אַ רוסיש מיידל, אַ רעוואָלוציאָנעריק, דאַרף אין פעטערבורג לעבן אויף אַ פאַלשן פּאַס פון אַ יידיש מיידל. זי האָט צרות פון דער פּאָליציי צוליב ווינרעכט („פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ"! — איין קלייניקייט!). גיט איר אַ יידישער פריינד אַן עצה: שמדן זיך. זי איז דאָך סיי ווי אַ גויה... אין אַ חודש אַרום... זי קען ניט, זי פאַרשטייט ניט, ווי שפּילט מען זיך מיט זאַכן וואָס זיינען הייליק פאַר מיליאָנען מענ־טשן?... וויל אויך ניט דעם אָפּיצערס פרוי זיך מגייר זיין. זי גלייבט ניט. האָט דער אָפּיצער אָנגעגעבן אין העכסטן געריכט. האָט דאָס העכסטע געריכט געזוכט און געטראַכט חדשים, דאַכט זיך — אַ יאָר — אונגעפּסקנט: דער מיניסטער דאַרף הייסן פאַרשרייבן די קינדער ווי יידן, ווי דער אָפּיצער האָט עס געפאָדערט... נו, נו! וועט זיך דאָס אָנהייבן אַ געשריי, אַ גע־פילדער, אַ מחלוקת, עד לב השמים.

וואָלט דער אָפּיצער געפרעגט ביי מיר, וואָלט איך אים זיכער געזאָגט: זאָל ער אָפּלאָזן, ניט קיין צייט צו פירן קריגערייי־ען, מלחמות אינעווייניק. יידישע זעלנער האָבן אָבער ניט קיין באַטור אָפּצוטרעטן. זיי דאַרפן אויספירן. איז עס אַ ברכה, אָבער ניט אַלע מאָל. רייד איך איצט ניט צו דעם אָפּיצער. איך רייד צו אונדזערע רעליגיעזע: במחילה מכבודם, לערנען זיי בפירוש פאַלש דעם מהות פון דער יידישער רעליגיע. לאָמיר זיין קורץ:

1. — עס איז פאַלש אָנצונעמען אַז יידי־שע רעליגיע איז אידענטיש מיט דעם וואָס עס איז פאַרשריבן מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק. די גאַנצע יידישע רעליגיע באַשטייט פון תקנות און תיקונים וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אין פאַר־שיידענע צייטן לויט די באַדערפעגישן פון דער צייט. אויסרעכענען אַלע תקנות וואָס עס זיינען איינגעפירט פון עזרא, פון הלל, פון דער כנסת הגדולה, פון יוחנן בן זכאי אין יבנה, אין אושא, אין לוד, די גאונים אין בבל, רבינו תם און חכמי

לותר, אַשכנז, די קהילות אין פוילן — וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַ ספר.

די חז״ל האָבן בפירוש געלערנט, אַז „מוטב שתעקר תורה, ואַל תשכח תורה מישראל״ (תמורה קב־א׳) — בעסער אויסרייסן אַ געשריבן געזעץ איידער מען זאָל פאַרגעסן, אַוועקוואַרפן סתם. זאָגט ריש לקיש (כ׳גלייב אַז ער האָט געקאָנט באַשטיין פאַר אַ היינטיקן רב אפילו) אַז: אַ מאָל דאַרף מען באַפּעסטיקן די תורה דורך מבטל זיין אַ תורה״ (מנחות צט־א׳ און ב׳). אָדער נאָך שאַרפער: „אַ סך פסוקים וואָלטן געמעגט פאַרברענט ווערן (חולין קב־א׳) — (הרבה מקראות שראויין להשרף). אַ סך בפירושע דינים און מצוות האָבן די חז״ל פשוט געמאָלדן ווי ניט גילטיק, בטל געמאַכט: בן סורר ומורה, עיר הנדחת (סנהדרין עא־א׳); דער עצם דין: עין תחת עין״ — איז ממון. דער דין פון מים המאררים (סוטה, פרק ט׳ משנה ט׳) און נאָך און נאָך.

מער ווי מיט דעם טויטן פסוק האָבן זיך די חז״ל גערעכנט מיט דעם מינהג ווי יידן פירן זיך אין זייער יידישקייט (ניט ווען זיי מאַלפּעווען נאָך די גויים). האָבן זיי געלערנט, אַז מינהג ישראל איז אַ דין, אַז מינהג רייסט אויס אַ הלכה, אַז „זאָל קומען אליהו — דער הימלשער שליח — און ער זאָל איבערגעבן אַ פסק פון הימל, אַזוי און אַזוי איז דער דין, דאַרף מען אים ניט פאָלגן, ווייל דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש״. (יבמות קב־א׳). גאָר פשוט, הייסט עס: ניט די פאַרשריבענע תורה, ניט גאָט אַליין באַשטימט דעם דין יידישקייט, נאָר דער אויפפיר פון בכוונהדיקער יידישקייט, מיטן גוטן ווילן צו זיין יידן! די תורה האָבן זיי געלערנט, איז מער ניט אין הימל („לא בשמים היא״!) גאָט אַליין זיצט און לערנט יידישע פירונגען... און נאָך און נאָך... אַז איך ריר נאָר די פּראָבלעם, קען איך ניט אָפּרייסן זיך, ווי ווייט אונדזערע היינטיקע פרומע זיינען ווייט אַוועק פון דעם אמתן וועג וואָס די חז״ל זיינען געגאַנגען. פאַרוואָס זיינען זיי ניט אַנדערש? פאַרוואָס:

חז״ל האָבן געהאַלטן, אַז יידן זיינען אַ פאָלק, פאַר זיך אַ פאָלק און אַלץ וואָס איז פאָלקיש יידיש איז הייליק און אַלץ וואָס אַ ייד איז דורכגעדרונגען מיט יידישקייט (תלמיד ותיק) איז מחדש, וואָס ער לערנט עפּעס נייעס! — אַלדאָס איז אַזוי הייליק, ווי דאָס וואָס שטאַמט פון סיני (עטלעכע מאָל אין ירושלמי און אין מדרשים. באַקאַנטער מאמר: „אפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נתנה למשה מסיני״). אַז מען פרעגט ביי היללן עפּעס אַ דין (און איך גלייב אַז הילל האָט געקאָנט אַ ביסל לערנען, הגם ער האָט ניט אונטערגעשפאַרט זיין סמיכה מיט אַ דאָקטאר־טיטול אפילו) — האָט דער הילל געענטפערט: „גייט און זעט ווי יידן טוען דאָס אין זייער געטרייער יידישקייט, טוט ווי יידן, געטרייע יידן טוען.

חז״ל האָבן געפּסקנט, אַז פאַר אַלע מצוות פון דער תורה דאַרף אַ ייד זיך ניט מוסר נפש זיין (יעבור ולא יהרג), אָבער אין אַ צייט פון סכנה איז אַ יידישער מנהג אַ שטייגער־איינפיר, וואָס איז אין דער תורה גאָר ניטאָ, אָבער יידן טוען דאָס, איז פאַרקערט, יהרג ולא יעבור (די באַרימטע סוגיא פון ארקתא דמסאני — אַ שוךבענדל פאַרבינדן).

ביי די היינטיקע פרומע איז פאַרקערט: דאָס פאַרשריבענע וואָרט איז קודש, פאָלק, פאָלקישקייט — גאָרניט ווערט.

יעדער מיליטער־מאַן איז אין דער בחינה פון מסירת נפש און קידוש השם. זיי באַהאַלטן ניט זייערע קינדער אין אַ ישיבה כדי ניט צו גיין אין מיליטער; זיי שיקן ניט קיין יונגע יידן מיט פאות צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף אַ יידישן דאָקטאר סאַמע אין ירושלים; מילא סאַטמאַר — זיי קענען מיך דערהרגענען מיט אַ חרם אין קאָפּ. אַז ער, זאָל לעבן, איז אין יאָר 1965 געקומען קיין ישראל אָנזאָגן זיינע חסידים זיי זאָלן ניט גיין צו די וואַלן, ווייל זיי און אַנדערע אַנטיסעמיטן אַנערקענען ניט על פי תורה די „ציוניסטישע״ מדינה; אַז ער זאָל לעבן איז געקומען און מען האָט פאַר אים געדונגען אַ צוג פון חיפה קיין ירושלים, האָבן זיינע חסידים אין די וואַגאָנעס פאַרקלעפּט די העברעישע אויפשריפטן אויף די ווענט, כדי זיינע הייליקע אויגן זאָלן ניט אָנזען די טרייפענע אויפשריפטן פון דער „ציוניסטישער״ מדינה נאָך מיט אותיות פון דער תורה!... די פרומע האָבן



דערלויבט אפילו צוגנבענען אַ קינד פון זיינע עלטערן, הגם אין דער תורה שטייט עפּעס בפירוש וועגן „גונב איש״. און אַז מען האָט געכאַפּט, האָט מען צוליב פּאָליטישע חשבונות געדאַרפט מבטל זיין דעם משפט. (די באַרימטע מעשה „יאָסעלע״). דאָס פּסקענען פרומע יידן, אַז גויישע אתרוגים זיינען מער כשר ווי די פון ישראל; דאָס האָבן פרומע יידן געמאַכט דעמאָנסטראַציעס קעגן מדינת ישראל אין ניו־יאָרק ביי דער „יו־ען״ און אין וואַשינגטאָן, כדי צו מסרן דעם פריץ, וואָס מען היט ניט גענוג די תורה אין ישראל!...

בקיצור, מען וואָלט גרינג געקענט אָנרעכענען נאָך און נאָך מעשים טובים, וואָס ווערן געטאָן כלומרשט פאַר דער יידישער רעליגיע און זיי טוען אויף דאָס פאַרקערטע: זיי פאַרמיאוסן יידישקייט, זיי האַלטן ניט פון יידישן פאָלק... ניט איצט איז די צייט אויפצוהייבן מחלוקות און, קריגערייען. דאַרפן דאָס געדענקען אויך די פרומע. איך קען אָבער ניט פאַרגעסן איין שטיקל אַרבעט, כלומרשט על פי תורה! געשטאָרבן איז ביי אַן עולה אַ קינד. די מאַמע האָט ניט באַוויזן זיך מגייר צו זיין. האָט אַ רב געהייסן דאָס באַגראָבן לעבן פּלויט, ניט אויפן יידישן בית־עולם . . . אפשר איז אַזאַ דין פאַראַן, נאָר קיין דין יידיש האַרץ מיטצופילן אַ טראַגעדיע — דאָס איז געוויס ניטאָ.

* * *

## שייטן געראַטעוועט פון פייער

עס איז אַן אַלטער העברעישער אויסדרוק: „אוד מוצל מאש.״ עס איז מיר געקראָכן אין קאָפּ די גאַנצע צייט וואָס איך בין געזעסן אין טעאַטער אויף דעם קאָנצערט פון נחמה ליפשיץ: צופעליק איז זי אַרויסגעשוומען פון אומבאַקאַנטקייט, צופעליק האָט זי יאָ געהאַט די מעגלעכקייט צו זינגען עפנטלעך, צו אַרויסזינגען די ווייטאָגן פון פאַרשטומטן יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, צופעליק האָט זי געקאָנט אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, צופעליק האָבן מיר אין ווייטן לאָס אַנגעלעס געהאַט די מעגלעכקייט זי צו הערן... וואָלט איך געווען אַ רעליגיעזער מנהיג ביי יידן, וואָלט איך געהייסן אַלע טויזנטער צוהערער פאַרן קאָנצערט זיך שטעלן און מאַכן אַ ברכה בשם ובמלכות: ברוך שגמל לנו נס באשה הזאת... איך האָב זיי אָבער ניט געזען לגמרי אָט די פרומע יידן. מסתמא טאָרן זיי גאָר ניט — „קול באשה״... כ׳לעבן — עס איז טראַגיש ווי זיי זיינען קנעכט פון פאַרצייטיקע באַגריפן און ניט קיין פירער, קיין הערשער איבער די באַגריפן. טראַגישער איז פאַר מיר געווען דער פאַקט וואָס איך האָב ניט געזען אויפן קאָנצערט קיין יוגנט. זייער ווייניק.

מען האָט מיר געפרעגט מבינות אויפן קאָנצערט... איך בין אַן עם הארץ אין מוזיק; איך בין ניט געגאַנגען הערן אַ קאָנצערט. איך בין געגאַנגען לשם ולשמה צו הערן די שטים פון אַ פאַרשטומטן יידישן פאָלק. און דאָס האָב איך געהערט... איך ווייס ניט ווי ביי אַנדערע צוהערער, נאָר ביי מיר... איך האָב אַ פּאָר מאָל געדאַרפט אַ טיכל צו די אויגן. עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַן „אוי״ אין גאַנצן אומוויליק. ביי איין ליד האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך זיץ אויף אַ קאָנצערט פון משה בערעגאָווסקיס כאָר, אין קיעוו אין 1918... און אַ באַרימטער מוזיק־פּראָפעסאָר האָט זיך גענומען צופּאַסן אוראַלטע יידישע מעלאָדיעס פון תפילות צו נייע טעקסטן... ניין, ניט קיין מוזיק־קאָנצערט איז עס געווען פאַר מיר, אַן אויפבליץ פון אַ גרויסן אויפשיין און פון אַ פינצטערער כמאַרע... און אַן אַרומגעברענטער שייטל וואָס האָט זיך צופעליק בנס אַרויסגעראַטעוועט...

* * *

## אַ מעשה מיט אַ בריוו פון קרן קימת

אפשר איז עס אַ קלייניקייט, ניט צו דערציילן. איך מיין אָבער, אַז ס׳איז כדאי יידישע יידן זאָלן עס וויסן: מיר האָבן געקראָגן אַ קבלה פון קרן קימת אויף אַ באַשטייערונג. ניטאָ קיין איין געדרוקט אות פון יידישן אלף־בית! צו דער קבלה איז געווען אַ דאַנק־בריוו. קיין איין וואָרט ניט פון יידישן אלף־בית! ניט פון געדרוקטן בלאַנק און ניט פון געשריבענעם בריוו. איר ווייסט אפשר: האָט דאָס יידישע פאָלק אַ מאָל יאָ געהאַט אַן אייגן אלף־בית, געהאַט און פאַרלאָרן?

ביי אונדז — ביי מיין פרוי און מיר — איז אַ מינהג, אַז עס קומט אַ בריוו פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע אָדער פון אַ אינסטיטוציע אָן אַ יידישן טעקסט, שיקן מיר אָפּ צוריק מיט אַ באַמערקונג: „אַ ייד צו יידן אין אַ יידיש לשון." מילא, יענער קאָנסערוואַטיווער ראַביי, וואָס רעדט מיט מיר אַ געשמאַקן יידיש און זאָגט: „ווו נאָך קען איך זיך אויסריידן אַזוי היימיש אין יידיש ווי מיט אייך? אָבער — איך בעט אייך — זאָל זיך מיין פּרעזידענט ניט דערוויסן אַז איך קען יידיש; עס קען מיר שאַטן צו מיין חיונה..." אָבער עס דערציילט מיר אַ ייד: ער דינגט אַ שטאָט אין אַן אָרטאָדאָקסישן בית המדרש, קריגט ער אַ בריוו דווקא אין ענגליש! מען מענטשלט זיך, ווייזט אויס. עס איז חשובער אין ענגליש. אַ פרומע אינסטיטוציע פאַר עלטערע יידן אין ניו־יאָרק שיקט אַ קבלה מיט אַ בריוו — ווידער אין ענגליש. אַז איך שיק אָפּ און מוסר אויס, קריג איך יאָ אַן ענטפער אין יידיש: זיי אַליין — אדרבא ואדרבא, זיי זיינען אַלע געקומענע, זיי ריידן נאָר יידיש, אָבער אַ צרה: די סעקרעטאַרינס קענען ניט קיין יידיש, וואָס זאָל מען טאָן? איך אָבער גלייב אַז... ווען פון די 64,000 קאָפּיעס פון בולעטין וואָס די קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס צעשיקט צו די ביישטייערער אירע, וואָלטן אָבער איין טויזנט יידן אָפּגעשיקט צוריק: „מיר זיינען יידן, מיר האָבן אונדזער לשון, מיר גיבן אונדזער צושטייער ניט ווי בירגער אין אַמעריקע, נאָר ווי יידן, פון יידישן פאָלק, און מיר ווילן קריגן בולעטינען אין אונדזערן אַ לשון"... ווען עס וואָלטן געווען אַזוינע שטאָלצע יידן, וואָלטן אינסטיטוציעס געזוכט סעקרעטאַרינס וואָס קענען יידיש, העברעיש; וואָלטן יידישע שולן פון אַלע ריכטונגען געלערנט יידיש; וואָלט מען פאַרשפּאָרט די שטומע פּראָפּאַגאַנדע, וואָלטן יידישע הויכשולן פאַרנומען זיך ניט בלויז מיט אַרכעאָלאָגישער יידישקייט פון פאַרצייטן, וואָלט אפשר געווען אויך אַן אַנדער מערכה מיט יידישער יוגנט... אפשר ווייסט עמיצער ווו מען קען קריגן אַ רעצעפּט פון אַ ביסל שטאָלץ פאַר יידישע יידן?... אַ ביסל דרך־ארץ פאַר דעם אייגן פאָלק.

* * *

## אין אַ יידישן בוך־געשעפט

ס'איז געווען קרוב צו חנוכה. דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט חנוכה פּראָדוקטן. „קדחת איז ניט קיין קרענק און פּורים איז ניט קיין יום־טוב" איז געווען ביי יידן אַ ווערטל. אָבער וועגן חנוכה וואָלט עס אין די צייטן קיינער ניט געזאָגט. אייך קלייניקייט! קום איך אַריין אין געשעפט. אָן עין הרע! אָנגעשטעלט אַזוי פיל חנוכה־מאַטעריאַל כאָטש דינג אַ זאַל, וועט זיך עס אויך ניט אויסשטעלן אַלץ. חנוכה־מנורות אַלערליי, האָלץ און מעטאַל, שיינע און שענערע. חנוכה־ליכטלעך אויך אַלערליי — דאָס קומט אַזש פון מדינת ישראל. איז די מצווה צו קויפן נאָך גרעסער דאָך. ווייטער קומען באַגריסונג־קאַרטלעך, חנוכה־סערוועטקעס, חנוכה־פאַרטעכער פאַר דער באַלעבאָסטע, טיש־טעכלעך, דריידלעך און ווידער דריידלעך און פאַפּירענע דריידלעך און פון פּלאַסטיק מיט שאָקאָלאַד און צוקערקעס... און ביכער מיט ביכלעך און ביכעלעך — אַלץ וועגן חנוכה... און וואָס אַ מויל קען נאָר אויסרעכענען און וואָס אַ יידיש קעפּל קען נאָר צוטראַכטן...

קומען קונדן קויפן, מיט קינדער. הער איך אַ קינד פרעגט אין ענגליש, פאַרשטייט זיך: וואָס איז עס חנוכה? און דער טאַטע ענטפערט: „חנוכה — דאָס איז דער יידישער קריסטמעס...

— אַהאַ, מאַכט דאָס קינד, איצט פאַרשטייט ער שוין...

קומט אַ צווייטער ייד מיט צוויי יינגלעך און... אוי, ניסים! הערט נאָר! אַ ייד, אַ יונגער מאַן און ער רעדט מיט זיינע קינדער נאָר יידיש! האָט איר געזען אַזאַ וואונדער?

צערעדט זיך מיט אים דער פריערדיקער ייד:

— שלום עליכם, אַ גרינער! פון וואַנען קומט אַ ייד? און ווען זייט איר פון פוילן?

ענטפערט דער צווייטער: וואָס גרינער? ווען גרינער? איך בין אַ געבאָרענער אין קאַנאַדע, איך האָב געהאַט אַ מאָל אַ לערער אין אַ יידישער שול, האָט ער אין מיר איינגעפלאַנצט אַ ליבע צו יידיש. רייד איך מיט מיינע קינדער דווקא יידיש...



הער איך דעם שמועס, טו איך אויס מיינע ברילן און נעם רייבן די אויגן: כאָטש נעם קלינג גלייך אין טעלעפאָן צו אַלע רבנים אין שטאָט און פרעג: ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף אַזאַ משונה־מאָדנעם ייד, וואָס רעדט מיט קינדער אויף יידיש?... די מעשה איז אָבער וואָס דער רב האָט נאָך אויך ניט געזען אַזאַ משונהדיקע בריה: אַ ייד, אַ יונגער מאַן, ניט קיין צעדרייטער — און ער רעדט מיט קינדער אויף יידיש!... עס טרעפן זיך נאָך ניסים אויך איצט.

....דער יידישער ייד זוכט און זוכט אויף אַלע טישן. און לסוף גיט ער אַ פרעג דעם קרעמער: — איר האָט גאָר ניט עפּעס אויף יידיש? איך וויל מיינע קינדער געבן חנוכה־געלט אויף יידיש. איך זוך און זוך און איך געפין ניט...

— ניין, טאַקע — ענטפערט דער קרעמער — אויף יידיש איז גאָר ניט ניטאָ. איר זוכט אומזיסט... דער קאַנאַדער ייד זעט איך שטיי אַ פאַרוואונדערטער, זאָגט ער שוין צו מיר:

— ווו נעמט מען איצט אַ מתתיהו חשמונאי, ער זאָל מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן די היינטיקע אַסימילאַטאָרן, וואָס מאַכן פון זייער חנוכה ווידער אַ שטיק אַסימילאַציע? ווו נעמט מען? — עס איז דאָך היינט אַ חנוכה אויף דער לינקער זייט!... דערמאָן איך זיך די דערקלערונג פון דעם פריערדיקן יידן: וואָס איז חנוכה? — חנוכה איז דער יידישער קריסטמעס . . .

* * *

## פון וואַנען נעמט זיך אַסימילאַציע?

איך בין אַ מאָל געווען אַ לערער. זיינען ביי אונדז אין אַ יידישער טאָגשול געווען אויך קריסטלעכע לערערס. געווען אַ ספּעציעלע לערערין פאַר הויזווירטשאַפט פאַר מיידלעך. איין מאָל באַמערק איך — אַ קינד טראָגט פון דער היים אַ גלאָז מיט קרעפּסלעך (ראַקעס). רוף איך אַריין דאָס קינד צו מיר אין קאַבינעט, איך פרעג ביים מיידל, ווו זי האָט גענומען די קרעפּסלעך? — דאָס האָט איר די מאַמע געקויפט, די לערערין האָט געהייסן ברענגען קרעפּסלעך, זי דאַרף די מיידעלעך לערנען קאָכן קרעפּסן. האָט די מאַמע איר מיטגעגעבן אַ סלוי מיט קרעפּסלעך. נעם איך קודם כל צו דעם סלוי מיט די קרעפּסלעך, איך גיב עס אַוועק אַ קריסטלעכן לערער, דאָס האָט מען אים געשיקט אַ מתנה. איך קלינג אָן דער מוטער. איך קען די פרוי — אַ גוטע יידישע פרוי, איר פאָטער — אַ גוטער בעל־תפילה, אַ יודע ספר; די שטוב, דאַכט זיך, אַ יידישע. ווי קומט עס זי זאָל קויפן פאַר איר טאָכטער קרעפּסלעך און נאָך עס שיקן אין שול אַריין?! פאַרשטייט זי ניט, אַז איך וועל ניט דערלויבן צו קאָכן אין שול־קיך קיין קרעפּסן? און ווי קומט עס צו איר — צו ר' יעקבס טאָכטער? אַזוי מוסר איך די פרוי אין טעלעפאָן...

ענטפערט מיר די פרוי: ערשטנס, ווייסט זי אַז די שול איז דאָך אַ וועלטלעכע, און איך בין דאָך אויך ניט קיין פרומער, טאָ וואָס איז דאָ דער גאַנצער ענין? דריטנס, דערציילט זי מיר — זי אַליין קען אפילו ניט קוקן אויף קרעפּסן. זיי נוצן עס ניט. נאָר די לערערקע האָט דאָך געהייסן, דאַרף מען דאָך פאָלגן... פיר איך ניט קיין דיסקוסיעס, און איך בעט דעם קריסטלעכן לערער ער זאָל אָפּדאַנקען די פרוי פאַר דער מתנה, איך טעלעפאָן טאַקע... און איך דערקלער דער פרוי: די שול איז טאַקע אַ וועלטלעכע, אָבער קיין טרייפע עסנס וועל איך ניט לאָזן קאָכן אין שול. אַז זי וועט קומען אין שול, וועל איך עס איר ברייטער דערקלערן. גוט, פאַרקערט, דאַנקט מיר די פרוי גאָר, זי קען ניט קוקן אויף קרעפּסן. נאָר די לערערקע האָט דאָך געהייסן . . .

געקומען די לערערקע פון הויז־ווירטשאַפט. רוף איך זי אַריין און זאָג איר: איך בעט זי זי זאָל לערנען די קינדער קאָכן יידישע עסנס. זאָגט זי — זי קען ניט, זי ווייסט ניט. זאָג איך צו, אַז איך וועל בעטן אַ פּאָר יידישע פרויען איר צו העלפן.

כך הווה: אָנגעקלונגען צו אַ פּאָר פרויען, גוטע באַלעבאָסטעס — אַ סך מאָל געווען ביי זיי אין שטוב, און זיי האָבן צייט: די קינדער שוין גרעסערע, אין שטוב — דינסטן. איך בעט זיי קומען צו מיר אין שול. באַשטימט די צייט. זיי זיינען געקומען. דערקלער איך זיי

וואָס איך וויל: זאָלן יידישע קינדער אין אַ יידישער שול זיך לערנען קאָכן געפילטע פיש, אַ יידישן צימעס, אַ טייגעכץ, אַ ראָסל־פלייש — מאַלע וואָס? און איך זשאַלעווע ניט קיין קאָמפּלימענטן: איך האָבן ביי זיי געגעסן זייערע געפילטע פיש און זיך מחיה געווען...

נו, האָב איך דאָ אויסגעהערט אַ לעקציע פון די צוויי ווילע יידישע פרויען: זיי אַליין, אין דער היים, אין שטעטל, האָבן טאַקע גאָר אַנדערש ניט געוווסט, ניט געזען און ניט געקאָנט. אָבער דאָ איז אַנדערש....

— פאַרוואָס איז אַנדערש? פאַרוואָס זאָל זיין אַנדערש? — פרעג איך. קומט דאָ די פילאָסאָפיע פון אַסימילאַציע. מען ענטפערט מיר קלאָר און פשוט: אַז מען לעבט ביי יענעם אין לאַנד, דאַרף מען ריידן יענעמס שפּראַך, פירן יענעמס שטייגער, עסן יענעמס מאכלים, און בכלל זיך באַמיען זיין ווי יענער... מאַך איך נאָך אַ וויץ און איך גיב צו: פירן זיך אַזוי ווי זיי און גיין זונטאג אין קלויסטער...—ניין, רעליגיע ניט! דאָס דאַרף מען ניט. אָבער נאָר די רעליגיע. בקיצור, וויפל איך האָב גערעדט, געטענהט — עס האָט מיר גאָר ניט געהאָלפן. אַלץ איין טענה: יידן זיינען ביי זיי אין לאַנד, זיי זיינען די באַלעבאַטים, טאָרן יידן זיך ניט אויסטיילן. מען דאַרף זיין אַזוי ווי זיי. גענוג אַז זיי לאָזן היטן די רעליגיע...

— און וואָס מיינט איר — כאַפּט זיך אַרויס איינע — דאַרף מען טאַקע די יידישע שול אויך מאַכן אַ ביסל ווי אין אַ קלויסטער. האָבן די יונגע טאַקע זייער גוט געמאַכט מיט דעם קאָנסערוואַטיוון טעמפּל. זי איז דאָרטן אַ מיטגליד, זי גייט אַהין אַלע פרייטאג צו נאַכט. עס איז אַזוי שיין ! מען רעדט שפּאַניש, דער חזן זינגט, דער ראַביי גייט אָנגעטאָן אַזוי שיין! אַלץ, זאָג איך אייך, איז ווי אין אַ שיינעם קלויסטער... אַ מחיה !..

אלה תולדות — דאָס איז די פילאָסאָפיע פון אַסימילאַציע. האָט מיר דערציילט איינער אַ רייכער ייד. ער האָט געמאַכט אַ גוט געשעפט מיט אַ פּאָר קריסטן, פאַרדינט זייער פעט. איז מען אַריין אין אַ רעסטאָראַן פאַרטרינקען, פאַרבייסן. האָט מען באַשטעלט אויסטערס. ער האָט אויך „געמוזט" עסן. זיך צוגעקוקט ווי זיי טוען און אויך געטאָן ווי זיי. אַראָפּגעשלונגען און... געמוזט אַרויסלויפן אויסברעכן... אָבער פּאַסאָן מוז מען האַלטן! ווי דען ? . . .

* * *

## צו דער צענטראַלער יידישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס

באַקומען דעם אָפיציעלן באַריכט פאַרן יאָר 1969. עס איז באמת אַ גרויסע און אַ גאָר וויכטיקע אַרבעט צונויפצוזאַמלען אַזאַ גרויסע סומע פאַר די אָרטיקע, כולל־דיקע הצטרכותן ווי אויך פאַר דער דרינגענדער נויט פון ישראל. דאָס צו צענטראַליזירן — אַ גרויסער ענין. עס קען אַמאָל ווערן אַ התחלה פון אַ קולטור־אויטאָנאָמיע. קומט דערפאַר אַ ברכה. אָבער עס פעלט אין באַריכט:

1.—צי די צאָל בייגעשטייערטע פאַר יידישע צילן שטייגט אָדער ניט?

2.—וואָס פאַר אַ פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג באַשטייערט זיך (אפילו בערך)?

3.—וויפל פון די קהלשע אָנגעשטעלטע, וואָס לעבן דירעקט פון יידן, וויפל פון זיי צאָלן נ י ט דער קהילה?

דאָס וואָלט געקענט געבן אַ בילד פון די דינאַמישע טענדענצן פון יידישן לעבן.

עס האָט אָבער געשטאָכן אין האַרצן דער פאַקט, וואָס אפילו די צענטראַלע קהילה שטופּט אַראָפּ דאָס יידישע פאָלק צו דער מדרגה פון די פּרימיטיווע, אומקולטוריקע פעלקער וואָס האָבן אפילו ניט קיין אייגענעם אלף־בית. דאָס איינציקע יידישע וואָרט „מצווה" שרייבט מען אויך מיט פרעמדע אותיות: „מיטזוואַה"! וויי און ווינד איז אונדז, וואָס אפילו די צענטראַלע קהילה וויל שוין אפילו ניט וויסן פון אַ יידישן אות !

מען האָט מיר דערציילט אַז אַ 12,000 יאַפּאַנעזער זיינען דאָ אין שטאָט און זיי האָבן יאָ אַן אייגענע צייטונג אויף זייער שפּראַך. איך פרעג איינעם פון זיי, אַ געבוירענעם אין אַמעריקע, צי ער קען יאַפּאַנעזיש? — ווי דען? — ענטפערט ער. — אין שטוב ריידן מיר יאַפּאַנעזיש... איך האָב זיך פאַרשעמט, „בושנו מכל עם": אפילו אין דאַוועגען צווישנגען דאָך יידן



מאיר זימל טקאַטש / ניו־יאָרק

# ז ר י ע ה

(פון מיינע יוגנט־מאָטיוון)

כ'האָב די ערד צעגראָבן
און געמאַכט זי פעטער
און פאַרזייט מיין זריעה
אין אַ שיינעם וועטער.

— גוטער גאָט אין הימל,
שיק אין צייט דעם רעגן,
מיין פאַרזיי זאָל גרינען
ביי די גרויע וועגן. —

שיקט ניט גאָט קיין רעגן,
נאָר — אַ פראָסט אַ שפּעטן,
פרירן מיינע זוימען
אין די קאַלטע בעטן.

קומען ראָבן, נעמען
אויספּיקן די קערנער,
במקום זיי, זאָל אויפגיין
קראָפּיווע און דערנער.

טרייב איך אָפּ די ראָבן:
— איר וועט ניט באַרויבן
מיך פון מיין בטחון —
ס'פרוווט גאָט אויס מיין גלויבן.

און מיין זריעה, וואָס איז
אַלץ ניט אויפגעגאַנגען —
מירצושעם, איך וועל נאָך
שניידן אירע זאַנגען.

---

זייער גאָט... אָנשטעלן פרעמדשפּראַכיקע סעקרעטאַרן, מסתמא? וואָס זאָל ער נעבעך טאָן ?

האָב איך געזוכט צווישן די אינסטיטוציעס וואָס ווערן געשטיצט פון דער קהילה, יידיש־יידישע אינסטיטוציעס, האָב איך אָבער אויסער דעם ייוו"א אין ניו־יאָרק קיינעם ניט געפונען. אַזוי ווי מיר שטיצן מיט עטלעכע הונדערט דאָלער ספּעציעל יידישע אינסטיטוציעס, האָבן מיר דערפאַר היינטיקס יאָר ניט געצאָלט דער קהילה פאַר אָרטיקע באַדאַרפן. געלאָזן בלויז די דרינגענדיקע ישראל־נויטן.

האָב איך געזוכט: מיט וויפל שטיצט די קהילה דעם היגן איין און איינציקן יידישן זשורנאַל, טאַקע דעם „חשבון"? ניט געפונען, גאָרניט! אַ סך געלטער פאַר קולטור־אינסטיטוציעס, פאַר דעם „חשבון" — ניט קיין סענט! פאַר דעם קולטור־קלוב — גאָרניט !

דאַרף מען פרעגן די פיר קשיות: די ערשטע קשיא איז: פאַרוואָס זאָלן יידן אויסגעבן מיליאָנען פאַר לערנען קינדער יידיש, העברעיש, אַז „קיינער דאַרף עס ניט"? אפילו ניט די צענטראַלע קהילה? די צווייטע קשיא: פאַרוואָס זאָלן יידישע קינדער גאָר וועלן לערנען, אַז קיין לעבן מאַכן קען מען ניט פון דעם? און אַמעריקאַנער זיינען זייער פּראַקטיש, אפילו קינדער.

די דריטע קשיא: פאַרוואָס זאָל אַ צענטראַלע יידישע קהילה ניט פאָדערן אַז אַלע געשטיצטע אינסטיטוציעס זאָלן אָנשטעלן סעקרעטאַרן און בכלל באַאַמטע וואָס זיינען ניט קיין גראָבע יונגען, עם־הארצים אין יידישקייט?

און די פערטע לעצטע פראַגע איז: צי איז פאַראַן אויף דער וועלט כאָטש נאָך איין פאָלק וואָס זאָל זיך אַליין אַזוי מבייש זיין? זיך אַליין מבטל זיין?

מיט 74 יאָר צוריק האָט אחד־העם געשריבן: אַז אַ לאַנד ווערט חרוב, קומען מענטשן און זיי בויען זי צוריק. אָבער אַז אַ פאָלק ווערט חרוב, ווערט ווער עס אויפבויען?

גיט דעם ריכטיקן ענטפער אויף אחד־העם אין אַן אַנדער עסיי. לאָמיר אחד־העמס ענטפער איבערגעבן עטוואָס אַנדערש: עבדים היינו: טייטש — קנעכט זיינען מיר געוואָרן אין אַלע פרייע לענדער. „קנעכטשאַפט אין פרייהייט", האָט עס אָנגערופן אחד־העם.

י. א. אבודין

# שמואל יוסף עגנון ז״ל

דינסטאָג, י״א אדר א׳ תש״ל, איז אין תל אביב נפטר געוואָרן ר׳ שמואל יוסף עגנון, דער קלאַסיקער פון דער ניי־העברעישער ליטעראַטור, דער איינציקער שרייבער פון אונדזערע צוויי נאַציאָנאַלע לשונות, העברעיש און יידיש, וואָס האָט געוווּנען דעם נאָבעל־פּרייז. ער איז אַלט געווען 81 יאָר.

אין משך פון אַ סך יאָרן האָט ש״י עגנון ז״ל פאַרנומען דעם אויבן אָן אין דער העברעישער ליטעראַטור. ער איז באמת געווען אַ סך מער ווי אַ קינסטלער. זיינע ווערק שטעלן פאָר מיט זיך אַ גאַנצע יידישע קולטור־תקופה — די קולטור־תקופה פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום פאַר אונדזער גרויסן חורבן און די פּיאָנערן־תקופה אין ארץ ישראל בעת דעם געראַנגל פאַר כינוס הארץ און פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה.

אַחוץ דעם נאָבעל־פּריז האָט ש״י עגנון זוכה געווען צו אַ סך אַנדערע כיבודים וואָס אַ יידישער שרייבער קען זיך ווינטשן: ער האָט באַקומען דעם ביאַליק־פּריז, צוויי מאָל באַקומען דעם ישראל־פּרס, ירושלים האָט אים אויסגעוויילט ווי איר ערן־בירגער, ער האָט באַקומען ערן־דאָקטאָראַטן פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, פון דעם ג. י. אוניווערסיטעט און ישיבה אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק, או אַנדערע אַקאַדעמישע אנשטאַלטן.

שמואל יוסף עגנון ז״ל, וואָס זיין אָריגינעלער נאָמען איז געווען טשאַטשקעס, איז געבוירן געוואָרן תשעה באָב, תרמ״ח (1888) אין ביטשאַטש, מזרח גאַליציע, ביי זיין פאָטער ר׳ שלום מרדכי. אָנגעהויבן שרייבן האָט ש״י עגנון צו 16 יאָר, אויף יידיש און העברעיש, אונטער זיין אָריגינעלן נאָמען, טשאַטשקעס, אין דער גאַליצישער יידישער און העברעישער פּרעסע. געשריבן האָט ער לידער און דערציילונגען. אָבער די ערשטע צייט איז ער געווען ווייניק אָנגעזען און די ליטעראַרישע קריטיק האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן פּאַסירט אין זיין לעבן צוויי געשעענישן, וואָס האָבן זיין שרייבן געגעבן אַ ווענדונג צו געפינען זיך אַליין, צו שטייגן און זיך אַנטוויקלען אויף דעם דרך וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אין זיין שעפערישקייט.

די ערשטע געשעעניש איז געווען בעת ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר און ער האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל, וווּ ער האָט אָפּגעלעבט פינף יאָר. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט י. ח. ברענער און אַנדערע שרייבערס פון יענער סביבה און האָט אָפּגעדרוקט אין דעם ליטעראַרישן זשורנאַל ה ע ו מ ר, וואָס איז דענסטמאָל דערשינען אין ארץ ישראל, אַ דערציילונג אונטערן נאָמען ע ג ו נ ו ת, אַנשטאָט זיין אייגענעם נאָמען, טשאַטשקעס, האָט ער זיך דערויף אונטערגעשריבן ע ג נ ו ן, טאַקע פונעם וואָרט ע ג ו נ ה. אין אָט דער דערציילונג איז שוין געווען מער אינהאַלט און בעסער שרייבן איידער אין די דערציילונגען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין גאַליציע. דאָ איז געווען אייגנאַרט און סטיל — אַן אָנווייז אויף צוויי שטריכן וואָס ער האָט אַנטוויקלט אין זיין וויטערדיקן שאַפן: געציילט די ווערטער, געהיט זיך פון איבעריקע רייד, און זיי געפּוצט צו געבן זיי פּאָעטישקייט און פּאַטאָס; געגאַנגען צו דער טיף פון מקור פון יידישער נשמה.

אָבער אויך עגונות האָט אין די ברייטע יידישע ליטעראַרישע קרייזן קיין רושם ניט געמאַכט. דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַר דעם איינגעשטעלט, איז געווען דער פריער דערמאָנטער בשעתו באַרימטער העברעישער שרייבער י. ח. ברענער. ברענער האָט וועגן דעם געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג אין העומר און געצויגן דעם אויפמערק צו דעם נייעם אויפגעקומענעם יונגן שרייבער, און געזאָגט, אַז עגונות דערמאָנט אים אָן די פּאָעטישע מעשיות פון נחמן בראַצלאַווער און אין די אגדות פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, און עס איז אפילו בעסער פון בערדיטשעווסקיס



דערציילונגען, מחמת דאָ גייט עס נישט אין נסים, נייערט אין נאַטירלעכע זאַכן.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט ברענער צוגעגעבן, אַז „אויב עס איז דאָ אַן אָרט אין אַ ניט־גערעדטער שפּראַך (העברעיש) פאַרן קינסטלערישן פאָלקס־עפּאָס, איז ש״י עגנון איינער פון זיינע גרויסע שעפערס.״

י. ח. ברענער האָט אויף אַזוי פיל געשאַצט ש״י עגנונס ליטעראַרישן טאַלאַנט, אַז ער — אַליין אַ גרויסער אָרעמאַן — איז אַרומגעגאַנגען צווישן פריינד און באַקאַנטע און געשאַפן געלט־מיטלען בכדי אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדער אויפלאַגע אַ באַנד שריפטן פון ש״י עגנון. אויך ווערט דערציילט, אַז ווען אַ קריטיקער האָט געוואָלט פאַרגלייכן עגנונען צו דעם דענסטמאָל באַרימטן יידיש־דייטשישן נאָוועליסט יעקב וואַסערמאַן, האָט אים ברענער געענטפערט, אַז וואַסערמאַן מעג גיין היצן דעם אויוון ביי עגנונען...

אין תוך האָט ברענער אָנגעוויזן דעם וועג פאַר עגנונען, און אויף דעם דרך איז עגנון אַוועק. עגנון האָט פאַר דעם נאָר געדאַרפט די רואיקייט, די צייט און דאָס פולע אָפּגעבן זיך מיטן אַרבעטן אויף זיך און אויפן נייעם אַרט שרייבן. און דאָ איז געקומען די צווייטע היסטאָרישע געשעעניש אין זיין לעבן:

אין 1913, אין דעם עלטער פון 25 יאָר, איז עגנון אַוועקגעפאָרן פון ארץ ישראל קיין דייטשלאַנד צו שטודירן אין בערלינער אוניווערסיטעט. אין אַ יאָר אַרום איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און ווי אַן עסטרייכער בירגער איז ער שוין דאָרט פאַרבליבן ביז דעם יאָר 1924, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל. אין בערלין האָט עגנון זיך באַפריינדעט מיט זלמן שאָקען, אַ גרויסער גביר און אַ פאַרלעגער, אַ העברעער און ציוניסט. שאָקען איז דעמאָלט געוואָרן, און זיין פירמע איז פאַרבליבן עד היום, עגנונס פאַרלעגער, וואָס גיט אַרויס זיינע ווערק ניט נאָר אין העברעיש, נאָר אויך אין איבערזעצונגען אין אַ סך אַנדערע לשונות, באַזונדערס אין דייטש און ענגליש.

אין עגנונס ווערק געפינט זיך ניט קיין אויפברויז, קיין שטורעם. עגנון האָט געשריבן געמיטלעך, רואיק, ווי די איבערלעבונגען פון זיינע העלדן וואָלטן ניט געהאַט קיין באַטרעף. אָבער אין אָט דער געמיטלעכקייט און רואיקייט געפינט זיך אין דער אמתן אַ פאַרהוילענער ווולקאַן. מיט גרויס טאַלאַנט האָט ער זיך דערגרונטעוועט צום אַלטן מקור און עס אַרויסגעבראַכט אין אַזאַ פאָרם אַז ס׳ווערט אַלמענטשלעך.

מ. אונגערפעלד, דער ביאַליק פאָרשער, ציטירט וואָס ביאַליק האָט געזאָגט וועגן עגנונען מיט אַרום 40 יאָר צוריק:

„ש״י עגנון האָט אויפגעלעבט דעם סטיל פון חסידים. דאָס איז מאָזאַיקע. יעדער שטיקל בריק פון דעם עבר איז וויכטיק. דאָס איז נאָכמאַכונג. אָבער גלייכצייטיק איז דאָס אויך שאַפונג. די חסידים האָבן דאָך קיין מאָל אַזוי שיין נישט געשריבן ווי ער. אַז מען לייענט עגנונען, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ווען די חסידים וואָלטן געשריבן ווי זיי האָבן באַדאַרפט שרייבן לויט זייער גייסט, לויט דער פילאָסאָפיע זייערער, מיטן פייער פון זייער האַרצן, און דעם אייגנאַרטיקן הומאָר זייערן — וואָלטן זיי געשריבן ווי עגנון. אין זיין סטיל איז דאָ גאַנצקייט, ווי אויסגעגאָסן בראָנז. פאַרשטענדלעך אַנדערש ווי ביי מענדעלען. אָבער ער האָט אויך געלערנט אין מענדעלעס חדר — ווי מיר אַלע האָבן ביי אים געלערנט.״

און דער פּאָעט און עסייסט, אהרן צייטלין, וועלכער האָט עגנונען געקענט זייער גוט און קען אים שאַצן פיל בעסער און טיפער פון וועמען אַנדערש, האָט וועגן אים געשריבן, אַז —

„עגנון איז פון יענע שרייבערס, וואָס לאָזן זיך נישט קלאַסיפיצירן. דאָס הייסט נישט, אַז מ׳האָט עגנונען נישט קלאַסיפיצירט; מ׳האָט עס געטאָן און מען טוט עס ביז איצט. אָבער דער סך הכול איז, אַז די אַלע קלאַסיפיצירונגען זענען נאָר האַלבע אמתן, צו מאָל פערטל אמתן. וואָרעם עגנון האַלט אין איין איבערראַשן.

„...זאָל מען זאָגן, אַז עגנון איז אַ ראָמאַנטיקער? געוויס. ער איז — צו נוצן, לייכט געענדערט, זיינס אַן אייגענעם משל — אַ מענטש, וואָס זיצט אין דער אָרעמער סוכה פון יורדישע צייטן און דערציילט וועגן דער עשירות פון גרויסע

אָבות. ער, שמואל יוסף בר׳ שלום מרדכי הלוי, האָט דעם גאַנצן עבר פאַר זיין הינטערגרונט. אין אַ ריי שאַפונגען, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אַ קלאַסיקער פון דער נײַ העברעיִשער ליטעראַטור, איז ער, דער פּאָעט פון דער טראַדיציע און פון דער אַמאָליקער גייסטיקער גאַנצקייט. גענוג צו דערמאָנען אַזאַ געהויבענעם עפּאָס פון אמונה ווי הכנסת כלה, אָדער אַזאַ ראָמאַנטישן נאַראַטיוו ווי בלבב ימים. אין פאַרשיידענע ווערק פון גרעסערן כמות אָדער קלענערן איז ער דער שילדערער און פאַרהערלעכער פון דעם פרום־דורותדיקן לעבנסגאַנג. זיין קונסט איז געבויט אויף יענע ווערטן און אידעאַלן, וואָס זענען די נשמה פון דער היסטאָרישער כנסת ישראל. אָבער עגנון איז פּונקט אַזוי אַ שילדערער פון דעם מאָדערנעם ייד. ער האָט געשילדערט אין הכנסת כלה דעם חסיד ר׳ יודל, דעם סימבאָל פון בטחון און יראת־שמים, און ער שילדערט אַ דאָצענט פון ירושלימער אוניווערסיטעט, אַ מאָדערנעם ייד ווי מאַנפרעד הערבסט. ער איז אַ ראָמאַנטיקער, אַ סימבאָליקער, אַ וויזיאָנער, און יאָרן איידער עס איז אויפגעקומען סורעאַליזם איז ער געווען אַ סורעאַליסט אויף זיין אייגענעם שטייגער. אָבער פּונקט אַזוי איז ער אַ רעאַליסט. ער האָט אַן אויג פאַר דעטאַלן און ער שילדערט פּרטים רעאַליסטיש. ער איז אַ ליריקער פון אַ הויכער מדרגה, אָבער איז פּונקט אַזוי אַ לכל־הדעותדיקער עפּיקער. ער איז פאָלקסטימלעך און איז ראַפינירט און קאָמפּליצירט. ער איז גוטמוטיק הומאָרפול, אָבער אין אַזאַ זאַך ווי בנעורינו ובזקנינו איז ער שניידיק סאַטיריש.״ *)

אייניקע ליטעראַטור־קריטיקערס באַטאָנען, אַז עגנון איז דער עיקר געווען דער פּירשפּרעכער פון דער סביבה און גייסט פון גאַליציאַנער יידישקייט. ס׳איז אָבער בלויז טיילווייז ריכטיק. אין זיינע ווערק: הכנסת כלה, והיה העקוב למישור, בלבב ימים, אורח נטה ללון, אלה ואלה, האש והעצים און אַנדערע, האָט עגנון טאַקע געבויט די יידישע זיטלעכקייט אויף דעם באָדן פון דער סביבה וואָס ער האָט געוווסט צום בעסטן — די יידישע סביבה פון גאַליציע. די סביבה איז אָבער נאָר געווען די קאַנווע אויף וועלכער ער האָט געמאָלן. און ביי אים איז דער עיקר ניט די קאַנווע, נאָר די פאַרבן וואָס ער האָט אויף איר געלייגט, די העלע און ליכטיקע פאַרבן מיט וועלכע ער האָט געמאָלן די קדושים פון יידישקייט.

דערביי איז באַזונדערס וויכטיק דאָס לשון וואָס ש״י עגנון האָט גענוצט אין זיינע שריפטן. און אין שייכות מיט דעם איז כדאי צו ציטירן וואָס עס האָט וועגן עגנונען געשריבן דער באַקאַנטער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער אין ישראל, ישעיהו שפּיגל:

„ש״י עגנון מיט זיינע אין העברעיִש לשון געשריבענע ווערק, איז נישט קיין שרייבער אויסשליסלעך און בלויז פון לשון העברעיִש, הגם ער באַנוצט זיך מיטן דאָזיקן לשון אין איר יעדער קרישטאָליקער פאָרעם — פון מדרש, פון פּרק, פון אגדה און ביבלישן אָטעם, מיט אַן אַרכאַישן, אַלט פאָלקסטימלעכן מעשה סטיל.

„...זיינע אַזוי וויגנדיק־ריטמישע, ווייכע, האַרציקע, פאָלקסטימלעכע זאַצן, געבויט מיט די שענסטע פאַרבן פון עניוות, פון חכמה און מיט די אוצרות פון לשון קודש (פון זיי) ניגונט אַרויס אַזוי שטיל און מתיקותדיק, אַזוי פאַרבענקט און אַלט־היימיש, דאָס פאַרקליידטע און אויסבאַהאַלטענע יידיש־לשון צווישן זיינע געקרייזלטע און פאַרכישופטע העברעיִשע פסוקים.

„... שמואל יוסף עגנון איז נישט מער ש״י עגנון פון ירושלים, נאָר שמואל יוסף טשאַטשקעס פון בוטשאַטש, בעת ער דערציילט די מעשיות פון אַמאָל. אויפסניי הערן זיך הינטער זיינע שורות די יידישע רייד פון מענדעלע און פון שלום עליכם, דאָס וואָרט פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, פון אַלע מעשה־דערציילערס און פון אַלע פאַרשניטענע פרומע יידישע דורות, וואָס האָבן זייער לשון־יידיש פאַרווירצט מיט אַלע וואָרצלען, ריחות און גוטע זאַפטן פון לשון קודש, כדי אויפצוהיטן אַלע

*) זע: שטריכן פון אהרן צייטלין אין ש״י עגנונס בוך אַ פּשוטע מעשה, איבערזעצט פון עליעזר רובינשטיין און אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג קוואַל פון ישראל לאַנדאַו, ניו־יאָרק, 1958.



שיינקייטן, אַלע אוצרות, אַלע סודות פון יידישן קיום און פון דער יידישער פאָלקס־נשמה.

„...דער שרייבער עגנון ווערט דער אַמיינסטן יידישסטער אויסדריקער און באַוועלטיקער פון דער אומגעבראַכטער יידיש־שפּראַך, הגם זי, די שפּראַך, איז ביי אים אָנגעטאָן אינעם העמדל פון לשון קודש.״

עגנון אַנטפּלעקט די נשמה פון יידישקייט, די קדושה פון דער נשמה. אין דעם פּרט גייט ער אויפן שטייגער פון קבלה און איר אויסטייטש פון דער תורה. קבלה נעמט אָן, אַז דער פּשט פון דער תורה איז נאָר איר לבוש. די וואָס זיינען זוכה, דערקענען דעם גוף פון דער תורה, וואָס איז אונטערן לבוש. אָבער אויך דער גוף איז ניט דער עיקר, דער עיקר איז די נשמה וואָס איז אינעם גוף. און אָט די נשמה האָט אויך אַ נשמה, אַ נשמה שבנשמה, וואָס אויך זי, די נשמה שבנשמה האָט אויך אַ נשמה, און אַזוי איז עס ביז אין־סוף (אומענדלעכקייט). ביז דעם כביכול.

נון, אין־סוף קען מענטש ניט גרייכן, אָבער צום אין־סוף זיינען דאָ מדרגות, העכערע און נידעריקערע, און עגנון האָט אין זיינע שאַפונגען געגרייכט גאָר הויכע מדרגות, אויף אַזוי פיל הויכע, אַז, לפי עניוות דעתי האָט אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור נאָך קיינער אַזוי הויך נישט געשטיגן.

דאָס מיינט ניט אַז עגנון האָט געמאָלן דאָס לעבן און דעם גאַנג פון מענטש אין דורכויס ליכטיקע פאַרבן, וואָס זיינען הוילע רוחניות. פאַרקערט, דער גרויסער קינסטלער וואָס ער איז געווען, האָט גענוי געזען דעם דאָזיקן פאַרהוילענעם כוח, וואָס באַוועגט דעם גאַנג פון לעבן און מאַכט אָפט מאָל צונישט די אַלע פריערדיקע זעונגען און אויסרעכענונגען פון מענטש. דאָס איז דער כוח וואָס ווערט לכתחילה ניט דערקענט, און ווען ער באַווייזט זיך יאָ, איז ער אומגעצוימט און מאַכט צו נישט די תמימותדיקע פרייד פון מענטש און פאַרביטערט זיין לעבן. דאָס איז אָבער ניט פאַטאַליזם, וואָס פירט דערצו, אויך ניט מעטאַפיזיק. די אַלע פלאָגן און שטרויכלונגען, וואָס קומען צו מענטש, ווערן געבראַכט פון מענטש גופא. מענטש אַליין איז שולדיק אין דעם. עס שטאַמט ניט פון דרויסן, עס איז פאַרוואָרצלט אין אים, גייסטיק ווי פיזיש.

עגנון ברענגט בולט אַרויס די טראַגישע ראַנגלענישן פון מענטש קעגן די כוחות וואָס שטערן זיין גליק און די מענטשלעכע אָנשטרענגונג צו דרינגען אין די סודות פון דעם תהום פון לעבן. פון די העלדן אין עגנונס דערציילונגען שטראָמט אַרויס אַ פאַרהוילענע און אויסטערלישע ליכט. זיי זיינען אָנגעלאָדן מיט אַ קאָנצענטרירטער ענערגיע. אפילו וואָס עס זעט אויס למראית עין צו זיין גאָר אומוויכטיק, באַקומט ביי עגנונען אַ גרויסן באַטייט און ער דרינגט דורך דעם אין די טיפע סודות פון מענטשלעכן גייסט. עגנון — דער טיף־זעער וואָס ער איז געווען — האָט ניט אויסגעלאָזט דעם מינדסטן דעטאַל אין דער נשמה פון מענטש, וואָרעם ער האָט קלאָר געזען ווי פון דעם מינדסטן קען זיך אַנטוויקלען מיט דער צייט דער תוך־תוכן, דער סאַמע עיקר וואָס געשטאַלטיקט אין לעבן. עגנון איז אָבער געווען פול מיט גלויבן. זיין גאַנצע שעפערישקייט איז געווען געווידמעט דעם אָנדייט פון קדושה וואָס ער האָט געדרונגען פון לעבן און איז אַן אַרויסרוף אָנצופילן עס מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט, אָפּצוּווענדן זיך פון טפל בכדי צו גרייכן גייסטיקע שלימות, וואָס פירט צו נשמה־דערהייבונג און מתיקות הנפש.

עגנון, ווי פריער דערמאָנט, האָט געשריבן רואיק, געמיטלעך. דאָס איז די גרויסע קונסט מיט וואָס זיין טאַלאַנט איז געווען געבענטשט. די דאָזיקע געמיטלעכקייט איז אָבער בלויז אַ דרויסנדיקע, אַ סטיליסטישע. אונטער דעם איז פאַרהוילן גרויסע דינאַמישקייט, און די דינאַמישקייט שטראָמט בולט אַרויס פון דעם אינהאַלט פון וואָס ער האָט דערציילט, פון דעם למראית־עין פאַרהוילענעם אָבער אינעווייניק ברויזנדיקן גייסט פון דעם העלד וועמען ער האָט באַשריבן. פון דער באַזונדערער רואיקייט פון עגנונס סטיל, פון זיין קלאַסישער שלימות, דרינגט אַרויס אַ ראָמאַנטישער געפיל פון אומרו, פון גרויסער גלוסטונג. זיינע דערציילונגען, וואָס פאַרכאַפּן דעם געמיט מיט זייער

שיינער אויבנאויפיקייט, באַרוישן מיט זייערע דערשיטערנדיקע אינערלעכע איבערלעבונגען, מיט דער קינסטלערישער מאַניפּולאַציע צווישן פּאָבולאַרער ליריק און העלדישן עפּאָס.

עגנונס שפּעפרישקייט איז געווען גרינטלעך יידיש. אין דעם יידישן מקור האָט ער געפונען דעם עיקר פון דער מענטשלעכער נשמה, און הערלעכע שיינקייט דרינגט ער פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט. ער האָט געזונגען דאָס געזאַנג פון פאָלק, וואָס איז געווען דאָס געזאַנג פון זיין אייגענער נשמה. דערביי איז דאָ געווען אַ קעגנזייטיקע השפּעה: דורך דער עשירות פון זיין אייגענער נשמה האָט עגנון דערקענט דאָס פאָלקס־געזאַנג, און דערקענענדיק דאָס פאָלקס־געזאַנג, האָט זיין נשמה געקראָגן איר גרויסע עשירות.

בעת עגנון האָט מיט יאָרן צוריק באַקומען אַן אויסצייכענונג פון ניו־יאָרק אוניווערסיטעט (פּראָפ׳ אברהם קאַטשעס אָפּטייל פאַר העברעישער קולטור), האָט ער ביי אָט דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעדע, וואָס איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש. ער האָט אָנגעוויזן אויף די צוויי און צוואַנציק אותיות פון יידישן אלף־בית און וואָס די יידישע טראַדיציע האָט וועגן דעם געזאָגט. אין קורצע ליריִשע ווערטער האָט ער איבערגעגעבן דעם שאַפונגס־גאַנג אין די אותיות דורך דער יידישער געשיכטע ביז דעם מאָדערנעם שאַפן אין העברעיש — און ווען אַ שרייבער דאַרף געבוירן ווערן, האָט ער געזאָגט, נעמט דער רבש״ע אַרויס פון זיין אוצר אַ געוויסע צאָל אותיות פאַרן שרייבער צו געברויכן. און ער האָט ווייטער געזאָגט:

„אָבער גאָט איז ניט קיין פאַרשווענדער. אַז ער גיט, גיט ער מיט אַ מאָס. איז דער שרייבער אַ קלוגער, טראַכט ער און רעכנט און ציילט איטלעכן אות איידער ער שטעלט אים אַריין אין זיין שרייבן. איז דער שרייבער ניט קיין קלוגער, פאַרשווענדט ער די אותיות אויף זאַכן וואָס האָבן ניט קיין ווערט. און עס געפינען זיך צווישן אונדז מענטשן, וואָס מען רופט שרייבערס, וואָס פאַרברויכן די אותיות אויף פּוסטע נאַרישקייטן. זאָל דער אויבערשטער אונדז אויסהיטן פון זיי און זייער שרייבן.

„אויך אויף מיר איז געקומען די גזירה צו זיין אַ שרייבער. אַ מענטש פון פאָלק בין איך, פון די קינדס קינדער פון די יידן, וואָס אַז מען האָט באַדאַרפט זיך מוסר נפש זיין, האָבן זיי זיך מוסר נפש געווען. האָב איך אָנגענומען די גזירה, און איך טו וואָס עס איז אויף מיר נגזר געוואָרן. מ׳האָט מיר געגעבן אַזוי פיל און אַזוי פיל אותיות און איך שרייב מיט זיי.

„איך באַרים זיך ניט, אַז איך האָב טאַקע מדקדק געווען ביי יעדן אות וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן. איך האָב אויך, אין שווערקייטן, פאַרברויכט אותיות פון דער הייליקער שפּראַך ניט ווען איך האָב עס דורכויס געמוזט, צי טאַקע באַדאַרפט. אָבער איין זאַך קאָן איך זאָגן פאַר אייך, מורי ורבותי, און אפילו פאַרן בית־דין אויבן, אַז איך האָב זיך זייער און זייער באַמיט אויפצוהיטן די אָרדענונג פון וואָרט, עס זאָל ניט גיין לאיבוד. און אויב דער יצר־הרע האָט מיך פאַרפירט צו שרייבן וואָס איז ניט געווען דורכויס נייטיק, האָב איך אויך געשריבן אַנטקעגן דעם עפּעס, וואָס איך וועל זיך ניט שעמען מיט דעם, ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט.״

אָט אַזוי טאַקע האָט ש״י עגנון אויסגעזונגען זיין געזאַנג פון געזאַנגען וואָס צו עגנון, זיין מזמור שיר לעגנון.

* * *

צווישן ליטעראַטור־קריטיקערס ווערן געמאַכט אַלערליי השערות מכוח דעם ווער פון די יידישע אָדער וועלט־שרייבערס האָבן משפּיע געווען אויף עגנונס סטיל פון שרייבן. דערביי ווערן אָפט דערמאָנט: מענדעלע מוכר ספרים, קאַפקאַ, אפילו קנוט האַמסון. עגנון האָט אָבער אויפגעקלערט אַז ער איז ניט באַאיינפלוסט געוואָרן פון קיין שום באַזונדערן שרייבער אָדער ווערק, ניט אין דער יידישער און ניט אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס איז טאַקע אַ גרויסער חידוש, אָבער עגנון האָט דערציילט, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געלייענט מענדעלעס ווערק. אייניקע פון האַמסונס ווערק האָט ער יאָ געלייענט, אָבער זיי האָבן אויף אים קיין איינדרוק



משה שקליאַר

## צוויי לידער

### אויף געסעלעך קרומע

אויף געסעלעך קרומע,
וואָס פירן אינערגעץ,
וואָס ווייען מיט אומעט
פון שויבן אין מרחץ,
ווו ס׳האָט זיך געשפּיגלט
אַ האַלבע לבנה —
אַ שפּליטער פון קריגל
זי פלעגט מיר דערמאָנען —
אויף געסעלעך קרומע,
וואָס פלעגן זיך נייגן
צום מענטשלעכן שטומען,
צום מענטשלעכן שווייגן,
וואָס האָט מיך געטריבן
פון זיך צו די וועלטן,
צום האַסן און ליבן
אין היצן און קעלטן —
אויף געסעלעך קרומע
איך פיל זיך היימיש,
כ׳פאַרנעם זייער ברומען
דאָס אוראַלטע וויילד
און כ׳קוק אין די שויבנס
פאַרלאָשענע פלאַמען,
ווו ס׳האָט זיך פאַרהויבן
דער קאָפּ פון מיין מאַמען.

### שאָטנס

אַזוי איז שוין מיין דור באַשערט —
לעבן צווישן שאָטנס
און גיין מיט וואַקלדיקע טריט
אויף ערד,
וואָס בליט מיט קברים.
אַמאָל די שאָטנס ווערן קירצער, לענגער,
לויפן אויף פאָרויס
און בלייבן הענגען
אין דער לופט,
נאָר ווער עס הערט נישט
זייער רוף,
קערט אָפּ פון זיי דעם בליק,
וויל בלויז דער ליכטיקייט געהערן,
פאַרמשפּט זיך אַליין
ער זאָל אַ שאָטן ווערן.

ניט געמאַכט. פון קאַפקאַס ווערק האָט ער געלייענט בלויז צוויי דערציילונגען און האָט פון זיי „נישט געהאַט קיין גרויס הנאה.״ וואָס שייך סתם השפּעה, האָט עגנון געזאָגט: „עס איז נישט פאַראַן קיין איין שרייבער, וואָס איז נישט באַאיינפלוסט פון אַנדערע. זינט דער חומש בראשית און ביז היינט גייט אָן די קייט פון השפּעות פון איין ספר אויפן אַנדערן, און פון מענטש אויף מענטש.״ אַ מענטש מוז דאָך באַאיינפלוסט ווערן, ווייל, האָט ער געזאָגט, „אַ מענטש וואַקסט דאָך נישט אַרויס סתם פלוצלונג, פון דער ערד.״

„ווען עס קומט צו רייד וועגן מיינע שרשים,״ האָט עגנון אַ מאָל אויפגעקלערט אויף זיין געווינלעכן באַשיידענעם שטייגער, „זיינען זיי דאָך שוין פעסט איינגעשטעלט אין תנ״ך, גמרא, מדרשים און אַנדערע ספרים פון אונדזערע חכמים. ווער עס דענקט אַז מיינע דערציילונגען זיינען סטיליזירט, האָבן אַ טעות. איך שרייב ווי איך קען, אָדער ווי איך ווייס ווי צו שרייבן. איך האָב נישט די כוונה צו ׳סטיליזירן.׳ איך שרייב ווי מיין פאָטער האָט געשריבן, ווי מיין זיידע האָט געשריבן. אמת, מיין זיידע האָט ניט געשריבן קיין דערציילונגען — ער האָט געשריבן הלכה, אָבער איז נישט אַזוי ווייט אַוועק איינס פון דאָס אַנדערע. זיינע ספרים באַשעפטיקן זיך דאָך נישט מיט אַבסטראַקטע הלכה, נייערט מיט די געזעצן פון לעבן.״

ב. דעמבלין / ניו־יאָרק

# אַ „סאַמבאָדי" פון דער „אָלד קאַנטרי"

(דערציילונג)

ימים טובים האָבן אַ טבע — זיי לאָזן זיך אויס. אַזוי איז אויך זיין, נתן חיימס יום־טוב אין דעם באַצאָלטן האָטעל. די וואָך דאָרט איז גיך אויסגעלאָפן און ער האָט געדאַרפט אַ צימער צום וווינען, אַן אָרט צום עסן, האָט אים איינער, אַ מיסטער דזשאַפע, אַ הויכער מאַן מיט אַ שטיל, כריפעדיק קול ווי ביי אַ שווינדזיכטיקן, גענומען צו זיך אַהיים און אים באַזעצט אין אַן אַלקערל, ווי אַ סובלאָקאַטאָר, אַ „באָרדער" רופן זיי עס דאָ.

געהייסן האָט עס אַז ער וווינט לעבן „בראָנקס־פאַרק", נאָר שטאָט אין אַ גאָרטן אַריין איז גאָר דאָס איינציקע פענצטער פון דעם צימערל אַרויס אין אַ „שטשאָנקע", אַזאַ שמאָלער צווישן, צוויי הויכע קאַמעניצעס, וואָס מער ווי שטריק מיט צעהאָנגענע וועש אויף זיי, האָט מען אין דעם „צווישן" גאָר נישט געזען.

ווייל אַזוי שמאָל, האָבן אין דעם „שטשאָנקעלע" תמיד אַריינפאַרבלאָנדזשעט ווינטן, דאָ אַרומגעפאַנעוועט, זיך אַרומגעשפילט מיט די אַרויסגעהאָנגענע וועש, אָפגעטאָן קונדייסישע שטיקלעך מיט די מאַנצבילשע אונטערהויזן און די אויפגעבלאָזענע, ווייבערישע שלאָף־העמדער. און ווייל אַזוי שמאָל, איז אין דעם שטשאָנקעלע געווען ניט בלויז טונקל, נאָר אויך קאַלט, האָט די מרס. דזשאַפע, אַ ברייטלעכע יידענע, וואָס שטענדיק איז זי אַרומגעגאַנגען אין שלאָפהעמד, מיט בלויז אַן אַרויפגעכאַפטע ספודניצע איבער די לענדן, אַזוי אַז אויבן זענען אירע דיקע אָרעמס און אַ העלפט פון די גרויסע, צעיוירענע בריסט געווען אָפגעדעקט. זי, די מרס. דזשאַפע, איינצוברענגען איין אין קאַסטן אַריין, האָט זי געהאַט צוגעפעסטיקט אַ בלעכן קעסטל אויפן טראַפאַרעט דרויסן פון זיין, נתן חיימס, פענצטער און דאָרט געהאַלטן — וואָס נישט? האָט ער אין זיין אויסבליק געהאַט נישט בלויז די שטריק מיט די צעהאָנגענע וועש, נאָר אויך אַ גאַנצע אויסשטעלונג אין סאַמע פענצטער, אַ מין שטיל לעבן, געמאָלן פון אַן אימפרעסיאָניסטישן מאָלער. רעכטס אין דעם קעסטל איז געשטאַנען אַ פלעשל מיט מילך. לינקס — אַ גרין־עמאַלירט טעפל מיט געבליבן נעכטיקס. אין מיטן — אַ טעלער מיט אייער. אין איין זייט, לעבן די אייער, איז געלעגן אַזאַ בלאַס־גרין בעזעמל, „סעלערי" רופן זיי דאָס. אין דער צווייטער זייט פון די אייער — אַ שוואַרצער רעטעך מיט אַ לאַנג, דין עקל, ווי דאָס ווידעלע פון אַ מויז.

אויפן וועג אין דער דירה אַריין, האָט ער, נתן חיים, גאָר נישט באַמערקט ווי ווייט אין די בראָנקס דער מיסטער דזשאַפע האָט אים פאַרשלעפט. גענומען אים פון האָטעל מיט זיינע צוויי וואַליזקעס אַראָפ אין מעטראָ, „סאָבוויי" הייסט עס דאָ, געפאָרן מיט אים ווי לאַנג אין טונעלן, דערנאָך איז ערשט די באַן אַרויס אין דרויסן און ווידער געלאָפן איבער אַן אויפגעשטעלטן וועג, הויך איבער דער גאַס, מיט רייען הייזער אין ביידע זייטן, אַז ער האָט נישט אפילו באַוויזן, נתן חיים, ווי געהעריק אַריינצוקוקן אין די פאַרביילויפנדיקע פענצטער.

לויט דער צייט פון פאָרן אין דער סאָבוויי, האָט ער איינגעזען, נתן חיים, אַז אין פאַרגלייך מיט ניו־יאָרק, איז פאַריז אַ קליינע שטאָט. אין פאַריז איז ער צו דער אַרבעט נישט געפאָרן אין מעטראָ. שפאַצירן, אַז ער האָט געוואָלט, איז ער פון סאַן מישעל געגאַנגען צופוס אַרויס אויף די גרויסע בולוואַרן, אָדער צום פלאַץ דע ל'אָפעראַ, צום פלאַץ דע לאַ רעפובליק און ווו נישט? דאָ, פון זיין צימער, וואָס אויף דער 178סטער גאַס ביז אַראָפ, „דאַון־טאַון", ווי זיי רופן עס דאָ, אין זיין שאַפ אַריין אויף גרין סטריט, איז פאָלג מיך אַ גאַנג!

מילא, באַגין, צו דער אַרבעט, ווייל די סטאַציע, וואָס דאָרט זיצט ער איין אין דער באַן, איז די צווייטע פון דער אָנהייב־ליניע, האָט ער שטענדיק אַן אָרט זיך



אַוועקצוזעצן, אַרט אים נישט, וואָס אויף יעדער ווייטערדיקער סטאַציע, ווערט אַלץ ענגער אין וואַגאָן און מ'רייסט אים פשוט אָפ די קני און מ'טרעט אים אויף די פיס. איז כל זמן די באַן לויפט אין דרויסן, אויף דעם הויכן שטאָלערנעם געשטעל, זיצט ער און קוקט איבערן אייגענעם אַקסל אַרויס דורכן וואַגאָן־פענצטער, אַ לאַנג שוין נישט געוואַשנס, און טראַכט: אויב אַזוי זעט אויס אַמעריקע, ווי ער זעט זי דורך די שמוציקע באַן־פענצטער, איז אָ קלאָג צו קאָלומבוסעס מדינה!

אין פאַריז זענען די הייזער אויפן „פלעצל", אויפן בעלוויל, טאַקע אַלט און שוואַרץ, אָבער יעדערס הויז דאָרט האָט אַן אייגן פנים, אַ באַזונדער אויסזען און אַלע זענען זיי געטינקעוועט, טייל פון זיי אפילו באַצירט מיט שטוקאַטורן, מיט סטאַטועטקעס איבער די געזימסן פון די פענצטער, אין די טויער־ווינקלען. דאָ שטייען רויט־ציגלנע קאַסטנס אויף מיילן און מיילן ווייט און אַלע זענען זיי פון איין הייך, ווי קאַזאַרמעס, און אַלע זענען זיי אַזוי מוראדיק נאַקעט, אָן אַביסל טינק צו פאַרדעקן די בושה און ווי אין דעם „צווישן" פון זיין פענצטער, אַזוי זעט ער אויך אין די „צווישנס" פון די קאַזאַרמע־הייזער, די זעלבע סלופעס און די זעלבע שטריק מיט צעהאָנגענע וועש ציען זיך צו פענצטער פון גאַנצע כמאַרעס מיט שטאָקן, איינער איבערן אַנדערן און, וואָס אים דערדריקט נאָך מער אויף זיינע סאָבוויי־נסיעות. איז דאָס געקלאַפ און געבראַזג פון שטאָלערנע רעדער איבער די שטאָלערנע שינעס. ווי אַזוי לעבן מענטשן אין הייזער, וואָס אין זייער מיטן הערן נישט נישט אויף צו לויפן די באַנען? ווי אַזוי קענען די מענטשן שלאָפן אין אַזאַ געבראַזג? אין פאַריז זענען אויך טיילן פון די מעטראָ־ליניעס אין דרויסן. דאָרט אָבער שטעלט זיך די מעטראָ אָפ איינס נאָך האַלבער נאַכט, בעת דאָ לויפט די סאָבוויי אָן אויפהער, טאָג און נאַכט!

ערשט דאָ, אַרום זיין שאַפ, האָט ער, נתן חיים איינגעזען פאַרוואָס די הייזער און גאַסן אַרום האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען נאָכן אַראָפגיין פון שיף, זענען ביינאַכט אַזוי פינצטער, אַזוי טויט־פאַרלאָשן. אַז דאָס איז אַ געגנט בלויז פאַר שעפער און וואַרשטאַטן און קיינער וווינט נישט אין די הייזער, צו וואָס זאָל ביינאַכט דאָרט זיין ליכטיק? אין פאַריז, ווי אין וואַרשע, איז דאָס לעבן אויסגעמישט, צוזאַמען. אין איין טיר איז אַ דירה, ווו מענטשן וווינען, קינדער גייען פון דאָרט אין שולע, ווייבער וואַשן גרעט, קאָכן, מאָטלען און אין דער צווייטער טיר, אויפן זעלבן שטאָק, איז אַן אַטעליע, אַ ווערקשטעל, ווו אַרבעטער שטעפן, שטריקן, זעגן און האַמערן און אַז דער אָוונט קומט, די אַרבעט אין די אַטעליעס הערט אויף, ווערט נישט דאָס גאַנצע הויז פינצטער און די גאַס ווערט נישט אויסגעשטאָרבן. דאָ, אין אַמעריקע, זעט ער, לעבט ערשט אויף דער שאַפ־געגנט ווען דער טאָג שטעלט זיך. פון די סאָבוויי־אַרויסגענג כוואַליען דאַן מענטשן אין די גאַסן אַריין ווי אַן אָנפלייץ פון אַ געוויטער. איילנדיק צעשיטן זיך די אַרבעטס־מענטשן איבער די אַרומיקע גאַסן און געסלעך, אַריין אין די צעעפנטע געביידעס און עס שטייט אָן אַ געפאָרעריי פון טראַמווייען, פון טאַקסיס און פריוואַטע קאַרס, און טראָקס, ריזיקע טראָקס פאָרן אָן, וואַרפן אָפ און לאָדעווען אָן ימים מיט סחורות, געפאַקטע אין ברוינע קאַרטאָנען, אין ווייסע האָלץ־קאַסטנס, אין אַרומגעניייטע ראָגעזשעס פון שווערע זאַק־שטאָפן.

אין האַלבן טאָג ווערן ווידער די גאַסן פאַרפלייצט פון מענטשן, דאָס מאָל פון די שעפער אַרויס. צעכראַסטעטע, מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, די פרויען — אין ביליקע אַרבעט־קליידלעך, מיט טיכלעך אַרום די האָר, צעלויפן זיי זיך אין די קליינע רעסטאָראַנטלעך אַריין. אין אַמעריקע ווי ער הערט, גייט מען נישט אויף צוויי שעה מיטאָג און מ'זעצט זיך נישט, ווי אין פאַריז, צו ווייס־געדעקטע טישן, מיט סערוועטן אַרום זיך און אויף דער שויס, צו אַ מאָלצייט פון פינף, צי גאָר זעקס פאָטראַוועס מיט וויין און פרוכט און אַלערליי קעזן. דאָ, זעט ער, שלינגט מען איין דעם „לאָנטש" שטייענדיק אַרום נישט צו־ריינע לאָדנטישן, אין רעסטאָראַנטלעך, אָדער גאָר אין הינטערשטן אַריינגאַנג פון דער זעלבער געביידע, ווו מען אַרבעט. און ווי דער „לאָנטש" איז כאַפעדיק, אַזוי איז דאָס אָרט ווו מ'עסט

— אומריין. און וואָס דאַרפן זיי דעם אַנדערש? אַז דער גאַנצער „לאָנטש“ באַשטייט פון צוויי פעניצן ברויט, אָדער די צוויי העלפטן פון אַן איבערגעשניטענעם זעמל, מיט עפּעס אַ קעז־שמירעכץ, אָדער אַן אַנדער מאַזשנע הויך אָנגעלייגט צווישן די צוויי טיילן. אַ „סענדוויטש“ רופן זיי דאָס. איז דער סענדוויטש אַזוי דיק, אַז נישט קיין געוויינלעך מויל, נאָר אַ סאָלדאַטסקן פּיסק דאַרף מען, צו קענען זיך אַריינבייסן אין דעם צוויי און אָפּט מאָל אפילו דריי־שטאָקיגן צענויפלייג. און די אַריינגעכאַפּטע ביסנס שווענקט מען אַרונטער מיט אַ זשליאָק קאַווע פון אַ טעפל, אַזאַ שווערס, אַז מ׳קאָן מיט דעם אַ קאָפּ צעפּלעטן.

נאָכן האָבן אַריינגעשלונגען דעם „לאָנטש“, איילט מען אַרויס „אויפן קאָרנער“, די פּאַף־בירזשע, צו הערן וואָס אין טרייד טוט זיך און נאָך דעם — קריק אַרויף צו די מאַשינען. רוישט אַזוי דער געגנט אַ גאַנצן טאָג און אַז דער אָוונט פאַלט צו, צערינען זיך די מענטשן־כוואַליעס צוריק אין די סאָבווייס אַריין, ווי די וואַסערן נאָך אַ געוויטער, די געשעפטן פאַרמאַכן זיך, די טראָקס פאַרשווינדן און די געגנט איז ווידער ווי אָפּגעשטאָרבן, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. נאָר ער, נתן חיים איילט נישט באַלד אַוועק. נישט ער האָט וווהין צו איילן און נישט — צו וואָס. גייט ער פּאַוואָליע אַרויס פון גרין סטריט, אַריין אין בראָדוויי, שטייט אַ ווײַלע, קוקט אין איין זייט, אין דער צווייטער זייט און הייבט די אַקסלען: אַן אַנדער וועלט דאָ, נישט ווי אין פּאַריז און נישט ווי אין וואַרשע. וועט ער זיך דאָ איינלעבן? און ווען אפילו יאָ, וואָס וועט דאָ פון אים ווערן?

אין שאָפּ, וואָס אַן אמת, איז ער אַ גאַנצער יחסן. כאָטש וואָסער מציאה איז דאָס אים ? יענע, וואָס בלאָזן פון זיך, האָבן האָלד צו זיין יחסנים. אָבער ער, נתן חיים? נישט ער בלאָזט פון זיך און נישט ער פאַרטראָגט דאָס יחסנות. אַ פּשוטער מענטש, איז אים גאָר דאָס יחסנות אַ לאַסט. אַוודאי אין וואַרשע, צי אין לובלין, האָט ער געמוזט אָנהאַלטן אַביסל יחסנות, נישט אַזוי צוליב זיך, ווי פאַר דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען אין פּאַריין. דורכן אָפּשיי פאַר אים, דורך זיין אָנזעען ביי די פּאַריין־מיטגלידער, האָבן די פאַבריקאַנטן געמוזט אַרויסווייזן דרך־ארץ צו דער אָרגאַניזאַציע וואָס ער פאַרטרעט. אין פּאַריז אָבער איז שוין דאָס יחסנות זיינס פון „האָבן געווען“, אים אויסגעפאַלן באַקאָם. און דאָ, אין אַמעריקע, ווערט אים דאָס יחסנות פון זיין אַ „געוועזענער“, אַ גרויסע לאַסט. יחסנים חנפעט מען, אָבער נישט אומזיסט. פאַר חניפה דערוואַרט דער חונף אַ צוריקצאָל. און ער, נתן חיים, נישט ער פאַרטראָגט די חניפה און נישט ער האָט מאַכט צו קענען מיט עפּעס צוריקצאָלן די חונפים.

כאָטש ס׳איז אים קשה. פון וואַנען האָבן די בעלי־מלאכות אין שאַפּ זיך דערוווּסט אַז ער איז נישט אַן אַבי־ווער, נאָר איינער וואָס די יוניאָנס האָבן אים געברענגט קיין אַמעריקע? אַרויפגעקומען אַרבעטן אין דעם שאַפּ איז ער דאָך לאַנג פריער, פאַר זיין אַרויסטריט מיט אַ רעדע אויף דער יוניאָן־קאָנווענשאָן. אמת, דערמיט אַליין, וואָס ער, אַ גרינער, איז אַרויפגעשיקט געוואָרן אַרבעטן אין בעסטן שאַפּ וואָס איז דאָ אין פאַך, דאָס אַליין האָט שוין געמיינט אַז ער איז נישט אַ „ליאַדע־ווער.“ גלאַט אַן אַרבעטער שיקט נישט „דער אָפּיס“ אין אַ שאַפּ, וואָס ווייסט נישט פון קיין „סלעק“. אין דעם שאַפּ, אַז איינער קריגט זיך אַרויף, איז אַבי געזונט. צוויי און פופציק וואָכן אין יאָר איז אין דעם שאַפּ דאָ „פיידע“. און אַז גאָט העלפט, איז עס נאָך מיט „אָווערטיים“, ס׳הייסט מיט איבערשעהען ! וואָס נאָך קען זיך אַ בעל־מלאכה אין אַמעריקע ווינטשן? ווי ער הערט, נתן חיים, איז אין אַמעריקע, אַז איינער ברענגט אַהיים „פיידע“ איז ער אַ „סאָמבאָדי“, טאָמער, חלילה, נישט, איז ער אַ „נאָבאָדי“! און דאָס — אפילו ביים אייגענעם ווייב, ביי די אייגענע קינדער. איז, אויב די יוניאָן האָט דעם „גרינעם טאָכעס“ אַרויפגעשיקט אַרבעטן אין דעם שאַפּ, איז ער אַ „סאָמבאָדי“! און אַזאַ איינעם דאַרף מען אונטערטראָגן חניפה, טאָמער דאַרף מען פון אים אַ טובהלע?

אויסגעפונען אַז ער, נתן חיים, איז אַ „סאָמבאָדי“, האָט דער געלער אייזיק. אייגנטלעך האָט ער געדאַרפט הייסן „דאָס



געלע אייזיקל.“ ווייל געווען איז דאָס ליטוואַקל אַ קליינס, אַ דראָבנעס, דערפאַר אָבער פלינק און זשוואַווע פאַר צען ! ווי דער שאַפּ דאָ איז אַ גרויסער, מיט עטלעכע און דרייסיק אָפּערייטאָרס, זעקס „קאַטערס“, צושניידער הייסט עס, פיר בלאָקערס, חוץ האַנט־נייערינס, איז ער, דאָס געלע אייזיקל, דער צענטער פון שאַפּ, דער סאַמער פּופּיק פון אַלץ וואָס דאָ גייט אָן.

געוויינלעך אָפּערייטאָרס, בפרט יענע וואָס אַרבעטן אויף דער וואָך, אַז זיי קריגן די „באָנדלעך“, הערט מען נישט זייער דוך. זיי זיצן ביי די מאַשינען און „רייבן“. מער ווי אַ וואָרט אַ מאָל צום שכן רעכטס, אָדער צום שכן פון לינקס, דערלויבט מען זיך נישט. ער אָבער, דאָס קליינע אייזיקל, איז אַן אויסנאַם, ווייל ער אַרבעט אויף אַלע סאָרטן מאַשינען, אויף דער צוויי־נאָדלדיקער „טייפּט“ ער די נעט פון די היטלען און „העטס“. אויף דער פיר־נאָדלדיקער שטעפּט ער די דענקעלעך און זייטלעך פון די קאַפּעליושן. אויף דער איבערוואַרף מאַשין נייט ער איין די שווייס־לעדערלעך און די פירמע־עטיקעטן. אָט די אַלע אַרבעטן ברענגט אים קיינער נישט צו. ער מוז אַליין נעמען די „באָנדלעך“ פון די אָפּערייטאָרס און אַליין זיי צוריקברענגען. איז ער דער איינציקער, וואָס שוועבט אַרום איבערן שאַפּ פון איינעם צום צווייטן און אַז ער קומט שוין צו וועמען צו, רוימט ער יענעם איין אַ סוד, דעם צווייטן — אַ פאַרלויפעניש, דעם דריטן — אַ פּליאָטקעלע, אַבי ס׳זאָל זיך רודערן, וואָרים ער, דאָס ליטוואַקל, האָט האָלד ס׳זאָל זיין לעבעדיק אין שאַפּ, אויך אַז דער טויבער ביים פאַרעדיקן קעסל, זאָל מיינען אַז ער, אייזיקל, באַרעדט דאָס אים. ווידער דער בראָנזווילער, ביי דער אָפּערייטאָר־מאַשין, צו פאַרטרייבן אַביסל די נודאָטע פון כסדרדיקן שטעפּן די ראַנדן פון קאַפּעליושן, ער זוכט ביי אייזיקלען עפּעס, צו קענען מיט דעם שטעכעלירן דעם „גאַליציאַנער“, אים עפּעס אויפוואַרפן, אַריינזאָגן, וואָרים אויך ער האָט ליב ס׳זאָל זיין לעבעדיק אין שאַפּ. און טאַקע „ווהיי נאַט“?

אָט, דאָס געלע אייזיקל האָט דאָ געהאַט אָנגעטראָגן די פּאָטשט און אַלעמען קלאָר געמאַכט דאָס רעטעניש, וואָס פּלוצים, כאָטש נאָך קיין אָפּערייטאָר האָט דער שאַפּ נישט געדאַרפט, האָט דאָך דער פאָרמאַן געהייסן אָפּרייניקן אַ מאַשין פאַר דעם „גרינעם טאָכעס.“ פאַרוואָס, פרעגט איר? ווייל ער איז „אַ שאָמבאָדי פון דער אָלד קאָנטרי“!

ער אַליין, דאָס געלע ליטוואַקל, צוליבן זיין „אַן אָל עראַונד מען“, אַ ספּעץ אויף אַלע מאַשינען, דערוואַרט נישט פון דעם גרינעם טאָכעס קיין טובות. זיין פּאָזיציע אין דעם שאַפּ איז אַ סאָלידע, אַ געזיכערטע. פאַרקערט, ער האָט גאָר געפּרוווט נעמען דעם ניי־געקומענעם אונטער זיין שוץ. וואָרים אַ גרינער, האָט ער אפילו אין דער „אָלד קאָנטרי“ געקענט האָבן געווען אַ גאַנצער מאַכער, איז ער אַלץ אין אַמעריקע אַ גרינער. און אַ גרינעם דאַרף מען אַמאָל העלפן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַן עצה. איז ווער נאָך האָט דאָ, אין דעם „אַמעריטשקע“, געהאַט אַזוי פיל „עקספּיריענס“ ווי ער, דאָס געלע אייזיקל? פלעגט ער אָפּט אָנלויפן צו אים, נתן חיימען:

„לאַנדסמאַן, ש׳גרייטן זשיך עלעקסאָנס אין לאָקאַל. פאָלגט מיך, קריגט זשיך אַרויפּעט אויפן „באַלאָט“. איר מיינט עש וואָלט אייך געווען סווער צשו באַזשיגן דעם גראָבן בויך? איינש און צשוויי זשענט איר עלעקטעד אָרגאַנייזשער אויף געלערס פלאַץ.“

אַן אַנדערש מאָל, אַז ער האָט געזען ביי נתן חיימען אין קעשענע אַ יידישע צייטונג, אַ זשורנאַל, צי גאָר אַ יידיש בוך, האָט ער באַדויערלעך געשאָקלט מיט זיין ליסעוואַטן קעפּל.

„אַ גרינער בלייבט אַ גרינער! אַזש איר לעזשט אַ פּייפּער, אַ מעגעזשין, לעזשט אין ענגליס ! אַזש איר וועט נאָר לעזשן יידיש, בלייבט איר אַ „נאָבאָדי“. פאָלגט מיך, פאַרסרייבט זשיך אין דער פּרעפּאַראַטאָרי שקול. איר קענט ווערן אַ לאָיער, אַ דענטישט. אַ „שאָמבאָדי!“

דאָס איז אַלץ געווען פריער, איידער דאָס געלע אייזיקל האָט אים געהערט, נתן חיימען, ביי דעם פּאַריין־צוזאַמענפאָר. צעמאָרגנס, נאָך זיין אויפטריט אויף דער קאָנווענשאָן, איז דאָס קליינע אייזיקל אויסגעוואַקסן לעבן זיין מאַשין:

„לאַנדשמאַן, כ'האָב פאַר איך אַ טייערע איידיע. אַ רעדנער, האָב איך געהערט, זשענט איר זשיך אַ גוטער. אין די קליינע אושיעשלעך קענט איר זשיך אויך אויש, דינגט זשיך אַ האָלכל אויף דער אישט־שאַיד, צשי אין בראָנזשוויל און ווערט זשיך אַ רעווערענד. איר לאַכט? איר דענקט אַזשאַ גרוישע זשאַך דורכצשעפירן אַ חשונה, אַ בריש? אַ קייטערער וועט פאַר צשוגרייטן די שעודה און איר וועט געשבן חופה וקדושין, ,דעליווערן' אַ שפּיטש. איר ווע טדאָך מאַכן אַ 'פּאַרטסון' אין אַמעריקע, מיינט איר, דאַרף מען קענען לערנען צשו זשיין אַ רעווערענד, אָדער צשו ווערן אַ ראַביי?"

מילא, דעם געלן אייזיקלס עצות, זיין וועלן נעמען אים אונטער זיינע פּאָטערלעכע פליגל, ווי דאָס איז אים געוועזן איבערדריסיק, האָט ער כאָטש געלאַכט, נתן חיים, זיך אַמוזירט איבער דעם ליטוואַקלס זאָרגן פאַר אים. ערגער איז אים אָבער געוועזן, נתן חיימען, מיט יענע אין שאַפּ, וואָס האָבן דערוואַרט טובות פון אים. אַ שטייגער, דער סעם, וואָס גערופן האָט מען אים דעם תם. פאַרוואָס „דער תם"? ווי דען רופט מען אַ שטילן, דערשלאָגענעם מענטשן, בפרט אַז דער פאָרמאַן דופּעט כסדר אויף אים, זוכט אים רק אַרויסצופּטרן פון שאַפּ? כאָטש געקראָגן האָט דער סעם די נידעריקסטע שכירות, איז לויטן פאָרמאַן, אפילו די קלענסטע סקאַלע אויך געווען צו הויך פאַר דעם צעקוועטשטן מענטש. איז ווי נאָר דער סעם האָט זיך דערוווסט אַז דער נייגעקומענער איז אַזאַ „סאָמבאָדי", איז ער הכנעהדיק געקומען צו נתן חיימען:

„מיט אייך רעכנט זיך דער פאָרמאַן, רעדט מיט אים, איך בעט אייך, וואַרפט אַריין אַ גוט וואָרט פאַר מיר."

וואָס האָט ער, נתן חיים, געקענט זאָגן דעם דערשלאָגענעם מענטש? אָדער גאָר אַ צווייטער, אַ דיקלעך מענטשל מיט אַ פּאָר בייזע, אַרויסגעבאַלטע אויגן און צוויי גראָבע, שטענדיק־נאַסע ליפּן. אויך צו אים טשעפּעט זיך דער פאָרמאַן כאָטש ער, דער בעני האָראָוויץ, איז שוין גאָר בישט קיין תם, פאַרקערט: אַ געריבן, כיטרע יידעלע, מיט אַ פּיסק וואָס יעדער מיידט אים אויס. און טאַקע צוליב דעם נישט וועלן זיך מיט אים אָנהייבן, האָט דאָס בענעלע זיך אַריינגעשטופּט אין דער פּרייז־קאָמיטע און, ביים רעגולירן די סקאַלעס פון שכירות, האָט ער זיך אַריינגערוקט אין דער ערשטער קאַטעגאָריע, כאָטש, לויטן פּאָרמאַן דאַרף ער זיין צוויי סקאַלעס נידעריקער. דערגייט אים דער פּאָרמאַן די יאָרן. מיטן שאַפּ־טשערמאַן איז דאָס יידעלע אויף מעסערס, ווייל יענער האָט אים געראָטן צו לאָזן זיך אַראָפּרוקן כאָטש אויף איין סקאַלע. איצט, אַז נתן חיים, אַזאַ „סאָמבאָדי", וואָס מ'האָט אים פאַרבעטן צו באַגריסן די יוניאָן־קאָנווענשאַן, אַרבעט דאָ, אין דעם שאַפּ, איז דער בען האָראָוויץ געקומען צו אים, אַז ער זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן ביים פּאָרמאַן.

מילא, דער סעם, אַז ער, נתן חיים, האָט אים געזאָגט, ער האָט נישט קיין שום השפּעה אויפן פּאָרמאַן,, איז ער אַוועק פונקט אַזוי שטיל און דערשלאָגן, ווי ער איז צוגעקומען. בענעלע האָראָוויץ אָבער האָט אויף אים אָנגעשטעלט די צוויי אַרויסגעבאַלטע אויגאַנעס און אים באַפאַלן מיט זידלערייען:

„איר זענט נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט אייך! איר זענט נאָך אַ געמיינערער פּאָליטישן פון די אַמעריקאַנער! אַזאַ גרינער טאָכעס, נאָר וואָס געקומען און שוין געכאַפּט דעם שניט פון אַמעריקע!

אומזיסט האָט ער, נתן חיים, פאַרזיכערט דעם בעני האָראָוויץ, אַז אויך אים זעט דער פּאָרמאַן נישט גערן. כאָטש אויבן־אויף טראָגט ער אים אונטער אַ שמייכלדיגן: „גוד מאָרנינג" מיסטער פיינזילבער, זוכט ער כלערליי פּאָרטלען, דער פּאָרמאַן, צו זען אים, נתן חיימען, אויף דער אַנדערער זייט טיר. ווי־זשע קען ער זיך איינשטעלן פאַר עמעצן? בפרט אַז ער איז גאָר נישט אַזאַ „סאָמבאָדי" ווי מען מיינט!



פינטשע בערמאַן

# לידער

## אין מיין גאָרטן וואַקסן בלומען

אין מיין גאָרטן וואַקסן בלומען:
ווייסע, רויטע, געלע.
הייבן בינען אָן צו זשומען,
און ס'קומט אַ זון אַ העלע —

צעברויזן זיי זיך אין קאָלירן,
ס'פאַרכאַפּט דאָס אויג, אַזש דאָרטן,
און מיט זעליקייט באַצירן
האַרץ, און אויג, און גאָרטן...

— — — — — — — — —

אין מיין לאַנד דאָרט לעבן מענטשן:
ווייסע, רויטע, געלע.
טוט דער הימל זיי נאָר בענטשן
מיט אַ זון אַ העלע —

הייבן זיי זיך אָן צו רייסן:
יעדער וויל די שטראַלן...
גרייט צו אָנפאַלן און בייסן,
ווי אין וואַלד שאַקאַלן...

## מיינע טרוימען

מיינע טרוימען זיינען היילן,
ווו מיין האַרץ קומט זיך באַהאַלטן,
ווי דער הערש, אין הויכע גראָזן,
פון די יעגערשע געשטאַלטן...

אַלע פריידן פון דעם לעבן
האָט די ערד שוין אויסגעטרונקען —
ליגט זי שיכור אין געוועבן
פו ן לאַנג - אויסגעלאָשן פונקען...

זוכט דאָס האַרץ פון זיך אַנטלויפן;
בענקט דאָס אויג נאָך העלע ראַנדן —
קען מען רו אין ערגעץ קויפן?..
קען אַ שיף אָן זעגלען לאַנדן?...

## דער זייגער

אויף מיין וואַנד דאָרט הענגט אַ זייגער,
און ער ציילט דאָרט די מינוטן:
וויפיל צייט איז נאָך פאַרבליבן
פאַר די אויסגעברענטע גלוטן...

ווער קען וויסן, ווען וועט פירן
בלינדער וועג צו זיינע ראַנדן;
ווען קען וויסן, ווען די שיף וועט
ענדלעך אָנקומען און לאַנדן...

ס'איז אַ ביטער סוד פון לעבן,
ווי אין ווונדן זיך ראַיען...
אפשר אויפן וואַנט דער זייגער
ווייסט און ציילט שוין דאָרט די שעהען...

ז. בוניק

# אַברהם לעוו ע״ה

ט״ו אדר ב׳ איז אין קיבוץ גבעת השלושה, אין ישראל, נפטר געוואָרן דער דיכטער אברהם לעוו ע״ה — אין די לעצטע יאָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין חשבון.

עס זעט אויס אַז פאַר אַלץ דאַרף מען האָבן מזל — אפילו פאַר דער צייט ווען צו שטאַרבן. אברהם לעוו איז געשטאָרבן עטלעכע טעג נאָך דער פּטירה פון ש״י עגנון, און איבער די הספדים און לאַנגע אָפּשאַצונגען אין דער יידישער און העברעישער פּרעסע און דער געזעלשאַפטלעכקייט פון אָט דעם גרויסן נפטר, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר דעם קלאַסיקער פון דער ניי־העברעישער ליטעראַטור, איז די פּטירה פון אברהם לעוו כמעט ווי פאַרזען געוואָרן.

אברהם לעוו (געבוירן דעם 15טן דעצעמבער, 1910) איז נאָך קיין בן־ששים ניט געווען ווען ער איז נפטר געוואָרן. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילקאָווישק, רוסיש פּוילן און האָט זיין יידישע דערציונג געקראָגן אין די וואָלאָזשינער און ווילנער ישיבות. אין 1932 האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל ווו ער איז אַריין אין קיבוץ השלושה און דאָרט איז ער פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אברהם לעוו האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג. צו 15 יאָר האָט ער שוין פאַרעפנטלעכט לידער אין קליינע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע (רעד. מ. ראַוויטש). זינט 1927 האָט ער געדרוקט לידער, פּאָעמעס און אַרטיקלען אין אַ סך יידישע זשורנאַלן און צייטונגען, און אין בוך־פאָרם האָט ער פאַרעפנטלעכט זיבן בענד געזאַמלטע לידער אין יידיש און אין באַנד, משירי הפרדס ,אין העברעיש.

אין 1961 אין אין אַ קאַטאַסטראָפע אומגעקומען דעם דיכטערס זון, משה, און צו זיין אָנדענק איז דערשינען אַ העפט, משהלע לב, 58 ז״ז, ווו, אַחוץ אַרטיקלען אין עברית און בלעטלעך פון אברהם לעווס טאָגבוך, איז אויך געדרוקט זיינס אַ טרויער־ליד נאָכן זון, אין יידיש.

בכל תפוצות ישראל האָבן אַ סך ליטעראַטור־קריטיקערס זיך אָפּגערופן מיט שבחים איבער אברהם לעווס אַרט שרייבן און זיין פּאָעטישן טאַלאַנט. צווישן זיי: ש. ביגער, גלאַנץ־לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין, מלך ראַוויטש, ישראל עמיאָט און אַ סך אַנדערע.

אין נומער 50 חשבון איז געווען געדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אברהם לעווס פּאָעזיע פון יחזקאל בראָנשטיין ע״ה, ווו ער שרייבט צוו״א:

„ווען אַ פּאָעט מיט טאַלענט, ווי אברהם לעוו איז, פאַרקנסט זיך צו דער מוזע, פאַרבינדט ער דעם גורל פון ז י י ן ליד צו אַזאַ גראַד פון דויערהאַפטיקייט, אַז עס מוז אין אים גורם זיין אַן אומענדלעכע צוגעבונדקייט צו ד ע ר זעונג פון ליד, וואָס זוכט און געפינט אויך אַ תיקון אין ד ע ם אויפזינג פון עכטקייט אין זיין ליד, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס —

איך בין פאַרליבט אין ליד און ווערטער וואָס ער ווייסט באַשטימט ווי אַזוי מיט זיי צו אָפּערירן, זיי פאַרוואַנדלען אין דיכטונג, וואָ סאיז עכט אין איר איבערלעבונג און שפּיגלט אין זיך בפירוש אָפּ דעם מ אַ ן פון ליד און פאַרזיי, וואָס ער איז ביי אונדז אויפגעקומען און אַרויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון אַן אידעאַלער ווירקלעכקייט — דער חלום פון דורות, וואָס—

מיט שווייס האָבן מיר די מדבר־ער
צעבליט
און אַ פעלד וואָס גרינט,
פון איר אַרויסגעריסן.

„זייענדיק אַליין אַ דירעקטער אנטייל־נעמער פון זיין פריסטער יוגנט אָן, וואָס האָט ווי אַ חלוץ

אין בייט דעם טראָט געטראָטן,
פאַרשפּינט אין דינינקע טרויערן —

און טאַקע צוליב דעם און אויך אַ דאַנק זיין טאַלאַנט, באַרעכטיקט זיך זיין זינגען וועגן זיך, אַז ער איז איינער פון די וואָס—

צווישן פּאָעטן זיינען מיר פּאָעטן,
צווישן פּויערן — פּויערן.

צוליב דעם אויך זיין פריידיקסטע איבערלעבונג, אַז —

ס׳איז גוט מיר צו וויסן,
כ׳בין איינער פון זיי:
דער מאַן פונעם ליד
און דער מאַן פון פאַרזיי.״



אברהם לעוו איז געשטאָרבן פּלוצים און קענטיק אומגעריכט. ערשט עטלעכע טעג פאַר זיין פּטירה האָט ער צו דער „חשבון״־רעדאַקציע אַרויסגעשיקט זיינע צוויי לידער, וואָס ווערן דאָ געדרוקט, צוזאַמען מיט אַ קאַפּיטל פון זיין זונס יגאל לב׳ס בוך — באלומים, אמא, אני שונא את המלחמה.

אברהם לעוו איז אָבער געווען אַ קראַנקער מענטש פאַר אַ לענגערער צייט. אין אַ בריוו צו אונדז, מיט אַ פּאָר חדשים פריער, האָט ער זיך באַקלאָגט אַז ער איז אַן אָפטער גאַסט אין די שפּיטאָלן. ער האָט אָבער לעצטנס דערלעבט אַ סך נחת פון זיין צווייטן זון, יגאל לב, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער „זעקס טעג מלחמה״ און האָט אָנגעשריבן דאָס פריער דערמאָנט בוך: באלוהים, אמא, אני שונא את המלחמה, וואָס איז באַרימט געוואָרן און איז ביז איצט דערשינען אין ישראל אין 9 אויפלאַגעס, און וועט בקרוב דערשיינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג דאָ אין אַמעריקע, אונטער דעם נאָמען „דזשאָרדאַן פּאַטראָל.״

אברהם לעוו האָט אונדז אויך געשריבן, אַז ער אַרבעט איצט אויף אַן איבערזעצונג אין יידיש פון זיין זונס בוך, אָבער — „ווו קריגט מען אַ פאַרלאַג עס אַרויסצוגעבן?״

... דערווייל האָט ער אונדז צוגעשיקט (בלויז אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט) אַ פראַגמענט פון זיין איבערזעצונג פונעם בוך פאַרן חשבון, און אונדז צוגעזאָגט, אַז „דער המשך וועט נאָך קומען״... „איך בין איצט פאַרוואָרפן מיט פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַרבעטן״, האָט ער אונדז ווייטער געשריבן, „און קאָן זיך ניט אָפּגעבן צו עפּעס אַנדערש. אפשר אַן אַנדערש מאָל, ווען דאָס געזונט וועט דערלויבן מער אָנשטרענגונג.״

דאָס געזונט האָט אָבער אים ניט דערלויבט מער אָנשטרענגונג און ער האָט מן הסתם ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן די איבערזעצונג פון זיין זונס בוך.

שווער, זייער שווער צו גלייבן, אַז דער באַליבטער, זייער חשובער און טאַלאַנטירטער יידישער דיכטער, אברהם לעוו, איז ניט מער צווישן אונדז. כבוד זיין אָנדענק. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

אברהם לעוו

## צוויי לידער

### פרילינג

עס קוואַקען די פרעש,
די ביימער גרינען.
דער דרויסן שמעקט מיט בעז
און מיט ציטרינען
פון די אַרומיקע פּרדסים.
דער איילבירט־בוים שטייט גרין,
אין זיינע זיתים
זשומט אַ גאָלדן בין
וואָס האָט זיך דאָרט פאַרפּלאָנטערט,
ווי אין אַ שטייג —
איצט זשומט זי, מאָנט זי,
וויל אַרויסגיין פון געצווייג
איר ציט צו בלומען־בלעטעלעך
מיט סאָק.
די צווייגן וויגן זיך,
ווי שאָלן אויף אַ וואָג.
און אויף אַ בלאַט
אַ קאַמעליאָן דאָרט קלעטערט
און גרין זיין פאַרב
איז ווי די בלעטער.

### מיין געזאַנג

מיין געזאַנג — דאָס געזאַנג פון אַ קוואַל
וואָס פליסט אין זיין אייגענעם בעקן.
ביינאַכט קומט צו מיר דער שאַקאַל
דעם טוי פון מיין ווייַנגאָרטן לעקן.

איך ליג פאַרטייעט און הער
זיינע טריט — אין גראָזן — די שטילע.
אין מיר, ווי אַ בליץ פון אַ שווערד —
גייט אויף אַזאַ ליכטיקע תפילה.

בין אַליין דער שאַקאַל דאָ אין פעלין,
אין ביידל מיט ציטרוס געלע;
איך הער דעם ווילד געוויין
וואָס יאָמערט אַרויס פון מיין עלנט:

ווייל אומעטיק איז היינט מיין זעל,
נאָר כ׳וויל זיך מיט קיינעם ניט טיילן.
מיר גוט איז צו ליגן אין פעלד
און ציילן די שטערן און ציילן.

יגאל לב / גבעת השלושה, ישראל

# שרעק *)

יידיש: אַברהם לעוו

די שרעק האָב איך אויך געזען אויפֿן געזיכט פֿון איינעם פֿון מיינע סערזשאַנטן, מאָריס. ער איז איינער געבליבן אַן אַנטרונענער פֿון דער שחיטה וואָס אַריינדרינגלער האָבן אויסגעפֿירט אויפֿן אויטאָבוס־פֿאָרנדיקע קיין אילת, אויפֿן מעלת־העקרבים.

איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס דווקא איצט דערשיינט פֿאַר מיינע אויגן דאָס דערשראָקענע פּנים פֿון מאָריסן? געווען איז עס ערב מיין באַפֿרייאונג פֿון מיליטער. איך בין דאַן געווען קאָמאַנדיר פֿון אַ פּאַטרול־איינהייט, וואָס איז איינגעשטאַנען אין פּאָליציי־פּונקט פֿון באר־שבע. איר פֿליכט איז געווען צו פּאַטרולירן און לויערן אויף די קאַראַוואַנען מיט שמוגלערס און אויך באַגלייטן די אויטאָבוסן.

געווען איז עס ווען אילת האָט געפּראַוועט אין אַ טאָג איר פֿייערונג. די בחורים האָבן געוואָרפֿן גורל צווישן זיך ווער עס זאָל האָבן דעם זכות צו באַגלייטן דעם אויטאָבוס וואָס פֿירט מענטשן צום יום־טוב. מען האָט געוואָרפֿן דעם דאָמינאָ־ביינדל אויף אונדזער גרינעם פֿינגפּאָנג טיש, און דער וואָס האָט אַרויסגעצויגן דעם נייעסטן ציפֿער — יענער האָט געוווּנען. מיר האָבן „געוווּנען" און מיט דעם איינגעקויפֿט זייער „טויטן־בילעט."

געווען איז דאָס ערב די פּורים־פֿייערונגען פֿון ביינצן פּיר און פּופּציק.

אויפֿן מעלת העקרבים, יענער שאַרפֿער באַרג־אַראָפּ וואָס נידערט פֿון די הויכקייטן ביז די גרויסע ברייטע פּליינען, דאָרטן איז דער אויטאָבוס פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ גרופּע אַריינדרינגלער. זיי האָבן מיטן פֿייער פֿון די קוילן־וואַרפֿערס דורכגעלעכערט די מאַשין ווי אַ זיפּ, דערנאָך זיינען זיי אַריין אינעווייניק און מיט קאַרל גוסטאַוווס צום טויט דערשאָסן אַלע פֿאַרוווּנדעטע. מאָריס איז געבליבן לעבן.

ער איז בעת מעשה געבליבן שטעקן אין אָפּשטאַנד פֿון דער הינטער־טיר, ווען די טירן האָבן זיך צעעפֿנט, האָט עס אים געדינט ווי אַ באַהעלטעניש. דערנאָך האָט ער דערציילט אַז ער האָט געזען נאָר שיך, געהערט דאָס קנאַלן פֿון די קוילן וואָס די מערדער האָבן אַריינגעשאָסן אין די פֿאַרוווּנדעטע, אויסרויבנדיק גלייכצייטיק דאָס געפּעק. די שיסערייען האָבן זיך דערנענטערט צו אים. „דאָס איז דער טויט," האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן און פֿאַרמאַכט די אויגן.

געהערט זייערע טריט ממש איבער אים, זייערע האַלדזיקע שטימען, געפֿילט דעם ריח פֿון בלוט; אַ קויל איז פֿאַרבייגעפֿלויגן פֿאַר זיינע צונויפֿגעקאָרטשעטע פֿיס. שווער געווען צו דערשטיקן דעם ווילן, פֿון וועלן אויפֿשטיין און אַנטלויפֿן, שרייען פֿון שרעק. ער איז געבליבן שטיל, צעטומלט, פֿאַרגליווערט, נאָך אַ לאַנגע צייט ווי די אַראַבער זיינען אַוועקגעגאַנגען.

מאָריס האָט יעדעס מאָל פֿון דאָס ניי געפּרוווט דערקלערן וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט אין יענע מאָמענטן, אָבער שטענדיק עטוואָס שטאַמלענדיק: „פֿאַרשטייסט, געווען דאָרטן בערג... דער אויטאָבוס... אַ סך בלוט... אין דרויסן זיינען געלעגן די טויטע קערפּערס פֿון די וואָס האָבן געפּרוווט אַנטלויפֿן פֿון דער מאַשין. איך בין געזעסן צווישן זיי און געוואַרט, נאָר געוואַרט..." ער האָט געוואַרט, די צייט האָט זיך געצויגן אַן אייביקייט, און ער האָט געוואַרט. די נאַכט איז אָנגעקומען און ער האָט געוואַרט. אַ קאָמאַנדקער איז פֿאַרבייגעפֿאָרן און אַלאַרמירט הילף.

מיר זיינען אָנגעקומען צום אָרט מיט דער גרעסטער שנעלקייט. ערשט דאַן ווען ער האָט דערזען די ליכט פֿון די מאַשינעס, די געזיכטער פֿון די בחורים. דערפֿילט זייערע גלעטנדיקע הענט, האָט מאָריס אויסגעבראָכן אין אַ געוויין וואָס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגן האָבן מיר באַגראָבן אונדזערע סאָלדאַטן. צוויי זיינען געווען פֿון ירושלים. עס איז געפֿאָרן אַ קאַראַוואַן קאָמאַנדקערס, אויף עטלעכע פֿון זיי איז געווען ארונות אָבערגעדעקט מיט דער בלוי־ווייסער פֿאָן, ביי די זייטן פֿון יעדער ארון — בחורים מיט באַשפּיזטע ביקסן.

ירושלים האָט אין יענעם אָוונט געיומטובט דעם פּורים־באָל. רייפֿן־רייפֿן טאַנצנדיקע, צוזאַמען מיט די פֿילפֿאַרביקע ליכטער האָבן פֿאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ גרויסן קנויל פֿון פֿריילעכע פֿאַרבן.

אין יעדער גאַס וווּ מיר זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן איז פֿאַרגליווערט געוואָרן דער טאַנץ. דאָ־דאָרטן האָבן די מענטשן פֿאַרהויבן די פּורים־מאַסקעס פֿון די געזיכטער און געבליבן שטיין מיט פֿאַרבויגענע קעפּ. שרעקלעכער איז געווען צום זען די לאַכנדיקע מאַסקעס, וואָס זיינען נישט באַצייטנס אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון די פּנימער. אַזוי האָבן מיר באַגראָבן אונדזערע ערשטע געפֿאַלענע.

* * *

דער ראַדיאָ־טעלעגראַפֿיסט האָט געמאָלדן אַז אין די פֿאַרשאַנצונגען זיינען דאָ געהרגעטע און פֿאַרוווּנדעטע.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

אונדזער דזשיפּ האָט איצט זיך געיאָגט אויפֿן שטויביקן וועג צו די אָקאָפּעס. דער באַפֿעל איז געווען: אָנהייבן שטורעמען לאַטרון אין חצות. ביז דאַן אָפּהיטן די גייסטיקע רואיקייט פֿון די קעמפֿער. ראָמי האָט געפֿירט די מאַשין. אַריבערגעבויגן איבערן שטייער־ראָד, זיין געזיכט פֿאַרגליווערט, פֿאַרשטייפֿט; די קינבאַקן צונויפֿגעפּרעסט און אַ רונדער מוסקל צאַפּלט און ציטערט אויף זיי. דער שטילער געציטער האָט עדות געזאָגט אויף דער שווערער שפּאַנונג אין וועלכן ער געפֿינט זיך.

געוואָלט האָב איך אַ קלעפּל אים טאָן אויפֿן אַקסל און דערמוטיקן, אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי ער וועט רעאַגירן. די ערשטע האַרמאַטן־קוילן וואָס זיינען געפֿאַלן, האָבן ווי אויפֿגעשטעלט אַן אָפּצוימונג צווישן אונדז.

איציק אָבער ווייסט נישט פֿון קיין חכמות, מיט לייכטע פֿינגער טאַפּט ער ראָמיס אַקסל, ווי ער וויל זיך כלומרשט אָנהאַלטן אָן אים, ווייל דער דזשיפּ שלייפֿט.



איציק זאָגט: „נו, ראָמי, סוף־סוף איז אויסגעבראָכן די מלחמה נאָך וועלכע דו האָסט אַזוי געגאַרט."

ראָמי האָט געפּרוווט געפֿינען צוריק זיין געוויינלעכן טאָן: „שוין צייט לאַנג געווען."

נישט געוואָלט ריידן מער. אַ פֿאַרענדערונג איז אין אים פֿאָרגעקומען, דער שטענדיקער שמייכל פֿון זיינע ליפּן איז ווי נעלם געוואָרן.

„דאָס געצעלט" — ליבניס קליניק, איז איינגעגראָבן אין דער ערד. אַרום אים איז אָנגעהויפֿט זאַמדזעק. דאָס געצעלט האָט ערב די קריגס־טעג אונדז געדינט ווי אַ לייען־זאַל. גוט איז געווען זיך צעלייגן אויף אַ פֿעלדבעטל, אַרויסנעמען פֿון שטויס דעטעקטיוו־ראָמאַנען, וואָס געהערט צו די סאַניטאַרן, אַ קליין ביכל. אויפֿן שערבלאַט — אַ בילדל פֿון אַ נאַקעט מיידל און אַ רעוואָלווער און מען פֿאַרזינקט אין אַ וועלט פֿון די העלדן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט קיין מורא. איצט זיינען אויף די טראָגבעטלעך געלעגן פֿאַרוווּנדעטע; דער אַמוניציע־פּאַס, אַ צעשפּליטערט, הענגט נאָך אויף די אַקסלען; אויפֿן געשטרייפֿטן מונדיר זיינען נאָך געבליבן שווייס־צייכנס און בלוט־צייכנס.

אילן איז אַ בן־קיבוץ פֿון עמק. אַ קויל האָט אים אין בויך געטראָפֿן. ער איז געלעגן בלאַס מיט אָפֿענע אויגן; מיט פֿאַרביסענע ליפּן, כדי צו דערשטיקן דעם ווייטיק־געשריי. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויף זיינע פֿאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן איבערן אויפֿגעריסענעם בויך.

„דאָקטער, פֿאַרמאָגסט נאָך איינעם פֿון דיינע שלימזלדיקע דעטעקטיוו־ראָמאַנען?" אילן האָט זיך געפּרוווט חכמענען. לבני האָט אַן ערנסטער אַ זוך געטאָן, אַרויסגעצויגן אַ ביכל מיט אַ נאַקעט מיידל און אים דערלאַנגט:

„דאָס איז נאָך פֿרי פֿאַר דיר צום לייענען, נאָר מילא, שוין צייט זאָלסט ווערן פּוליעריק."

לעם אים איז געלעגן אלי. אַ האַרמאַטן־שראַפּנעל האָט עקספּלאָדירט נישט ווייט פֿון אים און אָנגעפֿילט זיין גוף מיט שפּליטערן. אלי איז אַ תל־אביבער בוכהאַלטער. ער האָט שטיל געקרעכצט

אונטער די באַנדאַזשן, וואָס האָבן פאַרוויקלט זיין קערפער ווי אַ מומיע.

אַ קלעמבאַנד האָט איינגעשטייפט רובינס לינקע לידקעביין, אַ שאַראַפּנעל פון אַ גראַנאַטן־וואַרפער האָט אים אַראָפּגעריסן אַ פוס. ער האָט אַ צעטומלטער געשטוינט אויפן ליידיקן אָרט פון אונטער זיין קני. לבני האָט אים איינגעשפּריצט מאָרפיום.

רובין איז אַ לערער פון תנ"ך אין אַ תל־אביבער מיטלשול. מיר פלעגן אָפט שמועסן וועגן די נביאים, וועגן רעליגיע. ער איז אַ טיף גלייביקער ייד. איצט האָב איך געזען ווי זיינע פליישיקע ליפּן, פאַרבאָרגענע אין האָריקן געקנויל, באַוועגן זיך און שעפּטשען אַ תפילה.

אין דרויסן זיינען געלעגן די הרוגים.

פאַראַן עפּעס וואָס שרייט אַרויס פון די פאַרוווּנדעטע אין גערעַנגל צום וועלן בלייבן לעבן. די טויטע ליגן שטיל. פאַר זיי איז דער קריג געענדיקט. זיי ליגן מיט אָפענע אויגן וואָס זעען שוין גאָר נישט.

איך האָב געזען ווי ראַמיס בליק איז צוגעשמידט צו זיין פאַרגליווערטן קוק. ער איז געווען בלאַס, געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. איך האָב אים באַפוילן ער זאָל מיט זיין דזשיפּ אַראָפּפאָרן אין דער פאַרשאַנצונג און העלפן אָפּפירן די פאַרוווּנדעטע אין זאַמלפּונקט פון דער בריגאַדע. איך האָב געפילט, אַז ער וויל שטאַרק עפּעס טאָן. דאָס ליידיק שטיין מאַטערט אים. העלפנדיק אַריבערפירן די פאַרוווּנדעטע האָט ער אויפגעלעבט. אין צוויי שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען צו אונדזערע טראַנשייען און גערעדט פול מיט התפעלות:

„איך שווער אייך, רובין האָט מיך ממש דערהרגעט. אָן אַ פוס, האָב איך אים געפירט אויף דעם פאַרשאָטענעם וועג וואָס האָט דעם דזשיפּ געשליידערט און ער דאַוונט. פּלוצלונג האָט ער איבערגעריסן זיין תפילה און בעט מיר איך זאָל זיך צוריקקערן צום „געצעלט", ער האָט דאָרט פאַרגעסן זיין זעקל מיטן טלית און תפילין. איר קלערט אַז איך האָב זיך נישט צוריקגעקערט? לבני האָט מיר געוואָלט צערייסן... איך ווייס ניט ווי אַזוי איך האָב אים געבראַכט לעבעדיקערהייט צום זאַמלפּונקט פון דער בריגאַדע."

ראָמי האָט טיף אָפּגעאָטעמט:

„איך פאַרשטיי אים נישט! איך פאַרשטיי אים נישט. דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט געשריגן נאָר שטילערהייט עפּעס געזאָגט אַ תפילה.. .איך אָן אַ פוס... ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין מלחמה רעדט מען נישט וועגן אַזעלכע זאַכן.

אַזוי האָט פאַר ראָמי צום ערשטן מאָל זיך אַנטפּלעקט דער כוח פון אַ גלויביקן... פאַראַן אין לעבן פון אַ מענטשן ווען ער שטויסט זיך אָן אין דער מיסטעריעזער קראַפט און בלייבט דערשטוינט. איך האָב זיך באַקענט מיט דעם אין 1956, ווען אַ יונגער פרומער סאָלדאַט איז אויסגעגאַנגען אין מיינע אָרעמס.

אַ האַרמאַטן־קויל האָט אויפגעריסן אין אונדזער אָפּטיילונג. דריי דערהרגעט, דער פערטער, אַ שווער פאַרוווּנדעטער, האָט מיט די לעצטע כוחות גענומען פּויזשען. איך האָב אים באַנדאַזשירט מיט מיינע פערזענלעכע באַנדאַזשן. ער איז אָבער גיך אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פּלוצלונג האָט אים גענומען שוידערן, קאָנוולסירנדיק האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן מיר, אַ שעפּטשע געטאָן „שמע ישראל" און געבליבן ליגן רואיק.

„שמע ישראל" — ניט געשריען, נישט געוויינט אויף זיין יונג לעבן (22 יאָר אַלט), וואָס רינט אַרויס דורך די וווּנדן. מיט אַ זעלטן זעלישע רואיקייט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן זיין אמונה. מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן געשטאָרבן.

איך האָב געזען אַז רובינס גבורהדיקע האַלטונג באַאומרואיקט ראָמין: וועט ער אויך קענען אַזוי ביישטיין אַזאַ נסיון ווי רובין? דער ספק האָט אים געגריזשעט ווי אַ מייזל. רובין! דער לעכערלעכער מאַן מיט זיין צעפלויגענער באָרד, מיט זיין טלית און תפילין אין וועלכע ער פאַרוויקלט זיך אַלע באַגינען, ווען עס איז אַזוי אָנגענעם צו ליגן אין שלאָפזאַק...

שעמעוודיק האָט ראָמי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליינעם תנ"ך: „דאָס האָט מיר רובין געגעבן אין זאַמלפּונקט און געזאָגט: נעם, איצט איז עס נייטיק פאַר דיר." ווי ער וואָלט דערפילט אַז זיין סענטימענטאַלע געריטקייט איז נישט אויף אַן אָרט, האָט ער דעם תנ"ך אַריינגעלייגט אין קעשענע פון זיין מיליטער־שער העמדל און פאַרענדיקט:

„וואָס עס זאָל נישט טרעפן, קען עס אָבער ראַטעווען פון אַ קויל אין בוזעם."

* * *

מיר זיינען געלעגן ביז פינצטער אונטער אַ רעגן פון באָמבעס־שפּליטערן און פון מאַשינגעווער קוילן. די ירדנישע פאַרשאַנצונגען אַרום בורדוס זיינען געווען זייער ברייטהאַרציק מיטן באַהאָגלען אונדז מיט זייער אַמוניציע פון כל מיני כלים.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: מען דאַרף אַדורכגיין אונדזערע איינגעגראָבענע פּאָזיציעס און זען ווי עס פילן זיך דאָרט די בחורים. פאַראַן אַזוינס וואָס פאַרטעמפּט זיצנדיק לאַנג אין די גראָבנס, ווען איבער דיר עקספּלאָדירן אָן אויפהער די באָמבעס. דער שטויב פאַרדעקט דאָס געזיכט, קריצט צווישן די ציין; פון אויבן פלאַמט די זון אכזריותדיק און די צייט שטייט אויף איין אָרט, רירט זיך נישט. מען דאַרף אַדורכשפּאַצירן די פאַרשאַנצונגען... אָבער די פיס גלוסטן זיך גאָר ניט לאָזן אין וועג, אַרויסרייסן פון גראָבן, וואָס פאַרזיכערט דיר מער־ווייניקער פון פייער. דאָס פאַרשאָלטענע שרעק... אָבער מען מוז... די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קאָמאַנדיר. כאָטש דער קאָמאַנדיר שרעקט זיך נישט ווייניקער ווי זיינע סאָלדאַטן, זיין לייב איז אויך נישט באַשיצט מער ווי זייערער, זיין בלוט איז פליסיק גלייך ווי פון יעדן קעמפער. אָבער דאָ קומט צוהילף דיר אַ העכערער כוח, אַ קראַפט וואָס איז אַריינגעוואָסן געוואָרן אין לויף פון די מיליטער־יאָרן, זינט דו האָסט זיך מאָביליזירט אין צה"ל. דאָרט האָסטו געלערנט אַז אַן אָפיצער גייט אין דער ערשטער ריי, ער דאַרף זיין אַ פּערזענלעכער ביישפּיל. דער קאָמאַנדיר עסט דער לעצטער, לייגט זיך שלאָפן דער לעצטער און שטייט אויף דער ערשטער. דאָס זיינען נישט סתם ווערטער, נייערט איבונגען, נישט קיין קערפּערלעכע נאָר זעלישע. דו פירסט עס אויס אויף אַן אויטאָמאַטישן שטייגער, כמעט נישט נאָכטראַכטנדיק.

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער שטויסקראַפט, וואָס באַוועגט דיך; רייסט אַרויס דיין גוף פון זיכערן ליג־אָרט אין גראָבן, שטעלט דיך אַוועק אויסגעגלייכט ווען אַלע קעמפער לויפן איינגעבויגן. דערביי לייגסטו אַכט אַז דער טאָן דיינער זאָל קלינגען זיכער און זאָרגלאָז. פאַראַנטוואָרטלעכקייט מאַכט פאַרגעסן די אייגענע שרעק. ביסט אַזוי פאַרנומען מיט דורכפירן די אויפגאַבע, אַז דער איינציקער פחד איז — טאָמער וועסטו נישט דערפירן צום ציל. מאָביליזירסט אַלע כוחות כדי צו שטורעמען פאָרויס, אויפמונטערן די קעמפער, אונטעריאָגן, ווען נויטיק, אָנשרייען, אָדער וועמען געבן אַ באַרואיקנדיקן קלעפּל אויפן אַקסל, אַ פאַטש טאָן אַ זעלנער אין געזיכט אויב ער איז פאַרזונקען אין אַ „שאַק". נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן וועגן דער אייגענער שרעק. אין קריג איז נישטאָ קיין גרעסערער שונא ווי די מחשבה.

לאָז נישט דעם סאָלדאַט טראַכטן וועגן דער משונהדיקער לאַגע אין וועלכער ער געפינט זיך. אויבן שמעטערט דער טויט, ער איז טיף איינגעגראָבן אין זיין אָקאָפּע. באַלד דאַרף מען אויפשטיין, אַרויסשפּרינגען אַנטקעגן די פיינטלעכע קוילן וואָס האָבן שוין אַוועקגעלייגט עטלעכע פון זיינע חברים. לאָז דעם קעמפער צייט אַ טראַכט צו טאָן, וועט ער פאַרוואַנדלט אין אַ פחדן...

---

**פאַרשפּעטיקטע באַגריסונגען צו ווילי שאָר'ס 85־טן געבוירנטאָג:**

מלחי, גרוניע און בצלאל

ווייסמאַן, הינדעאון משה

סיגאַל, שמואל

קאַרסאָן, רבקה און אַלעק

רחל קאָרן

אייזנמאַן, צבי

פאנער, יצחק

דברקיס/ישראל

---

טייערער ווילי שאָר:

מיר באַגריסן אייך צו אייערע 85 יאָר און האָפן צו באַגריסן אייך צו אייערע הונדערט יאָר און נאָך דעם וועלן מיר ווידער האָפן.

**איזאַדאָר און ראָוז בעקער**

פּאַלם ספּרינגס, קאַליפ.

זלמן זילבערצווייג

# די יידישע טעאַטער-קריטיקערס אין אַמעריקע

(נאָטיצן פאַר אַ פאָרש־אַרבעט*)

.4

אַ גרויסער טעאַטראַל, אַ וויכטיקער כּוח אין אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער־לעבן איז געווען דער שריפטשטעלער, קולטור און געזעלשאַפטלעכער טוער, יואל ענטין. זיין ווירקונג, וואָס איז לכתּחילה געווען אָנגעוואַנדן בלויז צו ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער, ווו ער איז געווען אָרגאַניזאַטאָר, לעקטאָר, רעזשיסאָר און איבערזעצער, האָט אויך שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס בעסערע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער, ווען ער האָט געדינט פון גאָרדינס ציטן ביז דאָס אַנטשטיין און אַנטוויקלונג פון יידישן קונסט־טעאַטער.

יואל ענטין, וועלכער איז געקומען אַ בחור פון 16 יאָר קיין אַמעריקע, ווו ער האָט לכתּחילה געאַרבעט, ווי אַלע אימיגראַנטן, אין אַ שאַפּ, און דערנאָך געפּעדלט מיט פּאַפּיראָסן, יידישע צייטונגען און ראָמאַן־העפטן איבער די יידישע שעפּער, האָט דאָ באַקומען זיין וועלטלעכע בילדונג, און באַלד עטלעכע יאָר נאָך זיין קומען אין אַמעריקע געוואָרן אַ פרייער צוהערער אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט, ווו ער האָט שטודירט, אויסער די וויסנשאַפטן פון פּסיכאָלאָגיע און אַנטפּראָלאָגיע, די רוסישע און ענגלישע ליטעראַטורן, באַזונדערס אָבער די ענגלישע דראַמע.

איז הגם די ענגלישע דראַמע, אין בוך, איז געשטאַנען קינסטלעריש העכער ווי די יידישע בינע צו יענער צייט אין אַמעריקע, איז ער פאָרט פאַרכאַפּט געוואָרן פון יידישן טעאַטער, באַזונדערס פון זיין רעפּאָרמאַטאָר, יעקב גאָרדין. אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַרישער וועלט האָט מען ניט געקאָנט אָפּציילן נאָך אַזעלכע געטרייע גאָרדין־פאַרערער ווי נח פּרילוצקי אין אייראָפּע און יואל ענטין אין אַמעריקע. מען קאָן ניט זאָגן אַז ער האָט אין גאַנצן פאַרבאָרגן די חסרונות, וואָס ער האָט באַמערקט אין גאָרדינס דראַמאַטישע ווערק, אָבער ער האָט תמיד אַרויסגערוקט זיינע דראַמאַטורגישע מעלות. דווקא דערפאַר, ווייל ענטין איז געווען אַזאַ אָנגעלייענטער פון דער בוך־דראַמאַטורגיע, האָט ער פאַרשטאַנען דעם באַטייט וואָס עס האָט פאַר דער בינע אַ דראַמאַטיש ווערק, וואָס איז מער באַזירט אויף דער דראַמאַטישער קאַנווע, אויף די טעאַטראַלע אַנטוויקלונגען, אויף די בינע־קאָמפּליקאַציעס און אויפלעזונגען, ווי אויף דעם ליטעראַרישן כאַראַקטער, אויף דעם פּאָעטישן אָדער שטרענג קינסטלערישן אינהאַלט. ער מאַכט אַ שטאַרקן אונטערשייד אין זיין צוגאַנג, אין זיין קריטיק איבער אַ בעלעטריסטיש אָדער פּאָעטיש געדרוקט ווערק און אויף אַ פּיעסע וואָס איז באַשטימט אויפגעפירט צו ווערן אויף דער בינע. נאָר דערמיט קאָן מען פאַרשטיין זיין עקשנותדיקע אָנערקענונג און פאַרערונג צו גאָרדינען, וואָס איז געווען פונקט אַזאַ קנאַפּער ליטעראַט אין זיינע פּיעסן ווי גרויס און שטאַרק ער איז אין זיי געווען אַלס דראַמאַטיקער.

עס איז כּדאַי כאָטש מיט עטלעכע שורות צו כאַראַקטעריזירן זיין אָפּשאַצונג וועגן גאָרדינען:

„די יידישע בינע האָט אין גאָרדינען געפונען איר רעפאָרמאַטאָר, איר נאָוואַטאָר, איר דערלייזער. גאָרדין האָט אויף דער יידישער בינע געפונען זיין גליקלעכן באַרוף אַלס רוסישער שריפטשטעלער און טעאַטער ־ רעצענזענט (וואָס גאָרדין איז געווען איידער ער איז געוואָרן אַ יידישער דראַמאַטורג — ז ז.) איז די לאָגישסטע זאַך פאַר גאָרדינען געווען צו גיין אין די טראַדיציעס פון דער בעסטער רוסישער דראַמע און קריטיק. אַלס דרום־רוסישער (דאָס מיינט, אוקראַאינער — ז. ז.) איז אויך געווען נאַטירלעך, אַז עס זאָל זיך אין זיינע פּיעסן אויך הערן אַן אָפּקלאַנג פון דער היפשלעך אָנגעזעענער קליין־רוסישער (אוקראַאינער) בינע.

„...דער מוסטער אין גאָרדינס ערשטע שאַפונגס־יאָרן אויף דער יידישער בינע איז געווען דער וויכטיקסטער רוסישער דראַמען־דיכטער אָסטראָווסקי, און האָט ער אין זיינע פּיעסן געזוכט עפעקטן, באַצירונגען, האָט ער זיך ניט זעלטן געווענדעט צו די קליין־רוסישע פאָלקס־שטיק. ... אין אַמעריקע האָט גאָרדין שטאַרק אָפּגעפרישט זיין באַקענטשאַפט מיט די דייטשע קלאַסיקער פון אַלע געביטן, זיך באַקענט מיט די נייע דייטשע דראַמאַטורגן, מיט די סקאַנדינאַווישע און די פראַנצויזיש־בעלגישע, און פון גאָרדינס אַלץ־רייכער ווערנדיקן וויסן און געניסן, האָט אויך גענאָסן די יידישע בינע. ...דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז אָבער וואָס ביז גאָרדינען האָט אונדזער טעאַטער געפעלט דער סאַמע תּוך פון דראַמע: עס זיינען געווען דיאַלאָגן אָדער קוים סצענעס און גאַנץ בפירוש זיינען ניט געווען קיין גלאַטיק־ליידנשאַפטלעך־קעמפנדיקע צינדענדיקע סצענעס, וואָס זאָלן פאַרבינדן דעם נאָמען: דראַמאַטישע סיטואַציע, און עס זיינען ניט געווען אַזעלכע פיגורן, וואָס זאָלן זיין אַזוי פאַרביק בולט, אַז זיי זאָלן פאַרדינען דעם נאָמען טיפּן אָדער געשטאַלטן, אַזוי איידל געמאָלן, אַז מען זאָל זיי קענען אָנרופן כאַראַקטערן. און עס איז ניט געווען קיין באַלייכטונג פון די פאַרשוינען — דאָס הייסט, עס איז געווען אַ דראַמע אָן פּסיכאָלאָגיע. מענטשן, מענטשלעך לעבן אָן נשמה. עס איז אויך ניט געווען קיין זינגעוודיקע שפּילעוודיקייט אין די סצענעס, וואָס קומט פון אַ פּאָעטיש־נביאיש אויג, וואָס זעט פאָרויס ווי אַזוי יעדער ריר, יעדע באַוועגונג, יעדער פאַרבן־פלעק וועט זיך אויסשפּילן אויף דער בינע. עס איז ניט געווען קיין דראַמאַטישע וויזיע.

„אַ לאַנג־לאַנגע טיפּן־גאַלערעע האָט אונדז גאָרדין געגעבן, געזונטע, פאַרביקע, סקולפּטורנע, בולטע כּלל־פיגורן, פאָרשטייער פון גאַנצע סאָרטן און קלאַסן.

...אַ לאַנגע גאַלערעע: פאַרשיידענע ניואַנסן פון פּראָסטן חי וקיים, דעם ערד־מענטשן, פונעם הויזלעכן דעספּאָט, פון דער פאָלקס־פרוי, פונעם סוחרישן מענטשן פון דעם אינטעליגענט, פון דער יונגער יידישער פרוי, פונעם גרויס־שטאָטישן הפקר־מענטשל, און גאָרדינס דיאַלאָג האָט דעם צאַפּלדיק וויברירנדיקן, ליידנשאַפטלעך דראַמאַטישן ריטם און זיינע סיטואַציעס גליען מיט שטרייט, פלאַקערן מיט ליידנשאַפט, צינדן, רייסן מיט אמת דראַמאַטישן אימפּעט, און גאָרדינס טיפּן און כאַראַקטערן לעבן אַן אינעווייניקסטן לעבן און זייערע נאַטורן וואַקסן און ברייטן זיך כּסדר אויס און זייערע האַנדלונגען ווערן געפירט פון גייסטיקע מאָטיוון, אָט ווי מוסקולן באַוועגט פון נערוון.

„...יעקב גאָרדין איז נאָך אַלץ (געשריבן 1907, כמעט שוין ביים סוף פון גאָרדינס דראַמאַטורגיע — ז. ז) אונדזער בעסטער, גרעסטער דראַמאַטורג. ער האָט געהאַט באַדייטנדע ליטעראַרישע פעלערן. ער איז אָבער געווען אַ גאָט־געבענטשטער דראַמאַטורג. ער איז געווען אַ מייסטער פון דער טיפער בינע־טעכניק. ער האָט גוט באַנומען און קרעפטיק רעאַליזירט דעם תּוך פון דראַמע.

„...גאָרדין האָט פאַרשטאַנען, ער האָט דערכאַפּט דעם גרויסן סוד פון סיטואַציע, וואָס איז די „אינעווייניקסטע נשמה" פון דראַמע. ...דאָס האָט אים פאַרן דראַמאַטורג געמאַכט, דאָס האָט אים אויך זיין דערפאָלג, דאָס הייסט, דעם עולם געבראַכט. אידעען און פּראָבלעמען."

און ענטין פאַרגעסט אויך ניט גאָרדינס באַטייט פאַרן יידישן אַקטיאָר, און ער שרייבט:

„ערשט גאָרדין האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַדלערס גראַנדיאָזיטעט, אַרויסגעבראַכט די טיפקייט פון קעסלערס טעמפּעראַמענט, די וואַרהייטלעכקייט פון פרוי אַדלער, אויסגעאיידלט מאָגולעסקאָן, ראָמאַנטיש באַשיינט די פרוי קאַליש און די פרוי ליפּצין און לסוף שפּאָגל־ניי באַשאַפן די טאָרנבערגס, די מאָשקאָוויטשעס, די בלאַנקס."

מיר זעען בכן, אַז ענטין האָט אַזוי שטאַרק פאַרערט גאָרדינען, ווייל ער האָט אין אים געזען דעם גרויסן בינע־מייסטער, דעם קינסטלער־דראַמאַטורג, און ווייל ער האַלט, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע מיט

*) זע „חשבון" נומער 58.

וואָס אַ בינע־ווערק דאַרף אַרויפקומען אויף דער בינע.

דערמיט ווערט אויך פאַרשטענדלעך, וואָס נאָך דעם ווי דער פראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב אין ניו־יאָרק (געגרינדעט אין 1902) האָט נאָך די ערשטע יאָרן ווי ער האָט נאָך אַ ביסל טעאַטראַליש אויסגעבילדעט זיינע מיטגלידער, באַלד אַריינגענומען אין זיין רעפערטואַר איינאַקטערס און פיעסן פון אייראָפעישן רעפערטואַר, ניט געפינענדיק גענוג בינע־שטאָף פון יידישע שרייבער. ענטין איז איינער פון די גרינדערס פון דעם קלוב, זיין לערער און רעזשיסער און איז אפשר געווען דער איניציאַטאָר פון דאָזיקן רעפערטואַר.

וועגן זיין אַרבעט אַלס רעזשיסער דערציילט אַ מיטגליד פון קלוב און שפעטער אויך איר רעזשיסער, יעקב פישמאַן:

„דער רעזשיסער פון ’פראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאָב’ איז געווען ענטין. ער איז אָבער געווען מער ווי אַ רעזשיסער. ער האָט אויך פאַרטראָטן דעם מחבר. ער האָט מקפיד געווען אויף יעדן אות אין פינטעלע. ער האָט קיין מאָל ניט דערלויבט דעם שוישפילער צורעכט צו מאַכן אָדער אויסבעסערן דעם מחבר. ...ענטין איז ניט געווען קיין טעכניקער. ער האָט ניט שטאַרק מקפיד געווען אויף בינע־טעכניק. עס האָט אים שטאַרק ניט געאַרט צי מען איז געזעסן אויף דעם בענקל אָדער אויף דער סאָפע, צי מען האָט זיך געגעבן אַ ריכטיקן נייג ביים אַרויסגיין אָדער ניט, אָבער דערפאַר האָט ער שטאַרק מקפיד געווען אויף באַטאָנונג, אויף שפראַך, אויף גראַמאַטיק און אויפן כאַראַקטער און טיפ פון דעם מענטשן, וואָס מען שטעלט פאָר.“

אין פלוג קאָנען די שורות מאַכן אַן איינדרוק, אַז עס איז פאַראַן אַ סתירה צו אונדזער כאַראַקטעריזירונג, אַז ענטין האָט קודם כל געזוכט דאָס סצעניש אין אַ בינע־ווערק, אָבער מען דאַרף אונטערן אויסדרוק „סצעניש“ ניט אַריינטייטשן די פאָזיציעס פון די „העלדן“ אָדער געוויסע באַוועגונגען. ענטין האָט שטענדיק מער געזוכט אין אַ פיעסע דאָס פסיכאָלאָגישע פון העלד, די מאָטיוון וואָס צווינגען אים אַזוי צו האַנדלען, צו ווייזן אויף דער בינע דעם כאַראַקטער ווי מיר זען אים, און פאַר דעם צוועק האָט ער געזוכט קודם כל דאָס הויפט־מיטל מיט וואָס דער מחבר באַנוצט זיך, דאָס געווער וואָס ער גיט דעם אַקטיאָר — דעם טעקסט און דעם אינהאַלט פון דעם טעקסט, וואָס האָט געדאַרפט זיין די טרייבקראַפט און דאָס אויפרייס־מיטל פון דער פיעסע.

דעריבער האָט ענטין אויפגענומען מיט אַזאַ פרייד און באַגייסטערונג דאָס אַנטשטיין פון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער און די קורצע צייט פון זיין „קאָנקורענט“ — בן עמיס „נייער יידישער טעאַטער,“ ווו ער האָט דערזען דעם בינע־כוח פון הירשביינס, אַשס, דימאָווס און שלום־עליכמס פיעסן און דעם אוצר פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע, וואָס איז דורך זיי אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער יידישע בינע.

ענטין האָט געגעבן דעם יידישן טעאַטער אַחוץ, בשותפות מיט ז. לעווין, אַן אייגענע פיעסע, אַ סך איבערזעצונגען, סיי פון גאַנצע פיעסן, ווי „די גייסטער“ פון הענריק איבסען, „פעלעאַס און מעליזאַנד“ פון מאָריס מעטערלינק, הערמאַן הייערמאַנס „געטאָ“, סיי פון איינאַקטערס פון שניצלער און אָסקאַר וויילד, און הגם זיין שפראַך אין די דאָזיקע איבערזעצונגען האָט טייל מאָל דערגרייכט צו לעכערלעכן פוריטיזם, ווי אַ שטייגער אַזעלכע אויסדרוקן ביים גלח אין איבסענס „גייסטער“: „זיי לעבן אָן חופה וקדושין, הפקר ווי אין וואַלד,“ אָדער: „לאָמיר דאַוונען בציבור מנחה,“ האָט ער באַרייכערט די יידישע בינע און דערצויגן סיי שוישפילערס פאַר דער בעסערער דראַמע, סיי צוהערעס. זיין לערעריי אין יידישן לערער־סעמינאַר האָט זיך אויסגעברייט אויף פעדאַגאָגישער דערציונג פון יידישן אַקטיאָר און יידישן טעאַטער־עולם.

(ש. יאַנאָווסקי און וויליאַם עדלין—קומען)



אסתר שומיאַטשער-הירשביין

# זכרונות פון יענע טעג

פרץ הירשביין איז געווען אין מיין שטעטל קאַלגאַרי בשעת זיין פיעסע „אַ פאַרוואָרפן ווינקל“ האָט אין ניו־יאָרק געהאַט אַ פענאָמענאַלן דערפאָלג. יעקב בן־עמי און מאָריס שוואַרץ ע"ה האָבן געקלאַפט דעפעש נאָך דעפעש: „פרץ, מוזט קומען און זען מיט דיינע אייגענע אויגן וואָס דאָ טוט זיך! די באַגייסטערונג פונעם טעאַטער־גייער... עס איז אַזעלכעס ניט געווען און וועט ניט זיין אין דער יידישער טעאַטער־געשיכטע.“

הכלל, פרץ נעמט די בשורה אויף גאַנץ קאַלטבלוטיק. פרעגט אים מיין ברודער הערי:

„היתכן, פרץ, וואָס זיצסטו דאָ אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל, קאַלגאַרי, ווען אין ניו־יאָרק איז אַזאַ ’שרפה,’ און טאַקע צוליב דיין פיעסע ’אַ פאַרוואָרפן ווינקל’?“

ענטפערט אים פרץ:

„איי, ברודערל הערי, איך בין איצט פאַרנומען אויספירן אַ ליבע און ס’טעאַטער וועט, אם ירצה השם, אויסקומען אָן מיין וויניקייט.

הכלל, ער האָט אויסגעפירט. מיר זיינען געקומען אויף דער 10טער וואָך. פרץ האָט קיינעם ניט געלאָזט וויסן (דאָס איז געווען זיין שטייגער, ער קומט אינקאָגניטאָ, הייסט עס). מיר זיינען צו צום טעאַטער, הימל און ערד מיט מענטשן! שטופ אַהער, שטופ אַהין, ביז מען אָנגעזאָגט אונטער די קוליסן, אַז פרץ הירשביין איז דאָ, אָבער דער עולם טראָגט אים אַרויס ווי אַ שפענדעלע, איבער די קעפ ממש... איז מען פון הינטער די קוליסן געקומען מיט אַ פאָליציאַנט, און דער פאָליציישער שטעקן האָט אונדז צוגעפירט הינטער דער בינע. דער ערשטער, וואָס איז אונדז געקומען אַנטקעגן, איז געווען מאָריס שוואַרץ. מיט זיין געווינטלעכער ברייטקייט באַגריסט ער פרצן און זיך גענומען תיכף צום געשעפט:

„זעט וואָס פאַר אַ סוקסעס איך האָב עס פאַר אייך געמאַכט! פון היינט אָן און ווייטער וויל איך האָבן ס’רעכט אויף אַלע אייערע פיעסן געשריבן ביז אַהער און פיעסן וואָס איר וועט נאָך שרייבן.“

פרץ שווייגט אַ ווײלע. שוואַרץ קוקט אים אָן ווי ער וואָלט געווען אַן אויסטערליש טראָפישער פויגל, און הירשביין ציילט ממש די אותיות אויף זיין פאַמעלעכן שטייגער:

„ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ מענטש וואָס האָט געליען אַן עמער אָנצופילן אַ פעסל וואַסער, אַז דער עמער זאָל אים אויך געהערן?“...

שוואַרץ קוקט אָן הירשביינען מיט אַ צעטומלטן בליק, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען די אַנאַלאָגיע פון דעם שפרוך.

אַ ביסל שפעטער איז שוואַרץ געקומען פאַרהאַנדלען מיט הירשביינען. ער וויל זיך תיכף נעמען פאַר אַ צווייטער הירשביין־אויפפירונג—„דעם שמידס טעכטער.“ פרץ האָט אים אָפגעזאָגט און צומאָרגנס זיינען מיר שוין געווען אין וועג.

איך וויל אויך ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען, אַז יעקב בן־עמי האָט גערעדט מיט פרצן, אַז אַ גרופע וואָלט וועלן זיך אָפרייסן פון שוואַרצן און שאַפן אַ בייעם קונסט־טעאַטער און ער האָט געבעטן ביי פרצן ער זאָל זיי אַרויסהעלפן מיט זיינע פיעסן. אַזוי אַרום איז שפעטער אָרגאַניזירט געוואָרן מיט בן־עמין בראש דער מעדיסאָן סקווער קונסט־טעאַטער, וואָס האָט געעפנט דעם טעאַטער־סעזאָן מיט פרצעס „די פוסטע קרעטשמע.“

אַגב אורחא, שוין זייענדיק אין וועג, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז מאָריס שוואַרץ האָט, אָן פרצעס אַ דערלויבעניש, אויפגעפירט „דעם שמידס טעכטער.“

אַז מיר זיינען פון וועג צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק, האָט מען פרצן פאַרבעטן בייצוזיין ביי אַ „דרעס־ריהורסל“ (גענעראַל פראָבע) אין גרים און קאָסטיומען, ביי אַ ספעציעלער פאָרשטעלונג מיט אַלע פיטשעווקעס.

מיר זיצן אין אַ ליידיק טעאַטער און פרץ הערט זיך איין וואָס ס’קומט פאָר אויף דער בינע. סוף צווייטן אַקט, נאָך

דעם ווי איציק גנבעט אַרויס מייטען פון אונטער דער חופּה. האָט פּרץ באַמערקט עטלעכע צוגעשריבענע שורות, וואָס פאַרפּירן דעם אינהאַלט פון זיין ווערק. פּרץ שטעלט זיך אויף, הייבט אויף זיין האַנט און פרעגט :

„ווער האָט צוגעשריבן די לעצטע עטלעכע שורות, וואָס געפינען זיך ניט אין מיין טעקסט?“

קומט אַרויס בן־עמי און זאָגט, אַז דער רעזשיסער עמנואל רייכער האָט צוגעשטעלט די דאָזיקע שורות.

ענטפערט פּרץ : „מעקס זיי אויס!“

עמנואל רייכער ברענט פול מיט צאָרן:

— ס'טייטש, ער איז דער רעזשיסער און קיין אויטאָר וועט אים קיין דעה ניט זאָגן. דאָס אזי דאָס ערשטע מאָל אין זיין לאַנגער קאַריערע אַלס רעזשיסער וואָס ער טרעפט אָן אַזאַ חוצפּה פון אַן אויטאָר!

הכלל, פּרץ האָט זיך געלאָזט פון טעאַטער און רייכער איז געפלויגן ווי אַ צערייצטער לייב דורך דער הינטערטיר פון דער בינע.

אַ ברוגז איז אַנטשטאַנען.

פּרץ לאָזט ניט אָנגיין ווייטער מיט דער אויפפירונג. די אַרבעט אַרום „די פוסטע קרעטשמע“ איז פּאַראַליזירט. ביידע, דער דראַמאַטורג און דער רעזשיסער, ריידן ניט און פּרץ וויל ניט הערן פון שלום ביז די צוגעשטעלטע פרעמדע שורות פון זיין אָריגינעלן טעקסט ווערן ניט באַזייטיקט.

שפּעטער, נאָך דעם ווי די „פוסטע קרעטשמע“ איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, האָט עמנואל רייכער געזוכט צו געווינען פּרצן און פאַרקניפּן אַ נאָענטע פריינדשאַפט. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ער, זיין טאָכטער העדוויגאַ, מיין שוועסטער, נחמה שרה (לאַזאַר וויינערס פרוי) — פּרץ האָט פאַר אונדז, ווי איין משפּחה, געפונען אַ מקום מנוחה אין די קעצקיל בערג אויף אַ גאַנצן זומער, וואָס וועגן דעם אַליין קאָן מען שרייבן זייער טשיקאַווע קאַפּיטלעך מיט מערקווירדיקן הומאָר.

* * * * *

באַמערקונג :

עס איז אַ פאַקט, אַז די הירשביין־פּיעסן האָבן געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל אין דער סטאַביליזירונג פון יידישן קונסט־טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון מאָריס שוואַרץ און ניט ווייניקער אין דעם פּרוּוו פון יעקב בן־עמי־שניצער און רייכער צו שאַפן דאָס נייע יידישע טעאַטער.“

ז. זילבערצווייג

---

**חיים לייב פוקס / ניו־יאָרק**

# גענעזע פון ליד

## (וועגן זישא לאַנדוי, זיין ליד און זיין וועזן)

פון די טיפסטע קוואַלן פון דער אומה קומט דאָס יידיש־דיכטערישע וואָרט צו זיינע שעפערס. עס איז דאָס אַלטע יידישע קול פון דער יצירה, פון „בראשית ברא,“ וואָס ווערט יעדעס מאָל באַנייט אין מהות פון אַ יידישן דיכטער. עס איז דאָס אייביקע קול, וואָס איז אין יידיש־דיכטערישער וויזיע, געוואָרן ב י ל ד. ווי ס'איז געשריבן: „והעם רואים את הקולות.“ נאָר אַזוי, אַז מען זאָל זען די קלאַנגען, די אינערלעכע קולות פון יעדער שאַפונג, נאָר אַ ז ו י מעג מען און דאַרף מען שרייבן שירים.

אויף דעם דרך זיינען געגאַנגען כמעט כמעט אַלע יידישע דיכטערס, סיי די אַלט־קלאַסישע און סיי די נייע און אפילו די מאָדערנע, די ריין־פּערזענלעכע. אַלע דיכטערישע שולעס.

כמעט אַלע יידישע פּאָעטן אין אַלע צייטן פון דער יידישער געשיכטע טרינקען אָן זייער בענקשאַפט און זייער באַגייסטערונג פון איין און דעם זעלבן מקור: פון דער יידישער נשמה. פון דעם קוואַל האָבן זיך גענערט סיי אונדזערע ערשטע דיכטערס — די נביאים, און סיי די פייטנים און מקוננים, סיי אין צייטן ווען יידן זיינען געזעסן אויף זייער ערד און סיי אין אַלע גליותן און אין אַלע יידישע תפוצות און צייטן.

ווייל: אפילו די ריין רעליגיעזע מאָטיוון אין די תפילות, זיינען דאָך אין אמתן נישט בלויז דער רעליגיעזער איימאַזש, זיין השתפכות הנפש צו גאָט; נאָר איז אויך צוגלייך דער אויסדרוק פון דיכטערס אייגענעם אויסלעבן זיך אין זיין ליד.



רבי יהודה הלוי'ס „ציון הלא תשאלי“, וואָס איז דורך לאַנגע דורות אויסגעוויינט געוואָרן אין די טעג פון זכר לחורבן, האָבן אין אמתן דורך אומגעזעענע שטראַלן באַווירקט יעדער יידיש חדר־ייִנגל און איז צוריקגעקומען צו אים, ווען ער האָט זיך געהייליקט צו שירה אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

דער מאָטיוו:

„נאָר חלום איך פון דיין דערלייזונג ווידער
ווער איך די האַרף פאַר דיינע לידער“

איז נישט געווען בלויז ר' יהודה הלוי'ס געבעט און געוויין, נאָר אויך דאָס געבעט און געוויין פון יידישע דורות, פון דיכטערס, וואָס זיינען באַהויכט געוואָרן פון די ווערטער. זייער השפעה דערפילן מיר ביי ביאַליקן און די משוררים פון אונדזער נייער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, וואָס האָבן אין זייער שירה דערהערט דעם שטילן אָפּציטער פון דער אייביקער יידישער האַרף, ווי דעם קלאַנג פון דוד המלכס פידעלע, וואָס האָט פון זיך אַליין צו חצות אָנגעהויבן שפּילן און אויפגעוועקט דאָס געוויסן פון מלך צו זיין פאָלק. (מיר דערפילן עס אפילו דירעקט אין ליד „ירושלים של זהב“...)

אפילו די יידישע דיכטערס, וואָס האָבן נישט געשריבן פיל אויף נאַציאָנאַלער טעמאַטיק, זיינען אומדירעקט אָנגעהויכט געוואָרן פון אָט דער שירה, ווי אַ טייל פון זייער לירישער גענעזע. (דוד איינהאָרן, ראָזענפעלד, רייזען, לייוויק, און אפילו משה לייב האַלפּערן, וואָס גייט אין זיינע געציילטע נאַציאָנאַלע מאָטיוון, די פּאָעמע „אַ נאַכט“, דאָס ליד „איך זאָג“, צוריק צו די שורות פון „שפוך חמתך.“..

דאָס נעמלעכע, נאָר אין אַן אַנדערן וואַריאַנט, קען מען זאָגן וועגן רבי שלמה איבן גבירול, וואָס אפילו אין זיין הימן „כתר מלכות“, אין וועלכן ער גייט אויף אין די העכסטע טענער צום באַשעפער, דערפילן מיר אויך די גאָר־דינע קלאַנגען־כוואַליעס פון זיין יחידישן בענקען, די לירישע איבערלעבונגען פון זיין פאַרבענקטער נשמה...

(אָפּקלאַנגען דערהערן מיר אין די דיכטונגען פון אהרן צייטלין, חיים גראַדע, י. י. שוואַרץ, י. י. סיגאַל א"אַ).

דאָס זעלבע אין די שירים פון ב יי ד ע אבן עזראַס. (אַ דירעקטע השפעה פון די שירת עני קען מען זען אין אברהם רייזען. סיי אין זיין באַגינען און סיי אין זיינע לעצטע דיכטונגען פון דער חורבן־תקופה, וואָס רופט זיך איבער נישט בלויז מיט די אבן עזראַס, נאָר אויך מיט די קינות פון דער יידישער דיכטונג אין מיטלאַלטער, ביז צו רבינו מאיר מאור הגולה א"א).

ווייל נאָר פאַר אַ יידישן דיכטער (אין אונדזערע ב יי ד ע נאַציאָנאַלע לשונות) זיינען די צוויי־און־צוואַנציק פירקאַנטיקע יידישע אותיות די פילבאַרסטע קלאַווישן פון זיין האַרץ־פּיאַנע און נ אָ ר אויף זיי שפּילט ער אויס זיין ליד...

גייען מיר נאָך די שאַפונגען פון אונדזערע גרעסטע דיכטערס אין אונדזער צייט, דערפילן מיר אַז אין זייער אמתן מהות, רופן זיי זיך איבער אין זייערע לירישע געזאַנגען און אין זייערע בענקשאַפטן, סיי מיט די דיכטערס פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע און סיי מיט די מקוננים פון פריערדיקע דורות, וואָס קומען צוריק צו זיי, דורכן וואָרט, וואָס איז אויסער צייט און לאַנדשאַפט, נאָר געזאַנג, וואָס ציטערט און וויברירט אין דער לופטן און וואַרט דערהערט צו ווערן... מיר דערהערן עס אין די חורבן־לידער פון דיכטערס און אפילו אין די פּרימיטיווע מאָטיוון געשאַפן אין די געטאָס און לאַגערן, אפילו פון יענע פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן זיכער אין יענע מאָמענטן נישט געטראַכט און זיכער נישט באַווירקט געוואָרן פון יענע דיכטערס, וואָס נאָר אַ ווייטער אָפּהילך פון די חדר און יידישע שטובן האָבן אויסגעווירקטזייער בענקען...

אויף אָט דער פלאַך ווילן מיר אַביסל צוקומען צום מהות פון זישא לאַנדוי'ס דיכטונג, אַ שירה, וואָס איז צוריקגעקומען צו אים אין די נישט־גענוג־אויסגעזונגענע לידער פון זיינע (און אויך פון מיינע) זיידעס, וואָס גרייכן ביז די מקובלים פון צפת.

זישא לאַנדוי שטאַמט אָפּ פון לאַנגע דורות רבנים און מחברים ביזן מחבר פון „שולחן ערוך“ און „מגיד“ — רבי יוסף קארו, וועגן וועלכן מיר האָבן אַ מסורה, אַז נישט בלויז די הלכה האָט ער גערונטפעסטיקט אין זיינע ווערק, נאָר ער איז אויך געווען אַ דיכטער פון שירים, וואָס זיינען אַריין אין תפילות, ווי די שאַפונג פון אַנאָנימען דיכטער, ווי טייל פון די דיכטער פון זיין צייט, די „בני היכלא“...

דער איינפלוס פון רבי יוסף קארוס דיכטונג האָט דאָך נישט געמוזט קומען אין די גאָר־נאָענטע צייטן, נאָר זי האָט זיך געקענט איבעררופן דורכן דיכטערישן לאַנגן וועג (אַ מין אַנדער קפיצת הדרך) ווי מיר אַנען עס און געפינען עס אין לאַנדויס ליד „איז דער הייליקער בעל־שם־טוב אין פרימאָרגן געגאַנגען“, וואָס איך קען עס מיר אַליין ניט באַשיידן, פאַרוואָס איך האָב עס פון תמיד אָן און עד היום נישט געקענט לייענען ווי אַ ליד, נאָר געמוזט עס זינגען מיט אַ ניגון (אפשר איז עס דער ניגון פון אַ שלוש סעודות־געזאַנג פון אונדזערע זיידעס?)

אויך אין לאַנדויס „ווונדערלעכע ווערטער“ הער איך מאָטיוון פון גאָר אַלטע דיכטערס און אויך דעם ציטער פון אמיתי בן שפטיהוס „אלה אזכרה“ מאָטיוו:

איך בוי אויף דרייצן ווערטער פון גנאָד,
אויף טרערן, וואָס קיין טויער שליסט
נישט צו פאַר גאָט

און —

דער וואָס פאַרנעמט געוויין פון הימלס
העכסטער הויך,
אין טרערן־לאָגל, נעם אַריין אונדזערע
טרערן אויך.

אָט דער מאָטיוו קומט אַ סך מאָל צוריק אין זישא לאַנדויס דיכטונג.

מיר הערן זיי, די ציטערן פון —
פאַראַנען ווערטער, ווונדערבאַרע דינע,
קוים זאָגסטו זיי, ווערט לייכטער דיין
געמיט,
זיי זאָגסטו אָבער קיין מאָל ניט.

פרעגט זיך: פאַר וואָס? האָט דען זישא לאַנדוי נישט געוואָלט זאָגן די ווערטער, וואָס וואָלטן לייכטער געמאַכט זיין געמיט?

דעם פאָעטישן באַשייד געפינען מיר אין אַן אַנדער ליד „דיכטונג“ וואָס דער מאָדערנער לאַנדוי האָט געווידמעט צום אַלטמאָדישן לירישן און אַרבעטער־דיכטער יוסף יפה, פון וועלכן איך וועל נאָר ציטירן אייניקע פערזן:

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען
און די לבנה שווימט אַרויס.
דאָס פלאַכלאַנד און די היגלען
זיי לויפן מיילנווייז פאָרויס.

ער גייט. מיט אים צוזאַמען גייען
די ריחות פון אַ שאַרפן קוואַל.
אַרום אים ווייטע ווערטער ווייען
און רוישן ווי אַ וואַסערקוואַל.

— — — — — — — —

און זיינע חושים נעמען ווייגען
פון ליבשאַפט גרויסער און פון גליק.
וואָס אותיות און ווערטער מיינען
אַנטפּלעקט האָט אים אַן אויגנבליק.

די פינגער הייבן אָן צו קנעטן,
פון ווערטער, זילבן און געמיט.
איין וואָרט נעמט זיך צום צווייטן בעטן
אין לויב פון קומענדיקן ליד.

זישא לאַנדויס דיכטונג קומט צוריק צו אים דורך די יידישע ווערטער פון זיינע זיידעס, וואָס זיינען דורך זייער פשטות צו יעדן נפש ישראל, חוץ דורך זייער תורה, געוואָרן די „גוטע יידן און טרייסטערס פון גרויסע עדות פשוטע און חסידישע יידן אין פוילן פאַר לאַנגע צייטן.

דער טשעכאַנאָווער רבי, דער גאון און למדן הדור, ר׳ אבהמעלע, איז דאָך דער עיקר געווען דער רבי פון דער יידישער אָרעמקייט און ער אַליין האָט כל ימיו הייליק געטראָגן זי סיי אין מעשים און סיי אין ווערטער, וואָס בלויז איין זאָג זיינער אַז „דאָס לעבן פון איין מענטש, איז אַ חוב צו דער גאַנצער וועלט“ — באַשטימט זייער גרויסקייט.

אויך דער טשעכאַנאָווער האָט חוץ זיינע ספרים, וואָס ער האָט נישט געלאָזט אַרויסגעבן ביי זיין לעבן, געשריבן שירים און תפילות אין יידיש, וואָס ער האָט אַריינגעפלאָכטן אין זיינע תפילות (זיין סידור „צלותא דאברהם“ איז טיילווייז אַרויס אין ישראל דורך זיין אוראייניקל, דער גרויסער למדן, ר׳ יעקב ווערדיגער).

זישא לאַנדוי האָט די ווערטער און געזאַנגען זיכער געהערט אין זיינע פריע



## זישא לאַנדוי

# איז דער הייליקער בעל־שם־טוב...

איז דער הייליקער בעל־שם־טוב אין פעלד אומגעגאַנגען,
באַגינען אין פעלד אינעם קאַלטן געגאַנגען.
עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן,
קאַלט און פראָסטיק האָבן געבלאָזן די ווינטן,
און ס׳האָט גענומען אים פרירן די גלידער.
און ס׳האָט מיט פאַרפרוירענע גלידער
דער הייליקער בעל־שם־טוב געעפנט די ליפּן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען,
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע ליפּן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אַז וויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
„דיין ווינט זאָל אַ מאָל אים באַרירן,
„פון קעלטן פון דיינע צו פרירן,
„אַז וויל איז צו מיר או אַז וויל איז און וויל,
„אַז וויל איז און וויל איז און וויל.“

און דורשטיק די פראָסטיקע לופט אַלץ געטרונקען,
און ווידער איז טיפע מחשבות פאַרזונקען.

און אייניקווייז איז אינעם הימל אַרויס
אַ זון אַזוי פלאַמיק און גרויס.

---

קינדער־יאָרן אין זיין פאָטערס שטוב אין פלאָצק און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ יתום, אין די היימען פון זיינע פעטערס, די רביים: דער ביאַלער רבי ר׳ בעריש (זע פרצעס „אויב נישט נאָך העכער“), ר׳ יעקעלע פון יעזעוו און דער עיקר, אין דער שטוב פון זיין זיידע ר׳ וואָלף פון סטריקעוו, וואָס האָט געשריבן שירים אין יידיש און לשון קודש) זע „זר זהב“ צוויי זאַמלונגען, וואַרשע 1902). ר׳ וואָלפס לידער האָבן אין זיך חוץ בענקשאַפט צום באַשאַפער אויך די מוזיק פון דער יידיש־פוילישער, היימישער לאַנדשאַפט און געמיט. זיי האָבן זיכער אפילו מיט זייער מוזיקאַלישקייט באַהויכט און באַווירקט דעם קומענדיקן יידישן ווירטואָז און דיכטער, וואָס האָט פון ר׳ וואָלפן געירשנט דעם חן של חסד פון אַ ליד.

זישא לאַנדוי האָט פונקט ווי זיינע זיידעס געהאַטן, אַז אַ שעפערישער מענטש בלייבט תמיד אַ בעל־חוב צו דער וועלט און צו אירע שיינקייטן און דעריבער האָט ער זיינע לידער אויסגעזונגען, ווי אַ התחייבות צו דער וועלט און אירע שיינקייטן, אָן וועלכע ווי ער האָט טיף געגלייבט, זיינען מיר ווייניקער שותף צו דער וועלט.

אָט די צוויי ירושות: חוב צו דער וועלט און די שיינקייט פון באַשאַף, האָט לאַנדוי פאַראייביקט און פאַראייניקט אין זיינע לידער. (זיי האָבן אפילו געהאַט אַ השפעה אויף מאַנגערן אומדירעקט).

און אין שעה פון טרויער, ווי אין שעה פון דיכטונג, פרעג איך זיך אַליין: — וואָס איז אַ ליד?

און איך ענטפער, ווי זישא לאַנדוי וואָלט געענטפערט:

— אַ ליד, איז געמיט. דאָס געמיט, וואָס איז דאָ אין דער לופטן און דורך ליד קומט עס צוריק צום שורש.

אַז ווי אין גיהנום געוואָרן איז היים,
פון פנים גערונען האָט טראָפּנווייז שווייס
און ס'האָט אינעם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאָל ניט געווייט,
נאָר פלוצים זיך האָט דורכן ברענענדן פעלד
דאָס קול פון בעל־שם־טוב צעשפּרייט,
דאָס האָט דער בעל־שם־טוב געזונגען,
אַ לויב צום באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר אַ לויב!
„פאַר אַלץ וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
„אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
„און ווויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט
„פון פייערן דיינע פאַרברענט.
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט
„צו פאַלן פון דורשטיקייט איצט אויף דער ערד,
„ווי ווויל איז צו מיר און ווי ווויל איז און ווויל.
„און ווויל איז און ווויל איז און ווויל."

רבקה ס. גאָלאַמב

# ווען דער בוים וואָלט געקענט דערציילן...

צווישן די פאַרשיידענע ביימער וואָס זיינען געוואַקסן אין אַ שורה, לענגאויס דער גאַס, ווי פאַלמען, זשאַקאַראַנדעס און באַנאַנע־ביימער, האָט זיך אַרויסגעהויבן מאַיעסטעטיש, אַריסטאָקראַטיש, מאַכטיק און סודות־פול אַ טונקל־גרינע סאָסנע. מיט איר קרוין שטאָלץ פאַרריסן צו די בלויע הימלען איז זי געשטאַנען אין שטומער שווייגעניש, מיסטעריע און גראַנדיעזקייט.

ווער האָט געקענט וויסן איר עלטער? זי איז אָבער שוין געוויס געווען אַ זקנה אין די טיפע יאָרן. געשאַצט האָט מען איר, אַז זי האָט שוין געוויס גאָר לאַנג אַריבערגעשפּאַנט העט איבער די צוויי הונדערט יאָר.

פאַר דער צייט וואָס די סאָסנע האָט זיך געהויבן צו די הייכן זיינען קינדער געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, אַלט געוואָרן און אַוועק אין דער אייביקייט.

די אַלטע, מיט מאָך באַהאָרטע, האָט איבערגעלעבט אַ סך עטנישע אימיגראַנטן־גרופּעס, וואָס זיינען געקומען זיך באַזעצן אין לאָס אַנדזשעלעס. ס'איז אָבער קיין שום עדות ניט פאַרבליבן צו קענען דערציילן וועגן יענע אַמאָליקע צייטן, ווען די סאָסנע איז נאָך גאָר יונג געווען אין אירע צווייגן נאָך פריש און העל־גרין.

ווער האָט זי געבראַכט אַהער און געלאָזט דאָ וואַקסן אויף דער גאַס אין לאָס אַנדזשעלעס? — קיינער איז ניט געבליבן צו דערציילן איר געשיכטע. איז עס אפשר געווען דער שטיפערישער ווינט, וואָס האָט פון ערגעץ־ווו אויף זיינע פליגלען געבראַכט אַ קערנדל און עס אַראָפּגעטרייסלט פון זיך?... און אפשר נאָך אַ שטאַרקן שלאַקסרעגן האָבן פון די בערג מיטגעשלעפּט מיט זיך אַן איינזאַם פאַרבלאָנדזשעט קערנדל... און אפשר זיינען דאָס



נאָר השערות... ווער קען וויסן?...

דער ריזיק־צעצווייגטער, הויכער סאָסנע בוים איז אָבער געווען אַ לעבעדיקער עדות פון אַן אומגעוויינלעך ראַשיקער אַנטוויקלונג פון אַן אויסטערלישער שטאָט. אַ מעטראָפּאָליע אָן היסטאָרישער טראַדיציע, אָן וואָרצלען; וואָס האָט ווי אַן אָקטאָפּוס, אָדער אַ קאָפּלאָזער מאָנסטער זיך פאַנטאַסטיש צעשפּרייט אין שטח אויף צענדליקער מיילן, סיי אין דער לענג און סיי אין דער ברייט. אַ שטאָט וואָס איז אין כסדרדיקן אויפבוי און איבערבוי, ווייל אירע באַוווינער זיינען רירעוודיק, אומגעדולדיק, פאַרשמאַיעט און פאַרהאַוועט.

זיינען דאָך געווען צייטן, בסך־הכל מיט אַ קאַרגע 190 יאָר צוריק, ווען דער גאַנצער כרך וואָס הייסט היינט מלאכים־שטאָט האָט ניט געהאַט קיין איין צווייפוסיקן פאַרשוין. נאָר מדבר־ווילדערניש, אָקעאַן־כוואַליעס און הויכע בערג, מיט שניי־באַדעקטע יאַרמולקעס האָבן זיך דעמאָלט אַרומגענומען אין ברידערלעכער פריינדשאַפט; האָט דער סאָסנע־בוים געקענט שוין דעמאָלט זיך באַלעבאַטיש צעלייגן און צעוואַקסן אין דער טיף און אין דער הייך.

* * *

דאָס ערשטע הייפל מענטשן, בסך־הכל עלף משפּחות, האָבן זיך באַוויזן אין דעם געגנט פון דעם בוים אין יאָר 1781. דאָס איז געווען פאַר זיי דער אָפּשלוס פון 7־חדשימדיקן, טויזנט־מייליקן מאַרשרוט פון צפון־מעקסיקאָ דורך דעם סכנות־פולן מדבר.

ס'ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך דערהערט אַ לוסטיק לאַכן פון סעניאָריטאַס און אַ שטיפעריי פון קינדער. ס'האָט ניט גענומען לאַנג ווי די לאַנדשאַפט אַרום דעם בוים האָט געביטן איר פרצוף.

די פלייסיקע פאַרערס פון צפון־מעקסיקאָ, וואָס זיינען געוווינט געווען צו אַרבעטן אין אַ הייסער, אויסגעפּולוועטער מדבר־געגענט, האָבן מיט דער הילף פון די שפּאַנישע „פּאַדרעס" גאָר גיך דערלעבט דעם נחת פון „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו." דער בוים איז געווען אַן עדות פון דער געוואַלדיקער ענדערונג.

„אַבאָדעס" (הייזער אין שפּאַנישן סטיל) מיט ברייטע וועראַנדעס זיינען גאָר גיך געשטאַנען אין בליענדיקע גערטנער. די שפּייכלערס זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט פרוכט און תבואה.

דאָס אָרט האָבן די ערשטע „ראַנטשעראָס"־באַזעצער געקרוינט מיט אַ שונהדיקן לאַנגן נאָמען: „אונדזער סעניאָראַ, די מלכה פון די מלאכים פון פּאָרקיונקולאַ". מיט אַ זעכציק יאָר שפּעטער, ווען פון דעם דערפל האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ שטאָט, האָבן די אַמעריקאַנער געקירצט דעם נאָמען און עס אָנגערופן: „די מלאָכים"—לאָס אַנדזשעלעס.

דער סאָסנע־בוים האָט איבערגעלעבט אַלע ענדערונגען: פון די געמיטלעכע שפּאַנישע פיעסטאַס, הענער־קאַמפן, אָקסן־קאַמפן, פערד־געיעגן, אין סוף 18טן י"ה, ביז דעם געלאַף אין יאָר 1948, ביז אַלע מעטאַמאָרפאָזעס פון אַ גרויסער מעטראָפּאָליע אין יאָר 1969.

מיט דער מפּלה פון גענעראַל פּיקאָ איז געקומען דער סוף צו דער שפּאַניש מעקסיקאַנער אידיליע אין לאָס אַנדזשעלעס. לויטן גוואַדאַלופּע הידאַלגאָ אָפּמאַך, אונטערגעשריבן אין יאָר 1848 פון דער מעקסיקאַנער און אַמעריקאַנער רעגירונגען, איז גאַנץ קאַליפאָרניע אַריבער צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

ס'האָט גלייך גענומען מבלען מיט אימיגראַנטן. זיי זיינען געקומען אין כוואַליעס פון די צפון און מזרח־שטאַטן. לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך גיך גענומען פורעמען אין אַ גרויסשטאָט. די לאַטיין־אַמעריקאַנער קולטור איז ווי אָפּגעווישט געוואָרן. די לאַנדשאַפט האָט ווידער געביטן איר פרצוף און דער גרויסער הו־האַ האָט זיך אָנגעהויבן.

* * *

די שפּאַנישע הייזקעס מיט זייערע דיקע, ליימענע ווענט און ברייטע וועראַנדעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם סאָסנע־בוים, האָבן גיך אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. אונטער די זוניקע, בלויע הימלען פון לאָס אַנדזשעלעסער גאַסן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ געוועב פון רעלסן. די גראַמע רויטע וואַגאָנען פון די טראַמוואַיען האָבן מיט זייער קלאַפּן אין טראַסקען אַוועקגערויבט די שטילקייט

און דעם געפיל פון אייביקייט. ווען די סאָסנע וואָלט געקענט ריידן וואָלט זי זיכער דערציילט פון בעסערע פאַר איר צייטן. זי איז אָבער געשטאַנען אין שטורמער און ווירדיקער שווייגעניש.

ווען דאָהיני האָט אין 1890 געפונען די ערשטע אוילקוואַלן איז לאָס אַנדזשעלעס איבערנאַכט טראַנספאָרמירט געוואָרן. אין קנאַפּע זעקס יאָר האָבן שוין געאַרבעט דריי טויזנט קוואַלן און דער אָנגעלאָף פון נייע אימיגראַנטן איז געווען אין לשער. ביליקע אויל האָט געבראַכט דעם אויטאָמאָביל און לאָס אַנדזשעלעס איז געוואָרן אַ שטאָט אויף רעדלעך, טומל, רויך און טשאַד.

לעבן דעם סאָסנע־בוים האָבן זיך אויסגעבויט אין געאייל נייע הייזער מיט נייע באַוווינער, וואָס האָבן פון זייערע אַלטע היימען אַריבערגעבראַכט זייערע אייגענע מינהגים, טראַדיציע און פירונגען.

די נייע באַפעלקערונג איז אָבער געווען אַן אומרואיקע און אַגרעסיווע. מענטשן האָבן געוואָלט גיך רייך ווערן, האָט מען זיך לאַנג ניט געהאַלטן אין זעלבן אָרט. מען האָט געוואַנדערט און געוואַנדלט; זיך אַריינגעקליבן אין ווינונגען און זיך אַריבערגעקליבן אין אַנדערע.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און די נייע הייזער אַרום דער סאָסנע זיינען ווידער איינגעוואָרפן געוואָרן און אויף זייער אָרט האָט מען אויסגעבויט אַפּאַרטמענט־הייזער. צוערשט, צוויי און דריי־שטאָקיקע אָנגעפּאַקטע מיט אַ סך שכנים און נאָך דעם אַלץ העכערע און העכערע.

די געגנט אַרום דעם סאָסנע־בוים איז געוואָרן שמוציק, אָפּגעלאָזן און אָפּגעקראָכן; אַ טומלדיק אָרט אין אַ אומרואיקער שטאָט אָנגעפילט מיט אויסגעוואָרצלטע מענטשן. געקומען זיינען זיי פון אַלע אַנדערע שטאַטן צו זוכן נייע גליקן און גרעסערע מעגלעכקייטן. אפילו היינט האַלט מען זיך כסדר אין אַריינקלייבן און אַרויסקלייבן. אַ משפחה וווינט דאָ דורכשניטלעך נאָר פינף יאָר אין דער זעלבער דירה.

ס'קומען אַהער אַ סך יונגע מענטשן מיט חלומות און האָפענונגען מצליח צו זיין אין דער פילם־אינדוסטריע און שטייגן אויפן לייטער פון דערפאָלג. עלטערע מענטשן קומען פון די צפון און מזרח־שטאַטן כדי אָנצעוואַרעמען די אַלטע ביינער און בייטן דעם קאַלטן קלימאַט אויף אַ סוב־טראָפּישן.

אָט אַזוי איז אַ שטאָט, וואָס האָט פאַרמאָגט אין 1848 בסך הכל 1600 נפשות, דערגאַנגען איצטער צו קנאַפּע אַכט מיליאָן פאַרשוינען. און פּונקט ווי די באַפעלקערונג וואָס האָט איבערגעוואַנדערט פון אַנדערע מקומות, אַזוי האָט אויך די געוויקסן־וועלט, וואָס פילט אָן די גערטנער און פּאַרקן. אָנגעהויבן זייער לעבן ערגעץ אַנדערשוו, אויף אַנדערע קאָנטינענטן, און איבערגעפלאַנצט געוואָרן אַהער.

ווען אונדזער סאָסנע־בוים וואָלט געהאַט אויגן וואָלט ער געזען ווי לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך במשך פון איר לאַנג לעבן פאַרמערט ניט נאָר אין דער צאָל באַפעלקערונג און אַפּאַרטמענט־הייזער, נאָר האָט זיך אויך צעוואַקסן און פאַרגרעסערט אין אַלע געביטן פון מענטשלעכער שעפערישקייט און דערפינדונג. זי פאַרנעמט היינט דאָס ערשטע אָרט אין די שטאַטן אין פילם און עראָפּלאַן־פּראָדוקציע, עלעקטראָניקס, אויל, אויטאָמאָביל־פּאַרקויף, מילכיקעריי און געקענטע פרוכט און פיש־פּראָדוקטן.

* * *

ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך אונדזער באַליבטער בוים וואָלט אַלץ געשטאַנען אין זיין מלכותדיק־הדרת־פּנימדיקער שווייגעניש; גרויס און הויך און מעכטיק צעוואַקסן מיט זיינע וואָרצלען אין דער טיף און מיט זיין קרוין צו די הייכן. באַשערט איז אים געווען צו לעבן, לכל הפּחות, נאָך אַ צוויי הונדערט יאָר.

מיט אַ קורצער צייט צוריק, אין אַ געוויסן טאָג, איז זיין גורל אָבער געוואָרן געחתמעט. די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן שוין לאַנג געקוקט אויף אים מיט אַ קרום אויג: „וואָס האָט ער זיך דאָ אַזוי צעלייגט אויף דער גאַס?" און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אים צו באַזייטיקן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ביימער. ס'לויפן צופיל אויטאָמאָבילן אויף דער גאַס און דער וועג מוז ווערן רחבותדיקער און ברייטער!

די פּראָצעדור פון דער עקזעקוציע איז געווען אַ גאַנץ קורצע: אַ בולדאָזער מיט אַ הייבער איז צוגעפאָרן, אַ כאַפּ געטאָן אומרחמנותדיק דעם בוים פאַר זיינע שטאַרקע צעפלאָכטענע צווייגן, אַ צי געטאָן, אַ שטופּ און אַ הייב און אים אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען. אַ צווייטע מאַשין האָט ווי אַ מיל גענומען מאָלן דעם אַלטע סאָסנע־בוים פון זיין קרוין ביז צו די וואָרצלען. אין געציילטע מינוטן איז פון דעם ערשטן באַוווינער פון דער גאַס קיין זכר ניט געבליבן.

וואָס מיר האָבן איצטער יאָ — איז אַ נאַקעטע גאַס, אַ ברייטער וועג, אַ פּייפעריי און הודזשעריי פון אויטאָמאָבילן, אַ פאַרפּעסטעטע לופט און אַ פאַררויכערטן הימל . . .



יצחק רייזמאַן / צפת, ישראל

# מפני חטאינו... איבער אונדזערע זינד...

אונדזערע אָבות האָבן אין זייערע תפילות ימים נוראים געפּרוווט באַרעכטיקן דעם חורבן בית המקדש מיטן „מפני חטאינו גלינו מארצנו" (איבער אונדזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד).

די דאָזיקע תפילה, ווי אַלע אַנדערע תפילות, זיינען אַריין אין מחזור ניט תיכף נאָכן חורבן, נאָר פיל שפּעטער, ווען מ'האָט צוזאַמענגעשטעלט די פאַרשיידענע נוסחאות פון מחזור אַרום סוף פון 15טן און במשך פון 16טן יאָרהונדערט. דעריבער קען מען די דאָזיקע תפילה אויפנעמען מער ווי אַ פּאָעטישע שאַפונג, און אַזוי טאַקע האָבן עס אונדזערע אָבות פאַרשטאַנען — באַגלייך מיטן לאַנגן צעטל פון חטאים אין דעם „על חטא שחטאנו"... עס לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז אויסער דער יידישער ליטורגיע זאָל אַן ערנסטער היסטאָריקער אַרויסקומען מיט דער באַשולדיקונג, אַז די זינד פון די יידן זאָל האָבן דערפירט צום אונטערגאַנג פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט און חורבן בית המקדש.

ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין אַן אַנאַליז פון די ווירקלעכע סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צום חורבן הבית, אָבער די תפילה „מפני חטאינו" אין מחזור איז אָן שום ספק ניט מער ווי אַ פּאָעטישער מעטאַפאָר. דעריבער איז אַזוי שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי היינטצייטיקע חשובע פּראָפעסאָרן פון יידישער געשיכטע קענען אַרויסקומען מיט דער באַהויפּטונג, אַז די זעקס מיליאָן קדושים, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן, זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן צוליב זייערע זינד.

* * *

לאָמיר אָבער איבערגעבן דער לייענער דברים כהוויתם.

אין דער צווייטער העלפט פון 16טן י"ה (1553) האָט אַ יידישער געלערנטער, שמואל אושקי, אַרויסגעגעבן אין פעראַרא אַ ווערק אין פּאָרטוגעזיש מיטן נאָמען: „קאָנסאָלאַסאָן אַס טריבולאַסאָנעס דע איזראַעל" (טרייסט צו די ליידן פון ישראל).

אויפן שטייגער פון דער ליטעראַטור פון יענער צייט האָט דער מחבר זיך באַנוצט אין זיין ווערק מיט דער פאָרם פון דיאַלאָגן, און אין דריי דיאַלאָגן, וואָס עס פירן צווישן זיך די דריי פּאַסטעכער: יעקב, נחום, און זכריהו, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין זייערע וואַנדערונגען איבער פאַרשיידענע וועלט־טיילן, ווערן איבערגעגעבן געשיכטלעכע געשעענישן וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן מיט יידן אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן.

דער ערשטער דיאַלאָג דערציילט וועגן די צייטן פון תנ"ך און יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ ישראל; דער צווייטער דערציילט וועגן אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט ביזן חורבן בית שני, און דער דריטער — וועגן מיטלאַלטער ביזן 16טן יאָרהונדערט.

אין משך פון פיל יאָרן האָבן זיך מחברים געמיט אַריינצוברענגען דאָס דאָזיקע ספר אין אַ מאָדערנער איבערזעצונג, בכדי צו דערמעגלעכן דעם מאָדערנעם ייד, וועמען עס איז ניט באַקאַנט דאָס פּאָרטוגעזישע לשון, צו באַקענען זיך מיטן דאָזיקן מקור פון יידישער געשיכטע.

דר. אליהו ליפינער האָט איבערזעצט דעם דריטן דיאַלאָג אויף יידיש („ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל„, בוענאָס איירעס, 1949); דר. גרשון געלבאַרט האָט אויך איבערזעצט בלויז דעם דריטן דיאַלאָג אין ענגליש, וואָס האָט געזאָלט זיין דיסערטאַציע אין דראָפּסי קאָלעדזש און האָט געזאָגט דערשיינען אין בוך־פאָרם אין ניו־יאָרקער בלאָך פאַרלאַג; י. פינק, אַ פּאַריזער יידישער געלערנטער, האָט דאָס גאַנצע בוך איבעזעצט אין עברית און עס געפינט זיך אין מוסד ביאַליק, ווו עס איז אַנאָנסירט געוואָרן אַז עס דערשיינט; דר. מאַרטין קאָהען, פון „היברו יוניאָן קאָלעדזש“ אין סינסינעטי, האָט אַרויסגעגעבן אַ פולע איבערזעצונג פון גאַנצן ספר אין ענגליש („דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי“, פילאַדעלפיע, 1965).

פאַר דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט פּראָפ. מאַרקוס, פּראָפעסאָר פון יידישער געשיכטע אין דערמאָנטן קאָלעדזש, צוגעגעבן אַ הקדמה און פון דער דאָזיקער הקדמה ציטירן מיר:

„זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער, מענער, פרויען און קינדער, זיינען געגאַנגען צו זייער טויט אין די גאַז־קאַמערן פון דייטשלאַנד, אַ לאַנד וואָס האָט זיך גערופן דאָס סאַמע ציוויליזירטסטע לאַנד אין דער וועלט, האָט אין אונדזער צייט געפונען פאַר פּאַסיק צו צעשטערן די גאָלדענע עפּאָכע, וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט אויף אַ גלענצענדן אופן דעם סינטעז פון יידנטום און מערבדיקער קולטור. וואָסזשע איז די טרייסט צו די צרות פון ישראל? וואָס איז די תשובה פאַר די דענקענדיקע און אומצופרידענע צווישן אונדז היינט צו טאָג.

„זוכנדיק צו העלפן אונדז קריגן אַן ענטפער, האָט אַ יונגער געלערנטער, מאַרטין א. קאָהען צוגעגרייט אַן איבערזעצונג פון אושקיס ווערק, און מיר האָפן, אַז דאָס לייענען די דאָזיקע מגילה וואָס דר. קאָהען האָט פאַר אונדז פאַנאַנדערגעוויקלט, וועט אונדז העלפן קריגן אַן אַריינבליק און אַ פאַרשטענדעניש אַזוי, אַז אויך מיר מיר וועלן זיך אָננעמען מיט כוח און גלויבן צו קוקן אין די אויגן דער וועלט פון מאָרגן.“

עד כאן די זייער פאָרזיכטיקע פאָרמולירונג פון פּראָפ. מאַרקוס. איבער דער אונטערשריפט פון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי,“ אויף דער הילע פון בוך איז דער ענין שוין גאָר איינפאַכער און פשוטער. נאָך דעם ווי עס ווערט געשילדערט די צייט און דער ציל פון אושקיס ווערק, ווערט רעזומירט:

„דאָס איז אַ ליטעראַרישער מאָנומענט פאַר אַ דור פון פאַרצווייפלונג און אַ געשריי פון האַרצן פאַר געטלעכער הילף.

„מיט אַן אַנדער סטיל און אופן פון שילדערן, וואָלט אַ מאָדערנער גלייביקער ייד ניט דערקערט אַנדערש די צעשטערונג און אומקום פון די דייטשע און פוילישע יידן אין חורבן פון 1940. ישראל האָט געזינדיקט מיטן ברעכן דעם בונד (מיט גאָט—י. ר.) אָדער מיטן ניט זיין געטריי צו זיך אַליין. עס איז דאַמאָלסט באַשטראָפט געוואָרן דורך די פעלקער, וועמענס קולטור וועגן זיי האָבן אַסימילירט, זאָגט אושקי. דאָס איז אמת פאַר די יידן אין שפּאַניע (און פּאָרטוגאַל); דאָס וואָלט דער מאָדערנער געזאָגט איז אמת וועגן די יידן פון צענטראַל אייראָפּע.“

פון די מקורות פון אַ ריי קריסטלעכע געלערנטע פון יענער צייט (יידישע מקורות זיינען כמעט ניט בנמצא) שאַפט זיך וועגן יענער עפּאָכע אַזאַ בילד:

די יידן (אנוסים) פון פּאָרטוגאַל, וואָס די מיינסטע פון זיי זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון די שפּאַנישע אנוסים, וועלכע זיינען אַריין קיין פּאָרטוגאַל בעתן גירוש שפּאַניע, האָבן גענומען זייער ערנסט זייער קאַטוילישן גלויבן. זיי האָבן זיך משדך געווען מיט די נאָבעלע משפחות פון לאַנד און זיינען געווען זיכער, אַז מיט זייער געהערן צו דער קאַטוילישער קירך האָבן זיי דאָס פּראָבלעם פון זייער זיכערקייט און די זיכערקייט פון זייערע פאַרמעגנס פולשטענדיק געלייזט. די דאָזיקע ניי־קריסטן זיינען אין משך פון דער צייט געשטיגן זייער הויך אויפן סאָציאַלן לייטער, האָבן פאַרנומען הויכע פּאָסטנס, ווהין



זיי האָבן פריער ניט געקאָנט דערגרייכן — אפילו אין די הויכע פּאָזיציעס פון דער קירכע זיינען זיי געווען פּראָמינענט...

אָבער דער דאָזיקער שנעלער אויפשטייג פון פּרעסטיזש און רייכטום איז פאַקטיש געווען זייער צרה. ווען די אַריסטאָקראַטיע פון די איינגעזעסענע אַלטע קריסטן האָט זיך אָנגעהויבן פילן באַדראָט פון די דאָזיקע ניי־קריסטן. זיינען זיי אַרויס קעגן זיי, פּונקט ווי זיי זיינען אַרויס קעגן זייערע טאַטעס און זיידעס מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער.

דאָס בילד פון יענער צייט באַווייזט, אַז דאָס פריידיקן פון דער קירך אַז יידן זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן משיח און איבערהויפּט דאָס וואָס געוויסע קרייזן (יוגנט?) האָבן געמיינט, אַז זיי לייזן דערמיט אַלע זייערע פּראָבלעמען, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַבסאָלוט פאַלש. די אַלטע קריסטן האָבן זייער שנעל אויסגעפונען, אַז די ניי־קריסטן זיינען צו גרויסע און פעיקע קאָנקורענטן. דערפאַר האָבן זיי אָנגעהויבן צו פּרעפּערירן דעם ייד, וועמען זיי האָבן געקאָנט האַלטן אויף אַ געהעריקער דיסטאַנץ. די ניי־קריסטן ווידער, וועלכע זיינען אַ ביסל צו שפּעט געוויר געוואָרן, אַז זייערע „גלויבנס געבאָסן“ זיינען ניט זייער צופרידן צו זען זיי אויף זייערע הויכע פּאָסטנס און אין זייער רייכקייט, האָבן זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן גלויבן פון זייערע עלטערן און געוואָלט געפינען אַ טרייסט אין דעם, באַגרייפנדיק זייער קלאָר, אַז זייער איבערגיין צום קריסטנטום האָט פאַר קיין פאַל ניט געלייזט זייערע פּראָבלעמען און זיכערקייט, ווייל דאָס פאַרפאָלגט מען זיי אַך ורק פאַר זייער דערפאָלג אין לעבן און רעליגיע איז דאָ בלויז אַן אויסרייד.

* * *

אָט דאָס זיינען די ריכט־ליניעס לויט וועלכע מען דאַרף פאַרשטיין די געשיכטע פון די פּאָרטוגעזישע (און שפּאַנישע) יידן אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אושקי האָט געהאַט אַלס אויפגאָב אויך אָפּצוענטפערן די קירכלעכע פריידיקער און משומדים מכל המינים, וועלכע האָבן געליאַרעמט וועגן דעם, אַז „גאָט האָט פאַרלאָזט זיין אויסדערוויילט פאָלק, ווייל עס האָט ניט געוואָלט אָננעמען זיין משיח.“ און מען דאַרף אַ יידישן געלערנטן פון יענער צייט מוחל זיין אויך דאָס וואָס ער שטעלט זיך ניט צופיל אָפּ אויף די עקאָנאָמישע אַספּעקטן פון דער שנאה צו יידן און ניי־קריסטן, וועלכע האָבן זיי גענומען ערנסט און זיינען אויף אַלע געביטן זייערע געפערלעכע קאָנקורענטן, וועמען די קירך און די אַלטע קריסטן זוכן צו פאַרטיליקן...

אויפן סמך פון די דערמאָנטע מקורות איז ניט זייער שווער צו באַגרייפן דעם הויפּט מקור פון דער שנאה צום ניי־קריסט, וואָס האָט געבושעוועט נאָך מער ווי צום גלייביקן ייד. אָבער היינט, אין 20טן יאָרהונדערט, זאָלן מאָדערנע געשיכטלערס לאָזן אין גאַנג אַן אויסטויש פון זינד, וואָס זאָל כביכול זיין די סיבה פון חורבן און אומקום פון די זעקס מיליאָן יידישע מענער, פרויען און קינדער אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן, איז — מילד זיך אויסגעדרוקט — אַ פאַרשוועכונג פון אָנדענק פון די קדושים, וואָס דייט אָן אויפן באַוווסטזיניקן אַסימילאַטאָרישן מיין צו פאַרדרייען דעם אמתן זין פון יידישער געשיכטע און מאַרטירערטום בכלל.

---

## נייטן נאָרמאַן ע״ה

מיר דריקן אויס אונדזער צער און טיפן מיטגעפיל צו

## ראָזאַ נאָרמאַן, איר זון טאָכטער

(עלסינאָר, קאַליפאָרניע)

אויף דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס זיי האָבן געליטן דורך דעם טויט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער

## נייטן נאָרמאַן ע״ה

דער נפטר איז געווען איינער פון אונדזערע אידעאַליסטישע קולטור־מענטשן, אַן איידעלער חבר, אַן איבערגעגעבענער עסקן בצרכי ציבור און איינער פון די מיטגרינדערס און טעטיקע חברים פון קראָפּאָטקין ברענטש אַרבעטער רינג.

כבוד זיין אָנדענק.

**רעדאַקציע „חשבון"**

**נעלי זאַקס**

# צוויי לידער*)

יידיש פון ד"ר י. בערנפעלד (פּאַריז)

## כאָר פון די יתומים

מיר יתומים,
מיר קלאָגן פאַר דער וועלט:
אָפּגעהאַקט האָט מען אונדזער צווייג
און געוואָרפן אים אין פייער.
ברענהאָלץ האָט מען געמאַכט פון אונדזערע באַשיצערס
מיר, יתומים,
מיר קלאָגן פאַר דער וועלט:
ביינאַכט שפּילן זיך אונדזערע עלטערן אין באַהעלטערלעך מיט אונדז —
הינטער די שוואַרצע פאַלדן פון דער נאַכט
קוקן אונדז אָן זייערע פּנימער,
רעדן צו אונדז זייערע מיילער:
האָלץ פאַרדאַרטס זענען מיר געווען אין דעם האָלצהעקערס האַנט —
אָבער אונדזערע אויגן זענען געוואָרן אויגן פון מלאכים
און קוקן אייך אָן,
דורך די שוואַרצע פאַלדן פון דער נאַכט
קוקן זיי אַדורך —
מיר, יתומים,
מיר קלאָגן פאַר דער וועלט:
שטיינער איז געוואָרן אונדזער שפּילוואַרג,
שטיינער האָבן פּנימער, פּנימער פון טאַטע און פון מאַמע,
זיי ווערן ניט פאַרוויאַנעט ווי בלומען, זיי בייסן ניט אַזוי ווי חיות —
און זיי ברענען ניט ווי דאַר האָלץ, ווען מ'וואַרפט זיי אַריין אין אויוון —
מיר, יתומים, מיר קלאָגן פאַר דער וועלט:
וועלט, פאַרוואָס האָסטו אונדז צוגענומען די ווייכע מאַמעס
און די טאַטעס וואָס זאָגן: קינד מיינס, דו ביסט אַזוי ווי איך!
מיר, יתומים, זענען צו קיינעם ניט מער געגליכן אויף דער וועלט!
ווייי וועלט,
מיר קלאָגן דיך אָן!

*) ווען דער איצטיקער נומער „חשבון" איז שוין געווען גרייט צום דרוק איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער פּטירה פון דער יידישער פּאָעטעסע, נעלי זאַקס ז"ל, וועלכע איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ שותּפטע מיט ש"י עגנון אין דעם געווינס פון דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור אין 1966.
נעלי זאַקס איז נפטר געוואָרן אינעם עלטער פון 78 יאָר, ז' אייר (דעם 12טן מאַי), דריי חדשים נאָך דער פּטירה פון ש"י עגנון. אין דעם פּרט קען אָנגעווענדעט ווערן דער פּסוק אין תנ"ך (שמואל ב', א'־כ"ג), ווו דוד באַקלאָגט דעם טויט פון שאול המלך און זיין זון יהונתן און האָט געזאָגט: "הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו" (די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן, צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך ניט צעשיידט).



## דאָס קול פון הייליקן לאַנד

אוי, קינדער מיינע,
דער טויט איז געפאָרן דורך אייערע הערצער
ווי דורך אַ ווייינגאָרטן —
געמאָלן ישראל רויט אויף אַלע ווענט פון דער ערד.

ווו זאָל אַנטרינען די קליינע הייליקייט
וואָס וווינט נאָך אין מיין זאַמד?
דורך די רערן פון אָפּגעזונדערטקייט
רעדן די שטימען פון די טויטע:

לייגט אַוועק אויפן פעלד דאָס כלי־זיין פון נקמה
כדי זיי זאָלן זיך איינשטילן —
וואָרן אויך אייזן און קאָרן זענען שוועסטער און ברודער
אין שויס פון דער ערד —

וווהין זאָל דען אַנטרינען די קליינע הייליקייט
וואָס וווינט נאָך אין מיין זאַמד?

דאָס קינד, דערהרגעט אין שלאָף,
שטייט אויף; בייגט אַראָפּ דעם בוים פון די יאָרטויזנטער
און טוט הערפטן דעם ווייסן אָטעמדיקן שטערן
וואָס האָט אַ מאָל געהייסן ישראל
צו זיין קרוין.
גלייך דיר ווידער אויס, זאָגט עס,
אַהין־צו ווו טרערן באַטייטן אייביקייט.

דער נאָבעל־פּרייז קאָמיטעט, ביים פאַרטיילן אין 1966 די ליטעראַטור־פּרעמיע צווישן ש"י עגנון און נעלי זאַקס, האָט וועגן דער לעצטער געשריבן אין זיין צירקולאַר, אַז —
„נעלי זאַקס האָט אין איר פּאָעזיע געגעבן אויסדרוק צום יידישן קול קורא פון דער גרויליקער טראַגעדיע פון זייער חורבן דורך די דייטשן אוממענטשן."
דערביי איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז זי האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט, אין 1940, פון די דייטשן־תליונים און האָט זיך באַזעצט אין שוועדן. שוואַך, איידל, באַשיידן און קליינוויקסיק אין געשטאַלט, האָט זי פון דעסטוועגן באַוויזן אָפּצודרוקן איר לידער־זאַמלונגען — 3 בענד: „די מקומות מנוחה פון די טויטע," „קיינער ווייסט נישט מער" און „אַנטרינונג און איבערגאַנג." צום באַדויערן איז דייטש געווען די איינציקע שפּראַך וואָס זי האָט גוט געקענט און אין אָט דער שפּראַך האָט זי געשריבן.
ווייטער האָט דער נאָבעל פּריז־קאָמיטעט געשריבן אין זיין צירקולאַר, אַז „נעלי זאַקס האָט זיך בלב ונפש אידענטיפיצירט מיט דעם גורל און ריטועלן מיסטיציזם פון איר פאָלק בכדי אַרויסצוברענגען פון דעם אַ פאַנטאַסטישע וועלט, וואָס ווייכט ניט אויס דעם גרויליקן אמת פון די אויסראָטונגס־לאַגערן פון די דייטשן, אָבער וואָס טוט גלייכצייטיק דערהייבן זיך אַריבער די געפילן פון שנאה קעגן די דייטשן־תליונים."
אַן אויסגעברייטערטע אַרבעט וועגן נעלי זאַקס און איר פּאָעזיע וועט דערשיינען אין אַ קומענדיקן נומער פון אונדזער זשורנאַל. לעת עתה דרוקן מיר אין איר אָנדענק די דאָזיקע צוויי לידער.

אריה פאַזי

# קבלה און חסידות

.1.

אין דער ערשטער העלפט פון 16טן י״ה, באַלד נאָכן גירוש ספרד, האָט זיך אין צפת, ארץ ישראל, געשאַפן אַ גרויסער יידישער ישוב און דאָרט איז געוואָרן אַ צענטער פון תורה און קבלה. צווישן די באַדייטנדיקסטע פון די מקובלים, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, זיינען געווען רבי משה קורדובידו (קאָרדאָווירא—1522-1570), באַקאַנט אונטערן נאָמען רמ״ק, און רבי יצחק לוריא (1534-1572) באַוווסט ווי דער אר״י הקדוש. דער ערשטער איז געווען דער טיפסטער דענקער פון דער ספרדישער קבלה־שיטה, און דער צווייטער—דער ניט ווייניקער טיפער דענקער פון דער אַשכנזישער קבלה־שיטה. דער ערשטער האָט אַנטוויקלט די אַלע הויכע אַבסטראַקטע רעיונות וועגן גאָט און וועלט־באַשאַף, וועגן גייסט און מאַטעריע, — די רעיונות מיט וועלכע עס האָט זיך באַשעפטיקט די ספרדישע אַבסטראַקטע קבלה (קבלה עיונית), און דער צווייטער האָט אַנטוויקלט יענע אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן צו טאָן מיט מענטש און זיינע מעשים, מיט פאַסטן און פייניקן זיך צוליב אָפּטויטן דאָס גשמיותדיקע אין זיך— אַלץ אַזעלכע געדאַנקען, וואָס פילן־אויס די אַשכנזישע קבלה מעשית (פּראַקטישע קבלה).

## רבי משה קורדובירו

אין וואָס איז באַשטאַנען די שיטה פון רבי משה קורדובירו?

אַזוי ווי פאַר אַ סך פאַר אים און אַ סך נאָך אים, איז רבי משה קורדובירו געשטאַנען פאַר דער אַלטער באַקאַנטער פראַגע: ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז אַ ריין־גייסטיקער, אַלגוטער, אַבסאָלוט איינער און אומפאַרענדלעכער גאָט, זאָל שאַפן אַ וועלט וואָס איז גשמיותדיק, פול מיט חסרונות, וואָס פאַרמאָגט אָן אַ שיעור שלעכטס, אַ סך פאַרשיידנאַרטיקייטן, וואָס זיינען אין היפוך איינס צו דאָס אַנדערע און אָן אַ שיעור פאַרענדערלעכקייט? און ווידער: ווי אַזוי קען די ענדלעכע וועלט אַרויסקומען פונעם אומענדלעכן גאָט?

אויף דעם האָט קורדובירו געענטפערט:

אין עצם שטעלן אָט די פראַגעס שטעקט אַ גרויסער טעות. עס איז אַ טעות פאָרצושטעלן די געטלעכקייט אויף איין זייט און די וועלט אויף דער אַנדערער זייט. עס איז אַ טעות פאָרצושטעלן ג א ָ ט און ו ע ל ט ווי צוויי באַזונדערע זאַכן.

א ח ד — איינציקייט, דאָס איז דער גרויסער סוד פון אַלץ מיט אַנאַנדער. אין גאָט און ער איז כולל אין זיך אַלץ מיט אַנאַנדער און אַלץ איז אַרומגענומען אונטער אין געזעץ. גאָט און וועלט, גאָט און זיין באַשאַף איז איינס. גייסט איז געקניפּט מיט גשמיות און גשמיות מיט גייסט. דאָס געשאַפענע איז אַ נייע דערשיינונג בלויז פאַר דאָס געשאַפנס, אָבער ניט פאַר דעם שאַפער. מחמת פון אַלע אייביקייטן אָן, אָן אויפהער און אָן פאַרענדערלעכקייט, איז די שאַפונג געווען אין גאָטס מחשבה. און מחשבה איז בבחינת קיום. דאָס געטלעכע דענקען איז דער סוד פון ז י י ן. ניטאָ קיין קיום אין דרויסן פון אים און אַוודאי ניט אָ ן אים. ער איז אין אַלץ און אויסער אַלץ, אָבער קיינס איז ניט אויסער אים. גאָט איז דאָס אָרט פון דער וועלט, אָבער ער אַליין איז קיין אָרט ניט. ער איז אין אַלץ. אַלץ איז פון אים און ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל זיין ליידיק פון אים.

הכלל: גאָט און וועלט איז איינס. בכן קען מען ניט טיילן די אַלגעמיינע עקסיסטענץ אויף ענדלעכס און אומענדלעכס. ווי די יחידות פון גאָט אַנטהאַלט אין זיך דאָס מרובה פון דער וועלט, אַזוי אַנטהאַלט דאָס אומענדלעכס דאָס ענדלעכס. אַזוי האָט אויך דאָס פאַרענדלעכע זיין קיום אין דאָס אייביק אומפאַרענדלעכע. בכן: אַלע וועלטן, די אויבערשטע און די אונטערשטע זיינען איינס. אַלץ איז ווי אַ לייטער, און די גאַנצע בריאה, פון דער העכסטער פון אַלע וועלטן (אצילות) ביז דער נידעריקסטער פון אַלע (עשיה), אָדער אַלע ספערן (ספירות), פון דער אויבערשטער (כתר) ביז דער אונטערשטער (מלכות), זיינען בלויז טרעפּ אויף דעם לייטער.

„נאָר אויף אָט דעם דרך לאָזט זיך באַגרייפן דער גרויסער סוד פון גאָט מיט דעם באַשאַף,״ האָט קורדובירו געלערנט. דערצו האָט ער צוגעגעבן: „ווער עס האָט זוכה געווען דאָס משיג צו זיין פולשטענדיק און האָט אַריינגעבליקט מאחורי הפּרגוד, טאָר עס פון זיין מויל ניט אַרויסברענגען...״ משמעות, מענטשלעך לשון האָט פאַר דעם קיין ווערטער ניט. מענטשלעך פאָרשטעלונג האָט פאַר דעם קיין סימבאָליש בילדלעכקייט ניט, און מענטשלעך השגה האָט פאַר דעם קיין אויסדרוק ניט.

אַזוי האָט געלערנט רבי משה קורדובירו. און רבי יצחק לוריא, דער אר״י— אין וואָס איז באַשטאַנען זיין שיטה?

## רבי יצחק לוריא (דער אר״י)

די שיטה פון דעם אר״י האָט כולל געווען הן די קבלה עיונית, הן די קבלה מעשית, די טעאָרעטישע קבלה ווי די פּראַקטישע.

טעאָרעטיש האָט ער פאָרגעשטעלט דעם באַשאַף און דעם סדר פון דער וועלט אויף אַ שטייגער וואָס איז ענלעך צו קורדובירוס שיטה. זיין שיטה איז ניט אַזוי טיף און שכלדיק, אָבער דערפאַר איז זי מער בילדלעך. איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט דער אר״י אויפגעקלערט, האָט דער אומענדלעכער (אין סוף) אויסגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן, אומענדלעכן רוים. צום שלוס, ווען ס׳איז געקומען צו דער שאַפונג פון וועלט, בכדי זיינע (דעם אין־סופ׳ס) אַקטיווע אייגנשאַפטן זאָלן, אָפּגעשיידט פון אים, קאָנען אַרויסברענגען און אַנטוויקלען זייער פולקומענקייט, האָט באַדאַרפט געשאַפן ווערן פלאַץ פאַר אָט דעם חידוש. וואָס־זשע האָט דער כביכול געטאָן? ער האָט זיך איינגעשרענקט, מצמצם געווען. דורך אָט דעם צימצום איז אַרויסגעקומען אַן אומענדלעך ליכט, וואָס האָט אָנגעפילט דעם שטח, וואָס איז אָפּגעליידיקט געוואָרן פון דעם כבוד פון גאָט. דענסטמאָל האָט זיך דאָס אומענדלעך ליכט אויך איינגעשרענקט און האָט אָפּגעליידיקט אַ שטח. דער שטח איז געווען אַרומגערינגלט מיט צען קרייזן (אָדער „כלים״, אָדער „ספירות״). דורך זיי האָט די אומענדלעכע צאָל וועזנס פון באַשאַף, סיי די דוממים און סיי די בעלי־חי, געקאָנט אַרויסקומען אין זייערע עד־אין־לשער באַזונדערע געשטאַלטיקייטן. אָבער זייערע פאַרשיידנאַרטיקייטן זיינען ניט מער ווי אַ פאַרבלענדערישע פאָרשטעלונג, וואָס, ווען ניט דאָס, וואָלט דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד דאָס ניט געקענט משיג זיין.

אויך דאָס ענדלעכקייט איז ניט אַנדערש ווי אַ פאַרבלענדערישע פאָרשטעלונג. דאָס ענדלעכע האָט ניט קיין באַזונדערן קיום מחוץ פון דעם אומענדלעכן. און דאָס אומענדלעכע ליכט, ווי געזאָגט, האָט זיך איינגעצויגן בכדי צו שאַפן שטח פאַר דער בריאה. אָבער אויך אָט דער אָפּגעליידיקטער שטח איז ניט געבליבן אין גאַנצן ליידיק פונעם אומענדלעכן ליכט. ווי אַ דין ליכט־רערל (צינור) שטראָמט דאָס אומענדלעכע ליכט דורך אַלע קרייזן (אָדער כלים, אָדער ספירות) און דרינגט אַריין אינעם שטח פונעם באַשאַף, ד״ה וועלט, אוניווערס. די ערשטע דריי קרייזן זיינען געווען בכוח אויסצוהאַלטן דאָס אומענדלעכע ליכט. זיי זיינען געווען בכוח דאָס צו דערגרייכן, מחמת זיי זיינען נענטער צום אומענדלעכן, צום אין־סוף, און זייער עצם מהות איז ריינער פון דעם עצם מהות פון די איבעריקע קרייזן, ספירות. די לעצטע אָבער זיינען ניט געווען בכוח אויסצוהאַלטן דאָס אומענדלעכע ליכט, זיינען זיי צעבראָכן געוואָרן. ווי די „שברי כלים״ זיינען זיי דערווייטערט געוואָרן פונעם ליכט־אורקוואַל און אַלע ספירות האָבן איבער דעם געמוזט איבערגעשאַפן ווערן. אָנשטאָט זיי זיינען געשאַפן געוואָרן קרייזן־געזיכטערס (פּרצופי ספירות) — אויף אַזאַ שטייגער, אַז אַלע פּרצופים (געשטאַלטונגען), אין איינעם גענומען, זיינען בעצם ווי איין משפחה: אייניקע זיינען די אַקטיווע, מענלעכע פּרצופים, אין דער בחינה פון פאָטער (אבא), די אַנדערע זיינען די פּאַסיווע, ווייבלעכע פּרצופים, אין דער בחינה פון מוטער (אמא). אויך זיינען געשאַפן געוואָרן די, אַזוי צו זאָגן, נייטראַלע פּרצופים, אין דער בחינה פון זין אָדער טעכטער. יעדער מין פּרצוף מיט זיין באַזונדער נשמה.

און אין שייכות מיט נשמות, זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן ווי אַ טייל פון דעם באַשאַף פון אָדם הראשון און יעדע איינציקע פון זיי איז אַ פונק פון אָדם הראשון. און אַלע נשמות זיינען בעת זייער באַשאַף געווען דורכויס גוט און אַזוי זיינען זיי פאַרבליבן ביז דעם חטא פון אָדמען. אָבער ווען אָדם האָט געזינדיקט, איז געקומען אַ צעמישונג צווישן דעם אומענדלעכן ליכט — דעם קוואַל פון אַבסאָלוטן גוטס, און צווישן די שברי־כלים — דעם קוואַל פון אַבסאָלוטן שלעכטס. דורך אָט דעם צעמיש איז צושטאַנד געקומען די איציקע לאַגע פון דער וועלט, אַז ס'איז ניט פאַראַן קיין כולו זכאי און ניט קיין כולו חייב — אין די הייליקע נשמות זיינען פאַרטאַיעט פונקען פון שלעכטס, פון טומאה און אין שלעכטע נשמות זיינען פאַרבאָרגן פונקען פון גוטס. און אָט דער אומשטאַנד מאַכט אוממעגלעך אַז משיח זאָל קומען. וואָרעם, ווי חז"ל האָבן דאָס באַקאַנט געמאַכט: משיח קען אַנדערש ניט קומען, סיידן אין אַ דור וואָס איז דורכויס זויבער, גערעכטיקט (זכאי), אָדער אין אַ דור וואָס איז דורכויס אומגערעכטיקט, פאַרשולדיקט (חייב). דאָס מיינט — האָט דער אר"י פאַרטייטשט — משיח קען קומען ערשט דעמאָלט, ווען דאָס טמא וועט לחלוטין אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער קדושה, און די נשמות וועלן דורך און דורך געלייטערט ווערן.

און די נשמות האַלטן אין איין בענקען. כל זמן זי איז ניט געלייטערט, ליידט די נשמה גרויסע יסורים און זי בענקט נאָך אַ תיקון. איז כדי די יסורים גיכער איבערצוקומען, ווערט די נשמה מגולגל אין פאַרשיידענע שלעכטע מענטשן, אפילו אין חיות און בהמות. אויך טרעפט, אַז אַן אומגעלייטערטע נשמה ווערט מגולגל אין אַ געלייטערטן מענטשן, כדי דורך אים געלייטערט צו ווערן. אויך געשעט אַ מאָל דער היפוך— אַ געלייטערטע נשמה גייט אַריין ווי אַ דיבוק אין אַן אויסגעלייטערטן מענטשן בכדי זיין נשמה צו לייטערן. און ס'געשעט אויך, אַז אַ מענטש ווערט שוואַנגעריק („מעוברת"— אַזוי איז דער קבלה אויסדרוק) מיט דריי און פיר נשמות מיט איין מאָל — ווייל אַלע ווילן זיך לייטערן דורך אים.

דערביי האָבן די יידן אַ באַזונדערע מיסיע. זיי זיינען אין גלות כדי מתקן צו זיין די נשמות פון אַנדערע פעלקער. דעריבער ווערט פון יעדן יידן פאַרלאַנגט, ער זאָל אייבזען, אַז ער איז מחויב צו שטרעבן צו איין ציל — מתקן צו זיין די וועלט, די נשמות פון דער וועלט.

ווי אַזוי זאָל דאָס געטאָן ווערן?

ברענגט דאָ אַרויס דער אר"י זיין קבלה מעשית, זיין פראַקטישע קבלה.

די נשמות פון דער וועלט קען מען מתקן זיין דורך סגופים, פייניקן זיך, דורך אָפּצערן זיך, דורך „ברעכן די תאוות," דורך ניט־דערשלאָפן, ניט־דערעסן, ניט־געניסן; דורך תשובה טאָן, שטענדיק תשובה טאָן אויף עברות וואָס מען איז באַגאַנגען; דורך התבודדות (אָפּזונדערונג), דורך וואָס מ'פאַרבינדט זיך (מ'איז זיך מתדבק) מיט גאָט; דורך טבילה, דורך וואָס מ'רייניקט זיך פון זינד, און אויך דורך תפילה לויט באַשטימטע כוונות און באַשטימטן נוסח (נוסח האר"י). אַ פשיטא שוין, אַז מ'דאַרף זיין אָפּגעהיט און מקיים זיין אַלע מצוות און דינים, סיי די וואָס זיינען געגעבן געוואָרן בכתב (די תורה) און סיי די וואָס זיינען געגעבן געוואָרן בעל פה (תלמוד).

דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען איז דער צונויפשטעל פון די פראַקטישע מיטלען, דורך וועלכע מ'זאָל מתקן זיין די אייגענע נשמה, מתקן זיין די נשמות פון דער וועלט, כדי אַראָפּצוברענגען משיחן און דערפירן די מענטשן צו אַ גאולה שלמה.

## די מקובלים און דאָס פאָלק

רבי משה קורדובירו און רבי יצחק לוריא האָבן איבערגעלאָזט אַ סך תלמידים און נאָכפאָלגערס, וועלכע האָבן די געדאַנקען פון זייערע רביים פאַרשפרייט צווישן יידן איבער אַלע לענדער און מדינות, און דער עיקר אין פוילן, ווו עס האָט זיך דאַן שוין געפונען אַ גרויסער יידישער ישוב, און ווו יידן האָב געליטן אַ סך יסורים, פאַרפאָלגונגען און פייניקונגען, פאַר וועלכע מ'האָט געזוכט טרייסט און גאולה דורך דער קבלה. דערפאַר האָבן די דאָזיקע ביידע קבלה־שיטות געפונען אַ סך אָנהענגערס צווישן די פוילישע יידן.



טייל האָבן זיך פאַרטיפט אין דער קבלה עיונית און אַנדערע — אין דער קבלה מעשית. די לעצטע האָבן געפראַוועט תעניתים, זיך געפייניקט און תשובה געטאָן, לויט דעם נוסח פון אר"י, כדי מקרב צו זיין דעם „קץ".

די דאָזיקע צוויי באַזונדערע קבלה־שיטות האָבן אָבער אין געוויסע פרטים זיך סותר געווען. זיי האָבן געוואַרט אויף דעם מענטשן, וועלכער זאָל קומען און זיי פאַראייניקן. און דער דאָזיקער מענטש האָט טאַקע ניט געפעלט צו קומען: דאָס איז געווען דער פוילישער ייד, רבי ישעיה הלוי איש הורוויץ. ער האָט מחבר געווען דאָס בוך „שני לוחות הברית" (של"ה הקדוש). אין אָט דעם חיבור פירט ער דורך אַ סינטעז צווישן דער ספרדישער קבלה עיונית און דער אַשכנזישער קבלה מעשית און ער באַהעפט ביידע קבלות אין אַן איינהייטלעכער שיטה.

אָבער די אַלע שטרעמונגען און פראָבעס האָבן ניט געהאַט קיין גרויסע השפעה אויף די ברייטע שיכטן פונעם פאָלק. און דאָס האָט די נשמה פונעם פאָלק פאַראָרעמט. מחמת באמת איז דער יידישער גייסט גענייגט צו מיסטיציזם און גאָטבענקשאַפט. ס'איז נאָר וואָס דורך דעם גלות און די כסדרדיקע וואָגלענישן, האָט די יידישע רעליגיע זיך געמוזט אַרומרינגלען מיט פאַרשיידענע דינים און האַרבע מצוות, וועלכע האָבן זי, די רעליגיע, ראַציאָנאַליזירט. אָבער פון צייט צו צייט דערוועקט זיך ביים פאָלק זיין אמתער גייסט, זיין מיסטישע נשמה, און ער ווידערשפעניקט די פאַרגליווערטע רעליגיעזע דאָגמעס און מנהגים, וואָס טויטן אָפּ די סאַמע נשמה פון דער אמונה. די קבלה האָט אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן געהאַט אַזאַ קליינע השפעה — ניט מחמת דעם שולד פונעם פאָלק, נאָר— פון די בעלי־הקבלה זעלבסט. דאָס איז דערפאַר, וואָס די לעצטע זיינען געווען בלויז אנשי־ספר, הייליקע, ריינע גייסטער, אָבער ניט קיין פאָלקס־פירערס, ניט קיין לערערס, ניט קיין אנשי־נבואה, וואָס קענען האָבן אַ דירעקטע השפעה אויפן פאָלק. זיי זיינען געזעסן אָפּגעשיידט און אָפּגעזונדערט אין זייערע חדרים מיוחדים פאַרטיפט אין זייערע רעיונות. און זיי האָבן געשריבן חיבורים.

אמת, זיי האָבן זייערע געהויבענע געדאַנקען טאַקע געזייט, אָבער זייערע גערעטענישן זיינען פאַרבליבן פאַרבאָרגן צווישן די טאָוולען פון זייערע ספרים, זיי האָבן געגרייכט בלויז יחידי סגולה, אָבער דאָס פאָלק האָבן זיי ניט גענערט און דעם דורשט פון זייערע נשמות האָבן זיי ניט געשטילט. וואָס די מקובלים האָבן פאַרלאַנגט פונעם פאָלק, האָט דאָס פאָלק צו דעם ניט געקענט צופאַסן זיך. די מקובלים האָבן פונעם פאָלק פאַרלאַנגט אַז עס זאָל זיך פייניקן, זאָל זיך דערווייטערן פונעם לעבן, פון דער נאַטור, פון הנאה און פאַרגעניגן — אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס דאָס רוב פאָלק קאָן ניט דורכפירן. די מקובלים האָבן דערוואַרט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך דערהייבן צו זיי, אָבער מאַסן קאָנען זיך דאָך ניט דערהייבן אַזוי הויך. דאָס פאָלק האָט דערוואַרט, אַז די דאָזיקע גרויסע גייסטער, די אויסלייזערס, די הייליקע, זאָלן אַראָפּנידערן צו אים און אָנהייבן ריידן אויף זיין לשון און זיין שטייגער, און אַז זיי האָבן עס ניט געטאָן, איז דאָס פאָלק געווען צומישט און ס'האָט געבלאָנדזשעט אַ לאַנגע צייט. ערשט ווען ס'איז געקומען די חסידישע באַוועגונג האָט דאָס פאָלק באַקומען די גייסטיקע דערהויבונג און די זעטיקונג פון זיין הונגעריקער נשמה, נאָך וואָס עס האָט אַזוי שטאַרק געלעכצט.

2.

## וואָס חסידות האָט מחדש געווען

וואָס האָט חסידות די יידן געגעבן? וואָס פאַר אַ חידושים האָט דאָס חסידות אַריינגעבראַכט אין די יידישע רעליגיעזע השגות, אויפפירונגען און שטרעמונגען, אַז ס'זאָל אין די הונדערטער טויזנטער שטראָמען אין זייערע רייען און זיין צו דעם איבערגעגעבן בלב ונפש?

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז באמת האָט די חסידות באַוועגונג קיין זאַך ניט מחדש געווען. חסידות איז ניט קיין נייער גלויבן און איז אויך ניט קיין רעפאָרם אין גלויבן. חסידות איז ניט סותר קיין

שום עיקר אין יידישקייט, איז ניט מתיר קיין שום זאַך, וואָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט פאַרווערט און איז ניט מקיל וועלכע עס איז חומרות. אַלע געדאַנקען וואָס חסידות האָט אַרויסגעבראַכט און וואָס ער פאַרטיידיקט און פריידיקט, זיינען שוין געווען אַרויסגעזאָגט אין פאַרשיידענע ספרים, סיי אין די פריערדיקע יאָרן און סיי אין די שפּעטערדיקע צייטן. אַלע געדאַנקען, וואָס חסידות האָט אַריינגעבראַכט, די געדאַנקען וועגן גאָט און באַשאַף, וועגן מענטש און זיין נשמה, וועגן מאַטעריע און גייסט, וועגן די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, וועגן די נשמות און רוחות וואָס שוועבן אום איבער דעם חלל פון דער וועלט; די דאָזיקע אַלע פאָדערונגען, וואָס חסידות שטעלט צום מענטש, כדי ער זאָל זיך דורך זיי באַהעפטן צו גאָט און צו די אויבערשטע וועלטן; דאָס אַלץ, וואָס חסידות זאָגט וועגן כוונה, מחשבה, דבקות, באַגייסטערונג, דאָס תפילה טאָן, לעבנס־פרייד אא״וו — אָט די אַלע זאַכן זיינען קיין חידושים ניט געווען און זיי זיינען נאָך פריער, ווי אויך אין יענער צייט, געקומען צום אויסדרוק אין דעם מיסטישן און מאָראַלישן יידנטום.

אויב אַזוי, איז אין וואָס באַשטייט דער ווונדער פון דעם זיג און דעם קיום פון חסידות? אין וואָס איז פאַרבאָרגן זיין כוח, וואָס דורך אים האָט ער פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון הונדערטער טויזנטער יידן?

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז דער גרויסער כוח פון חסידות איז פאַרבאָרגן ניט אַזוי אין זיין אינהאַלט ווי אין זיין פאָרם. וואָס שייך אינהאַלט, האָט די חסידישע שיטה באַוויזן איינצושטעלן אַ סינטעז צווישן די צוויי קבלה שיטות, די קבלה עיונית און קבלה מעשית, און, מיט איניקע שינויים, שאַפן פון דעם אַן איינציקע זאַך אויף וואָס איינצושטעלן אַ פולשטענדיקן לעבנס־שטייגער. און דאָס איז דער עיקר, וואָס דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט: חסידות האָט ניט באַשטימט די קבלה ווי אַ ליטעראַרישע סינטעז, נאָר ווי אַ לעבנס־שטייגער. חסידות האָט ניט געוואַרט ביז דער אינטעלעקט פונעם פאָלק וועט זיך דערהייבן ביז דער מדרגה ווען ער וועט קענען באַנעמען די טיפע טעאָרעטישע איינשטעלונגען פון דער קבלה. אָנשטאָט דעם האָט חסידות זיך אָפּגעקליידט אין פשטות און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו פאָלקסטימלעכקייט, צו דעם באַנעם פונעם פאָלקסמענטש, און גענערט זיין תמימותדיקע אמונה אין גאָט און מענטש. און דורך דעם אַליין, וואָס חסידות האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צום פשוטן פאָלק, האָט עס געגעבן דעם פאָלק סטימול צו דערקענען אין זיך חשיבות און דורך דעם צו דערהייבן זיך צו הויכע מדרגות.

אַחוץ דעם האָט חסידות געבראַכט צום פאָלק דעם קולט פון דעם רבי, דעם צדיק, וואָס ער איז דער פאַרמיטלער צווישן פאָלק און גאָט. ער, דער צדיק, איז אַליין אויך אַ פאָלקס־מענטש. ער איז ניט ווי יענער מקובל, וואָס איז אָפּגעזונדערט ביי זיך אין צימער, איז פאַרטיפט אין זיינע ספרים און רעיונות, און אַלץ וואָס ער טוט און רעדט איז נאָר אויפן סמך פון דעם טיפן געשריבענעם אָדער געדרוקטן וואָרט, וואָס דאָס פאָלק טוט ניט פאַרשטיין און קען עס ניט משיג זיין. דער צדיק איז פאַרקערט. ער איז טאַקע אויסערגעוויינלעך דערהויבן גייסטיק, אַזש ביז זיין דירעקטער השפעה אויף גאָט, אָבער וואָס שייך פאָלק איז ער מיט אים געקניפּט און געבונדן. ער איז דער דירעקטער פאַרמיטלער צווישן גאָט און די חסידים און איז דער מליץ יושר פאַרן פאָלק ישראל. אויך האָבן די חסידים באַפרייט דאָס פאָלק פון דער אימה וואָס איז פאַרבונדן מיט שטרענגער גאָטספאָרכטיקייט. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם איינשטעל פון דער פראַקטישער קבלה, אַז כדי צו רייניקן זיך דאַרף דער מענטש פייניקן זיין גוף דורך תעניתים און אַלערליי אַנדערע יסורים; ער האָט אויסגעלייזט יידישע נשמות פון עצבות און האָט אַנשטאָט דעם, געלערנט, אַז מיט עבודת הבורא דאַרף מען זיך פאַרנעמען אין שמחה. וואָרעם ערשט אין פרייד גרייכט מען טהרת הנפש.

## גאָט אומעטום — דער עיקר פון חסידישער אמונה

דער עיקר פון דער חסידישער שיטה איז באַגרינדעט אויף דער הנחה פון דער קבלה, אַז צווישן די צוויי וועלטן, דער



געטלעכער און דער מענטשלעכער, איז דער חילוק נאָר אַן אויסנווייניקסטער און אַז אין דער אמתן זיינען זיי ביידע באַהעפט און זיי זיינען משפיע איינע אויף דער אַנדערער. די טיפע אמונה פון די מקובלים, אַז די וועלט איז נאָר אַן עמאַנאַציע (אויסשטראַלונג) פון דער געטלעכקייט, און אַז אין איר זיינען גשמיות און רוחניות אויסגעמישט (ניצוצות קדושים״— פונקען פון הייליקייט) — איז דאָ געבראַכט געוואָרן צו אַ באַשטימטן אויסדרוק: דער בורא איז תמיד דאָ אין דעם באַשאַף. די נאַטור איז נאָר דער לבוש פון געטלעכקייט, וואָס זי האָט זיך אין אים פאַרבאָרגן פון דעם מענטשנס אויג. איז די התחייבות פון דעם מענטש צו אַנטפּלעקן די גייסטיקייט אין דער וועלט. דער עיקר אמונה פון חסידות איז באַגרינדעט אויפן מאמר אין דער קבלה: „לית אתר פנוי מניה״ — ניטאָ קיין אָרט ווו ער (גאָט) זאָל ניט זיין. אויפן סמך פון דעם קומען די חסידים און לערנען דאָס פאָלק, אַז:

„זאָל דער מענטש טראַכטן, אַז אַלצדינג וואָס אין פאַראַן אויף דער וועלט איז פול פון בורא יתברך, און אַז אַלע זאַכן, וואָס ווערן געטאָן אויף דער וועלט דורך דעם כוח פון די מענטשנס געדאַנקען, זיינען פון ז י י ן השגחה, געלויבט זאָל ער זיין. דער מענטש באַדאַרף טראַכטן, אַז דער בורא איז פול גאָר דער וועלט, אַז ז י י ן כבוד און ז י י ן שכינה זיינען תמיד ביי אים, און ע ר איז דאָס גייסטיקסטע וואָס קאָן נאָר זיין, און ע ר קאָן טאָן אַלץ וואָס ע ר וויל, און דערפאַר איז פאַר אים (פאַרן מענטשן) גוט צו פאַרלאָזן זיך נאָר אויף א י ם, געלויבט זאָל ער זיין.״ (צוואת הריב״ש. אויך כתר שם טוב).

און נאָך לערנען די חסידים:

„דער מענטש באַדאַרף טראַכטן און גלויבן באמונה שלמה, אַז די שכינה איז מיט אים, ז י היט אים אָפּ, ער קוקט אויפן בורא און דער בורא אויף אים״. (צוואת הריב״ש און ליקוטי יקרים).

דערפון לערנען אָפּ די חסידים אַ מוסר השכל, אַז דער אמתער מאמין באַדאַרף תמיד שטרעבן צו אָט דער הסתכלות, צו דערהייבן אין זיין געדאַנק די גשמיותדיקע זאַכן, אָדער די „הייליקע ניצוצות״ וואָס אין זיי, צו זייער געטלעכן וואָרצל, צו זען דעם בורא דורך זיין לבוש, און דעמאָלט וועט ער גאָר אַנדערש אָנהייבן פאַרשטיין אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אויב דער מענטש וועט טראַכטן אַז די אַלע זאַכן, וואָס ציען זיין האַרץ, אָדער וואָס שרעקן אים, זיינען נאָר פאַרבייגייענדיקע דערשיינונגען אין אַ וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך איין וואָרט פון דעם בורא, דעמאָלט וועט ער פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ קליינעם באַטרעף עס האָבן אַלע זיינע תאוות און אַלע זיינע דאגות אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט משיג געווען דורך באַהעפטן זיין געדאַנק מיט דער אייבערשטער וועלט.

דעריבער דאַרף דער מענטש פאַר קיין שום זאַך ניט האָבן קיין פחד. „אויב אַ מענטש זעט אַ זאַך,״ זאָגן די חסידים, וואָס ער האָט פחד דערפאַר, זאָל ער זאָגן: וואָס האָב איך זיך צו שרעקן פאַר דער זאַך, ער (דער שונא) איז דאָך אַ מענטש ווי איך, און אַ פּשיטא שוין פאַר אַ בהמה אָדער אַ חיה. ס׳איז דאָך מער ניט וואָס דער שם יתברך קליידט זיך אָן אין דער זאַך. וויפל, דעריבער, דאַרף איך מורא האָבן פאַר אים אַליין!״

און אין שייכות מיט תאווה דריקן זיך אויס די חסידים אָט אויף וואָס פאַר אַ שטייגער:

„אויב דער מענטש וועט זען אַ שיינע פרוי, זאָל ער טראַכטן: פון וואַנען קומט צו איר די דאָזיקע שיינקייט? ס׳קומט דאָך צו איר פון דעם געטלעכן כוח, וואָס איז אין איר פאַרשפּרייט און גיט איר די מתנה פון שיינקייט. דערפון איז געדרונגען, אַז דער שורש פון שיינקייט איז אַ געטלעכער כוח. היינט צוליב וואָס זאָל דער מענטש זיך ציען נאָך אַ טייל? בעסער זיך צו באַהעפטן מיטן שורש. (צוואת הריב״ש).

דער עיקר אין דעם לעבנס־שטייגער און דעם אויפפיר פון די חסידים איז, אַז מ׳מוז אָפּטרייבן עצבות. צער און דאגות ברענגען דעם מענטשן צו „קטנות דמוחין״ און „ערלת הלב״ (האַרץ־פאַרשטאָפּעניש), בעת די עבודה צו גאָט פאַרלאַנגט „גדלות

יצחק ניומאַן

# אייניקע באַמערקונגען אין שייכות מיט מדרש

אין דער תורה האָט דאָס פאָלק געזען דעם אייניציקן ירושה־אוצר, דעם אייניציקן שורש און קוואַל פון זיינע אידעען. אין דעם דאָזיקן אוצר האָט אַ ייד געזוכט און געפונען אַן ענטפער אויף אַלע זיינע פראַגן און פּראָבלעמען. אַזוי האָט דאָס פאָלק זיך צוגעפּאַסט און אויסגעטייטשט אַלע געזעצן פון דער תורה צו זייער נייער צייט און צו זייערע נייע לעבנס־באַדינגונגען. דער אופן פון טייטשן די פּסוקים פון דער תורה מיט אַ מעשה אָדער אַ משל מיט אַ מוסר־השכל. דער דאָזיקער וועג איז געווען זייער פּאָפּולער. אַזוי אויך דער מדרש. ער הייבט אָן דורך אויסטייטשן דעם פּסוק אין פשטות און ענדיקט מיט העכערע געדאַנקען. בדרך כלל וועקט דער מדרש מענטשן צו דערהייבן זיך צו מצוות און מעשים טובים און צום טיפן גלויבן אין גאָט און צו דער תורה.

דער מדרש באַשטייט ניט פון איין גאַנצער זאַך, נייערט פון קורצע פראַגמענטן, אָפּגעהאַקטע אָפּשניטן. אַ חוץ די הלכה־מדרשים, וואָס זיינען געצילט פאַר די לומדים אין שייכות מיט בעסער פאַרשטיין די דינים און די מצוות, זיינען די אגדה־מדרשים געצילט געווען צום ברייטן עולם. אַחוץ די מדרשים אויף די חומשי תורה זיינען אויך פאַראַן מדרשים אויף די פינף מגילות.

ווען דער סאָרט ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען איז ניט געווען פעסטגעשטעלט. אָבער חז״ל ווייזן אָן, אַז משה רבנו איז געווען דער ערשטער בעל דרשן, ווי עס זאָגט זיך אין חומש דברים (וילך, 12): „הקהל את העם למען ישמעו, ולמדו, ושמרו לעשות את כל דברי ד׳ (זאַמל איין דאָס גאַנצע פאָלק, מיטן צוועק צו הערן און צו לערנען גאָטס רייד, די תורה).

אויך די נביאים זיינען געווען דרשנים, און שפּעטער, ווען עזרא הסופר מיט דער כנסת הגדולה האָבן איינגעפירט צו לייענען די תורה שבתים און ימים טובים, האָבן זיי די תורה אויסגעטייטשט.

דער מדרש, אויפן וועג פון לערנען און אויסטייטשן די תורה, שטעלט ער זיך אָפּ אויף זייטיקע וועגן פון פאָלקס־מאָטיוון און בכדי צו שאַרפן די מוחות פון די צוהערערס, מוז זיך דער בעל דרשן צעשפּילן מיט גלונגענע וואָרט־שפּילן. אַזוי למשל, איז שפּרוך: „ווו עס הערשט שלום בית דאָרט וווינט גאָט.״ דאָס וואָרט א י ש (אַ מאַן) און א ש ה (אַ פרוי). דער אות יוד פון איש און דער אות ה׳ פון אשה, ווען צוזאַמענגעהעפט, איז דער נאָמען פון גאָט. נעמט מען אַוועק דעם אות י׳ פון איש און דעם אות ה׳ פון אשה, בלייבט בייביידע דאָס וואָרש א ש — פייער. טייטשט דער בעל דרשן אַזוי: כל־זמן עס איז דאָ שלום בית, וווינט דאָרט גאָט, אָבער חלילה ווען עס איז ניטאָ קיין שלום־בית אין הויז, גייט גאָט אַוועק פון הויז און עס בלייבט א ש — אַ פייער.

דער מדרש באַנוצט זיך טייל מאָל מיט פּאָעטישע סימבאָלן. אַזוי, למשל, ווערט געשילדערט דער צער פון מוטער רחל

דמוחין״, דאָס הייסט, אויפגעוועקטקייט פון דער נשמה אין פרייד און האָפענונג. „דאָס איז אַ כלל גדול אין עבודת הבורא,״ לערנען די חסידים, „אַז מען זאָל זיין געהיט פון עצבות ווי ווייט מ׳קאָן. וויינען איז זייער שלעכט, מחמת דער מענטש באַדאַרף דינען פון שמחה; נאָר ווען דאָס געוויין איז פון שמחה, דעמאָלט איז עס זייער גוט.״

אָט דאָס ביז איצט אַרויסגעבראַכטע איז אין קיצור די שיטה פון די חסידים. און דער מענטש, וועלכער האָט די שיטה באַגרינדעט, געשאַפן די חסידישע באַוועגונג און פעסטגעשטעלט אירע יסודות; דער מענטש, וועלכער איז באמת געווען די פאַרקערפּערונג פון אָט דער באַוועגונג, — איז געווען רבי ישראל בעל־שם־טוב.

(המשך קומט)



און אירע טרערן אין צייט פון חורבן בית המקדש: חרוב איז גאָטס שטאָט, וויסט ווערט דאָס לאַנצע לאַנד, די בעסטע, איידלסטע קינדער פון ירושלים פירט דער שונא געשמידט אין קייטן, און זיי ווערן געפירט פאַרקויפט צו ווערן פאַר קנעכט. שטייען אויף די אָבות פון די קברים, זיי קומען פאַרן כסא הכבוד בעטן רחמים. עס קומט אויך דער פאַסטוך משה רבנו און בעט פאַר זיינע עלנטע שאָף. פערציק יאָר האָט ער זיי אָפּגעהיט אין מדבר, געווען זייער פירער. אָבער די 22 אותיות פון דער תורה באַשולדיקן דאָס פאָלק מיט זייער עדות זאָגן ווי גרויס עס איז געווען די זינד פון עם ישראל. זיי האָבן עובר געווען אויף די געבאָטן פון דער הייליקער תורה. און עס ווערט ניט געשטילט גאָטס צאָרן און נישט געמינערט ווערט דער שטרענגער גזר. דעמאָלט קומט די מוטער רחל און גיסט אויס איר טיפן צער מיט ביטערן געוויין. און קעגן מוטער רחלס טרערן קען אפילו כביכול אויף זיין כסא הכבוד נישט באַשטיין, און עס לאָזט זיך הערן פון די הימלען די געטלעכע שטימע: וויין ניט, רחל! איך וועל זיך דערבאַרעמען, איך וועל נאָך אויף זיי זיך מרחם זיין און אומקערן דיינע קינדער פון גלות...

* * *

איינע פון די שענסטע מידות אין יידישן לעבן איז דאָס אָפּגעבן כבוד אַ כלה. די חז״ל האָבן אפילו געשטעלט צוגלייך הכנסת כלה מיט די „אלו דברים שאין להם שיעור.״ עס ווערט אין דער גמרא דיסקוטירט (כתובות י״ז) די פראַגע: „כיצד מרקדין לפני הכלה?״ ווי באַהאַנדלט מען אַ כלה גייענדיק צו דער חופּה? בית שמאי זאָגן: מ׳רימט זי נאָר ווען זי האָט מעלות, מ׳רימט זי ניט אויב זי האָט חסרונות. בית הלל זאָגן: מ׳רימט אַלע כלות מיט די ווערטער: אַ שיינע און ליבע כלה. נו, פרעגן בית שמאי, אַז די כלה איז אַ לאָמע אָדער אַ בלינדע, וועט מען גיין זאָגן אַ שיינע כלה? עס שטייט דאָך „מדבר שקר תרחק״ (דערווייטער זיך פון אַ ליגן). ענטפערן די בית הלל: זאָגט אַליין, אַז איינער קויפט אויפן מאַרק אַ שלעכטע זאַך, זאָל מען עס לויבן אין זיינע אויגן אָדער עס אונטערשעצן אין זיינע אויגן? די חכמים האָבן געלערנט: שטענדיק זאָל דער מענטש זען און טאָן וואָס עס איז גוט פאַרן כלל... דער מוסר השכל דערפון איז, אַז מ׳דאַרף זיך נוהג זיין ווי בית הלל זאָגן.

אין מדרש ווערט אויך געדרשנט: צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטש? די מלאכים, ווערט דאָרט דערציילט, האָבן געפרעגט ביי גאָט, צו וואָס טויג דיר צו באַשאַפן דעם מענטש? וואָס פאַר אַ נוצן וועסטו האָבן פון אים? און גאָט האָט געענטפערט: אפילו אַ מלך בשר ודם, וואָס האָט אַ סך עשירות און שיינע פּאַלאַצן, צו וואָס טויג דאָס אַלעס אַז קיינער זאָל עס ניט קענען זען און באַוווּנדערן?

אויף דעם פּסוק (בראשית ה׳): „זה ספר תולדות אדם״ (דאָס איז די געשיכטע פון אָדם הראשון) טייטשט דער ירושלמי (נדרים פ״ט): אַז אַלע פעלקער האָבן איין פאָטער, אַלע פעלקער זיינען איין משפּחה, אַלע זיינען אָדמס קינדער. אין שייכות מיט דעם זאָגט רבי מאיר אין סנהדרין: גאָט האָט צוזאַמענגעקליבן ערד פון אַלע טיילן פון דער וועלט צו באַשאַפן דעם מענטש, בכדי קיין מענטש זאָל זיך ניט קענען באַרימען און זיך איבערנעמען איבערן צווייטן, אַז ער שטאַמט פון אַ העכערער ראַסע, ווייל אַלע זיינען גלייך אָדמס קינדער.

פאַרוואָס הייבט זיך אָן די געשיכטע בראשית? ווייל פונקט ווי דער אות בית בראשית?ווייל פונקט ווי דער אות בית איז פאַרמאַכט אויבן און אונטן, אויך אין דער זייט, אַחוץ פון פאָרנט — אַזוי זאָל אויך דער מענטש ניט פרעגן: וואָס איז געווען פריער און וואָס וועט זיין שפּעטער. זע בלויז וואָס איז פאַר דיינע אויגן, אין פאָרנט פון דיר...

די ליידן פון צדיק. אויף דער אייביקער שאלה, פאַרוואָס ליידט דער צדיק? גיט די גמרא (פּסחים) אַ דערקלערונג מיט אַ משל: דער טעפּער פּרובירט אויס ניט אויף אַ געלעכערטן טאָפּ, ווייל ער וועט זיך גיך צעברעכן. ער פּרובירט אויף דער גאַנצן טאָפּ, מחמת אויף אים קען ער קלאַפּן פיל מאָל און ער וועט

זיך ניט צעברעכן. אַ צווייטער משל אין מדרש רבה, מ״־ל״ב: אַז איינער האָט צוויי קי, איינע אַ שטאַרקע און אַ צווייטע אַ שוואַכע. אויף וועלכער קו לייגט ער אַרויף מער משא? אוודאי אויף דער שטאַרקער און ניט אויף דער שוואַכער. הייסט עס, גאָט פּרובירט אויפן צדיק, וועלכער איז דער נמשל פון גאַנצן טאָפּ, און ווייל ער איז אויך דער נמשל פון דער שטאַרקער קו, לייגט ער אויף אים מער משא.

* * *

יתגדל ויתקדש שמה רבה — זאָגט די מכילתא (ע״ב): נישט ווי די געצנדינער זיינען מיר יידן. זיי, די גוים, אַז עס גייט זיי גוט, לויבן זיי זייערע געצן, און ווען עס גייט זיי שלעכט, שעלטן זיי זייערע געצן; אָבער מיר יידן לויבן גאָט ווען עס גייט אונדז גוט און מיר לויבן גאָט אפילו ווען עס גייט שלעכט. אין אַ טויטנפאַל זאָגן מיר: יתגדל ויתקדש שמה רבא (זאָל געהייליקט זיין דיין גרויסער נאָמען).

דער מדרש פאַרנעמט זיך מיט פאַרשיידענע געשעענישן, וואָס טראָגן אַן עטישע איינשטעלונג אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש און צווישן מענטש און זיין באַשעפער. בכדי צו מאַכן דעם געדאַנק מער צודרינגלעך, העלפט אַרויס דער משל וואָס הייבט אָן מיט אַ זייטיקן פאַרגלייך און ענדיקט זיך מיט אַ מוסר השכל, ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך אויפפירן, ווי עס זאָגט זיך אין דברים (ל״־ט׳):: איך שטעל עדות קעגן אייך הימל און ערד, איך האָב פאַרגעלייגט פאַר אייך ביידע זאַכן: לעבן און טויט, די ברכה און די קללה. טאָ זע, קלייב אויס די ברכה, כדי דיינע קינדער זאָלן לעבן און זיין גליקלעך...

די הויפּט מעטאָדע פון מדרש איז דער משל, דער מעטאַפאָר. דורכן משל קען מען דערגיין פיל זאַכן פון דער תורה, און דער מדרש גיט אויף דעם אויך אַ משל: אַ מלך האָט פאַרלוירן אַ טייערע פּערל, האָט ער גענומען זוכן די פּערל מיט אַ ליכטל וואָס קאָסט אַ גראָשן. דער משל איז טאַקע ניט דער עיקר, אָבער דורכן משל פאַרשטייען מיר די כוונה.

ווי דער האַמער צעפּיצלט דעם שטיין, אַזוי ווערט די תורה געטייטשט אויף פיל אופנים.

דער מדרש, וואָס איז אַ לייכטער פאָרם פון לערנען, און דעם עולם איז ליב געווען אַלע מאָל צו הערן אַ דרשה מיט משלים פון דער אגדה, איידער די חריפות פון הלכה. צו אגדה פאָדערט זיך ניט קיין פאַרטיפונג. אין דער צייט פון די תנאים איז די אגדה געווען שטאַרק פּאָפּולער און גאַנץ צוגענגלעך צום ברייטן עולם, ווי עס זאָגט זיך אין דער גמרא (סוטה מ׳): ווער עס לערנט מיטן עולם הלכה, איז גלייך צו איינעם וואָס פאַרקויפט טייערע שטיינער, וואָס ניט אַלע זיינען אויף דעם מבינים. אָבער אגדה איז גלייך צו איינעם וואָס פאַרקויפט נוצלעכע זאַכן, איבער וואָס אַלע זיינען מבינים...

דער משל און די כלי, וואָס געלערנטע, גרויסע דיכטערס און דענקערס פון פיל פעלקער און פיל לענדער באַנוצן עס פאַר אַן אַריינפיר צו זייערע דרשות.

---

כאַניע אָמאַן

## דער מענטש

לאַנג, לאַנג צוריק,
אין מיין נאָך יונגער וועלט,
האָט דער רבי מיט מיר
דעם חומש געקנעלט —

ווי גאָט האָט באַשאַפן
הימל און ערד,
די זון, די לבנה,
דעם לייב און דעם פערד,

אָנגעפילט די ימען
מיט פיש אַלערליי,
דעם הימל מיט פייגל
און ביימער פאַר זיי.

אַלץ איז געווען
אַזוי פריזלעך, אַ פּראַכט —
ביז גאָט האָט דעם מענטש
אויף דער וועלט געבראַכט.



יצחק קאַלער

# ביבליאָגראַפישער איבערבליק פון פרצעס שאַפונגען

(געקייטלט אין אַ סיפור המעשה)

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק,“ „בשעת אַ מגפה,“ דרייט זיך אַרום „דער משוגענער בטלן,“ „דאָס שטריימל“ אויפן קאָפּ, רעדט צו זיך אַליין: „אַך גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרשאָלטן?“ „טרויער דריקט אויף מיין נשמה“...—„וואָס הייסט נשמה“? „ווער בין איך“? „מענדל ברייינעס“? אפשר גאָר „דער משולח“? אָדער „דער גולם“? אָדער סתם איינער פון די „מקוּבלים“, וואָס איז „פון וועג אַראָפּ“?... אַזוי גייט ער אַרום „ווי אין אַ חלום“, עס באָמבלט אין אין מוח „יוחנן דעם מלמדס מעשיות,“ „קלאָץ געשיכטעס,“ „וואָס די לבנה דערציילט“ — „וואָס מתים דערציילן,“ „ווי אַ פּרוש איז געוואָרן אויס פּרוש,“ „דער חלום פון ליטווישן מלמד“.. יאָ, יאָ, „אַז מ׳זאָגט משוגע, גלויב“...

ס׳איז „אַן איבערקערעניש.“ „ס׳ווערן וואָס אַ מאָל ווייניקער,“ די רינגעלעך אין „די גאָלדענע קייט“... „דער בריליאַנט,“ „מאָניש איז אויך שוין „פון וועג אַראָפּ,“ „דער קונצנמאַכער“ פירט מאָנישן אויף „וועגן וואָס פירן אַראָפּ פון יידישקייט,“ „דאָס בלאָנדזשען אין מדבר,“ פירן אַ ליבע מיט „לילית“, טרינקען „שאַמפּאַניער,“ טראַכטן פון „אויגן מיט ליפּעלעך,“ פון „ווענוס און שולמית.“ ס׳איז „זינדיק בלוט“, מ׳איז עובר אויף „לא תחמוד,“ מ׳איז חייב „כרת“. מאָניש, מיין נישט „די וועלט איז אַ קרעטשמע“— אַרום שוועבן „שוואַרצע קראָען“ מיט שוואַרצע פליגל,“ וואָס ציען „צום עולם התוהו,“ „פון אַלע זייטן קרייזלט דער ווינט“ און שלעפּט מאָנישן „איבער שטעט און שטעטלעך,“ „איבער שריפות,“ „אין קעלער־שטוב,“ „אין דול־הויז“, „אַ קשיא אויף יענע לייט“

„אין אַ קברות נאַכט,“ איז „באָנטשע שווייג“ פאַרזונקען אין „תענית געדאַנקען“ „איבער אַ שמעק טאַבאַק.“ ער חלומט אפילו נישט פון די „דריי קיכלעך.“ „דער פעטער שאַכנע מיט דער באָבע יאַכנע זאָגן, „מ׳דאַרף האָבן ביטחון“! ס׳איז געשריבן אַז „ווער ס׳גיט לעבן וועט געבן פון וואַנען צום לעבן.“ אַי, ווען ער ער האָט אַ בולקע מיט פּוטער!...

„אויפן געלעגער“— „ביים גוסס צוקאָפּנס,“ עס דרייט זיך אַרום „דאָס קראַנקע יינגל,“ וואָס דאַרף נעבעך האָבן „גאָטס חסד,“ און „די פרומע קאַץ“ ליגט זיך „אין געמויזעכץ.“ מאָניש נעמט „דאָס פאַרטוך,“ ווישט זיך אַרום דעם שטערן און „מ׳כאַפּט אַ שמועס,“ מ׳דערמאָנט זיך זאַכן, „זכרונות“ שווימען אַרויף: „אין פּאָליש אויף דער קייט“; „דער טישאָוויצער רב“; „דער יאַרטשעווער רב“; — „דעם רבינס לולקע ציבעק“; „די סקולער רביצין“; זאָגט „דער למד־וואָווניק,“ „דער משכיל“... נו, יאָ, „פרום אָדער נישט פרום“, „אָבער דאַווענען מוז מען דאָך.“

ס׳איז „אַ פאַרשטערטער שבת“. „ער, זכרונו לברכה, און זיינע מקורבים,“ וואָס זיינען אין די הימלען— „אויב נישט נאָך העכער,“ פירן דאָרט „אַ דין תורה מיט גאָט,“ ס׳ממש „מסירת נפש“; דער רבי ר׳ שלמהלע מאַכט קיין הבדלה נישט, ביז אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט — ס׳איז „עקבתא דמשיחא“... אין הימל שפּילט אַ מלאך מיט „בענקשאַפט און טרויער“ דאָס ליד פון „שטומע נשמות“ אויך „טרויער“, „אַ תפילה“, „אַ גילגול פון אַ ניגון.“

שאַ, דער מאַכט שוין הבדלה, אויסגעלייזט ווערט די וועלט! דאָס פידעלע שפּילט שוין ניגונים פון „עולם הבא,“ פון „שמחה שבשמחה,“ „שיר השירים“... אַי, אַי, „וואָס אין פידעלע שטעקט“!

ס׳שוין מוצאי שבת. „צווישן צוויי בערג“ דרייט זיך אַרום דער בעל־שם, ער באַווייזט ניסים ונפלאות ווי אַ מאָל „חנינא בן דוסא,“ פירט אויס „דריי שידוכים מיט אַ מאָל“—אַ קלייניקייט — „הכנסת כלה,“ „דרשה געשאַנק“, ווייל „אָן נדן איז ערגער ווי פּאָקן.“ „דריי חופּות“, „דריי מתנות“ פאַר די „דריי נייטאָרינס.“ אַי, ס׳אַראַ טייערע חתנים: „דער בעל־עגלה“, „בערל דער שניידער“; „שמעיה דער גיבור. יאָ, יאָ, ס׳איז „משיחס צייטן.“

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# מאיר לעדערמאַן ע״ה

עס איז שוין אַוועק דריי חדשים זינט איך האָב געקראָגן די טרויעריקע בשורה אַז מיין קוזין און נאָענטער פריינד, מאיר לעדערמאַן, איז אַוועק אויף אייביק — און ס׳איז מיר נאָך אַלץ שווער זיך צוגעווינען צום געדאַנק אַז איך וועל מער נישט קריגן זיינע אָפּטע, חנעוודיק, הומאָרפולע בריוולעך. מאיר לעדערמאַן איז געווען אַ שטילער, אַ צאַרטער, אַ צוגעלאָזענער מענטש, אַ מעורב עם הבריות. ער איז געווען אַ ראַפינירטער, סענסיטיווער פאָלקס־מענטש, מיט אַ שטאַרקער, אייביק־ברענענדיקער ליבע צו תורה, צו בני־תורה, צו דער מאָדערנער יידישער קולטור, און דער עיקר, צו דער יידישער ליטעראַטור און יידישער פּאָעזיע.

מאיר — אָדער ווי מיר, זיינען קוזינען, האָבן אים גערופן: יחיאל מאיר — איז געבאָרן געוואָרן מיט 73 יאָר צוריק אין שטעטל באָדזאַנאָוו, פּלאָצקער געגנט, פוילן, אין אַ פאַמיליע פון האָרעפּאַשנע עלטערן, וואָס פלעגן קוים־קוים האָבן אויף חיונה. ווען מאיר איז אַלט געווען בלויז 3-4 יאָר איז אים זיין מוטער אָפּגעשטאָרבן, און ער איז דערצויגן געוואָרן דער עיקר פון זיין עלטסטער שוועסטער. זיין אָרעמער, זייער פרומער טאַטע, האָט אים גאַנץ פרי אַוועקגעשיקט אין דער פרעמד זיך לערנען אַ מלאכה. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו ווערן אַ פּאָפּולערער משורר ביים חזן פון שטעטל.

עס געדענקט זיך מיר ביז היינט דער רושם וואָס מאירס סאָלאָ־געזאַנג אין שול, אום ראש־השנה, האָט געמאַכט אויף אונדז זיינע יינגערע קוזינען. ווען ער האָט זיך צוזונגען אויף זיין שיינעם אַלטאָ דעם „כבקרת רועה עדרו״, זיינען מיר געשטאַנען פאַרגאַפטע און אים מקנא געווען זיין מתיקותדיק קול.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מאיר געקומען קיין אַמעריקע, וווהין עס האָבן שוין פריער געהאַט עמיגרירט זיינע אַנדערע ברידער און שוועסטער. דאָ — אין די דעמאָלדיקע סוועט־שאַפּ באַדינגונגען — איז ער באַלד קראַנק געוואָרן אויף די לונגען, און מ׳האָט אים געהייסן פאָרן זיך היילן אויף דער קאַליפאָרניער זון. ער האָט טאַקע אין יענע יאָרן, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלעבט אין לאָס אַנדזשעלעס, וווּ ער איז געוואָרן נאָענט באַקאַנט מיט דעם דעמאָלטדיקן יידישן שרייבערוועלטל וואָס האָט זיך דאָ גרופּירט. ער האָט אפילו פאַר אַ צייט „אונטערגעזינדיקט״ מיט דער פּען, פּרובירנדיק שרייבן לידער.

ער איז געווען מזלדיק: די קאַליפאָרניער זון האָט אים אין גאַנצן געזונט געמאַכט. איז ער אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, וווּ ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין ליבער מעי. זיי האָבן זיך באַזעצט אין שטעטל סימאָר, אַ 15 מייל פון ניו־הייווען. ער און מעי האָבן זיך נאָענט באַפריינדט מיט די קולטור־טוער: דוד שיין, לייוויקס שוואָגער, וואָס איז געווען דער רוח־חיים פון דער יידישער ניו־הייווען; יצחק סאַפּיאַן, און אַנדערע.

אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר האָט מאיר לעדערמאַן געוווינט און זיך מפרנס געווען אין דעם גויישן שטעטל סימאָר, קאָנעקטיקוט — אַ שטעטל פון צען טויזנט נפשות, מיט אפשר אַ מנין יידישע פאַמיליעס. מיר, מיין פרוי און איך, פלעגן זיך זען מיט מאירן עטלעכע מאָל במשך דעם יאָר, און אַ סך מאָל האָבן מיר פאַרבראַכט ביי די לעדערמאַנס אין הויז, און שפּאַצירט ביי די שיינע ברעגן פון קאָנעקטיקוט. גייענדיק מיט מאירן אין די גאַסן פון שטעטל, פלעג איך זען ווי פּאָפּולער ער איז אין אַלע קרייזן פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. פון אַלע זייטן האָט מען אים באַגריסט מיט אַ „האַלאָ מאיר!״ ער האָט פאַרמאָגט דעם טאַלענט זיך צו באַפריינדן מיט מענטשן, וואָרעם זיין אָפּענער, גוטמוטיקער, שיינער פּנים האָט געוועקט צוטרוי.

מאיר איז געווען אַ מיטגליד אי אין



אַרבעטער רינג, אי אין יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָרעם ווי מערסטע וועלטלעכע יידן איז ער געווען סאָציאַל־פּראָגרעסיוו — אין אַלטן, אמתן זינען פון וואָרט — און טיף־נאַציאָנאַל; אָבער אין דער ערשטער ריי האָט ער געלעבט און געאָטעמט מיט אַ יידישן זשורנאַל, מיט אַ יידישער דערציילונג, יידישער עסיי, אַ יידישער לעקציע. ער האָט ביז דער לעצטער מינוט נישט אויפגעהערט צו קולטיווירן זיין נשמה, צו באַרייכערן זיין גייסטיק לעבן.

די אַלע צענדליקער יאָרן וואָס ער האָט געוווינט אין „קאַלטן״ סימאָר, האָט ער נישט אויפגעהערט צו חלומען, צו בענקען נאָך זיין „עלדאָראַדאָ״־קאַליפאָרניע: דאָס לאַנד וווּ ער האָט געלעבט אין דער יוגנט, און וווּ ער האָט פאַרקניפּט פריינדשאַפטן וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אַ לעבן־לאַנג.

מיט 7-8 יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, און געפונען זיין גייסטיקע היים אין קולטור־קלוב, איז ער ממש יינגער געוואָרן. ער פלעגט מיר כסדר שרייבן און באַריכטן וועגן יידישן קולטור־לעבן אין דער מעטראָפּאָליע פון דרום קאַליפאָרניע. ער איז געווען גליקלעך צו קענען לויבן אַ לעקטאָר, אַ רעדנער, אַ שרייבער. ער האָט פאַרמאָגט אַ חסידישע נשמה, וואָס איז געווען געבענטשט מיט דער פעיקייט צו זען דאָס גוטע אין מענטשן, זיינע מעלות, נישט זיינע חסרונות.

נאָך דעם ווי ער איז געקומען צו זיך — נאָך דער האַרץ־אַטאַקע — שרייבט ער מיר אין זיין לעצט בריוול פון 14טן יאַנואַר, ה״י — פיר טעג איידער זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט: „מיין האַרץ ווערט צעריסן פון דעם (דאָס הייסט, פון זיין פרויס קראַנקייט). ס׳איז טאַקע ביטער אָבער מען דאַרף האָפן און האָבן בטחון... איך קען איצט נישט שרייבן מער. איך בין אַזוי אָנגעזאַפּט מיט אומעט צוליב אונדזער צושטאַנד, אַז מיר דאַכט זיך אַז איך פאַרליר מיין גלייכגעוויכט.״

עס איז אַוועק פון דער וועלט אַ שיינער, אַן אינטעליגענטער, אַ וואַרעמער יידישער מענטש — אַ מענטש וואָס האָט קיין מאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט צום מולך פון אונדזער צייט — צום קאָמוניזם. ער איז געווען געטריי זיין פאָלק, זיין קולטור, ווייל ער איז געווען עכט און געטריי זיך. מיר אַלע וואָס האָבן אים געקענט, וועלן אים שטענדיק טראָגן אין זיך און בענטשן זיין אָנדענק.

# שרייבערס און ביכער

אברהם באַראַבאַן / חולון, ישראל

## מיט מאַטעס אַליצקים: „געקליבענע לידער"

(מ. אַליצקי: „געקליבענע לידער," פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב; 127 זייטן)

אַז מען לייענט לידער, איז נישט אַלע מאָל איז מען מיט זיי. אָפּט טרעפט, אַז וויפל דו זאָלסט זיך נישט באַמיען, געלונגט עס דיר נישט. אמת, כדי צו זיין מ י ט די לידער, דאַרפן די לידער האָבן דעם געהעריקן לייענער. דאָס איז קלאָר. אָבער, אָן ספק, איז עס אויך, און אפשר — קודם־כל, אָפּהענגיק פון די לידער גופא. ס'הייסט — צי זענען זיי טאַקע לידער, צי זענען זיי פּאָעזיע. ווערטער קענען ווערן ליד, און ווערטער קענען אויך זיין צונויפגעדרוקטע, שיין אויסגעשטעלטע שורות, און נאָר טעכניש־אויסערלעך אויסזען ווי ליד. דאָס איז אַן אָפּטע דערשיינונג, און נישט איין מאָל קום איך צו צו דער נישט פריילעכער מסקנה, אַז בעסער וואָלט דער לידערשרייבער זיך פאַרנומען מיט הנאה האָבן פון לייענען אַן אמתן דיכטערס לידער, איידער שאַפן זיינע אייגענע. אַלנפאַלס, מיין פערזענלעכע קריטעריע ביים אָפּשאַצן לידער און קודם כל די פראַגע: — צי זענען עס טאַקע לידער, צי עס איז טאַקע פּאָעזיע.

מאַטעס אַליצקי האָט מיר איינגעשפּאָרט דעם גאַנצן אויבנדערמאָנטן „משא־ומתן". ווייל חוץ דעם וואָס דער עצם נאָמען אַליצקי באַדייט דריי אָנגעזעענע דיכטער אין דער יידישער ליטעראַטור (ברוך אַליצקי ע"ה — און זיי צו לענגערע יאָרן — לייב און מאַטעס), איז פאַר מיר מאַטעס אַליצקיס ליד — ווו איך זאָל אים נישט אָנטרעפן — אין זיינע ביכער אָדער אין אַ זשורנאַל, צי אין אַ צייטונג. אַ געהויבענע איבערלעבונג.

„געקליבענע לידער," איז אַ סעלעקטיווער אָפּקלייב, דורך מאַטעס אַליצקין גופא, פונעם בעסטן וואָס ער האָט געשאַפן, און מיט רעכט איז אים צוגעטיילט געוואָרן די הייאָריקע ליטעראַטור פּרעמיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק.

* * *

מאַטעס אַליצקי וווינט אין ניו־יאָרק, און פון די הויכע עטאַזשן פון די וואָלקנקראַצערס שפּרייט זיך פאַר זיין פּאָעטיש אויג אין שפּירונג אַ קאַליידעסקאָפּישער פּייזאַזש, אַ קאָלאָסאַל־גרויסוועלטישער, צוזאַמען מיט אינטראָספּעקטיוון, איינגעזאַפּטן, דורך אַלע זיינע רמ"ח אברים, פּייזאַזש פון טריסק, קאָוולע, מאַציעוו, ליבעוונע און דאָרסק — פון דער יידישער וואָלין, דורך די אָפּגרונטן פון מאוימדיקן חורבן, אַרויפצו, אַ שיר המעלות, צום אַמעריקאַנישן פעלקער־זיגל. אין זיין ליד שפּרייזט אַריבער, מיסטעריעז־פּאָעטיש און גראַציעז, די ניו־יאָרקער טעטפּאָרד סטריט דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, מאַכט קפיצת־הדרך איבער לענדער, בערג און טייכן און ברודערט זיך מיט „סעגאַלס מיל", אויף דער לינקער זייט פון זייער שטוב אין טריסק; הערט איך גאָר גוט איין, ליבע פריינד, אין מאַטעס אַליצקיס פּאָעטישע שורות און באַנעמט זיי:

נישט אַנדערש: די וואַרעמקייט פון
נאַכט האָט מיך פאַרוויגט. אין חלום
איז פון שאָסיי געוואָרן אַספאַלטירטער
שליאַך.
אַ שטיק פון מילכוועג האָט זיך אַראָפּ־
געריסן, און די שטערן
לויפן איבער אים צעטומלטע. אין
דיער שיין איז פון די הייזלעך
געוואָרן הויכע ליכטיקע פּאַלאַצן. די
ביימער זענען אָבער אַלץ
די זעלביקע. זיי קומען מיר אַנטקעגן
קילע, טרויעריקע און פרעגן



ביי מיין שאָטן: וואָס טרובעט ער אַזוי?
צי איז אַ שרפה אויסגעבראָכן
אין סעגאַלס מיל? אויף דער לינקער
זייט
איז אונדזער שטוב. זי הערט
ווי ס'רעדט דער פלוימענבוים פון
שלאָף. מיין ברודער
האָט שוין צוגעמאַכט די לאָדנס.
(פון דער פּאָעמע „אָוונט")

און באַנעמט אויך, ליבע פריינט, צוזאַמען מיט מאַטעס אַליצקין, זיין נישט קענען (וואָס איז, אייגנטלעך, אויך זיין באַוווּסטזיניקן נישט ווילן) באַפרייען זיך פון זיינע נשמה־וואָרצלען, וואָס כאָטש פיזיש איז ער אין ניו־יאָרק, אין סאַמע ווירוואַר פונעם אַמעריקאַנער מולך, שטעקן זיי אין טריסק. באַנעמען מיר אים — באַנעמען מיר גלייכצייטיק זיך, און די אַלע וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק טועם צו זיין פונעם יידישן קערנדיקן לעבן, פאַר וועלכן ס'איז אומזיסט דאָס זוכן אַן עקוויוואַלענט:

גלייב יאָ, גלייב ניט,
אַז ווען איך שטיי אין ברייטן פענצטער
אויפן פערצנטן —
בין איך צוריק דאָס שלאַפע יינגל
אסתר רייזלס.
איך זע די קינדער רייטן אויפן בריקל,
איך בין מקנא זיי
די לאַנגע פאָרן ברעטער,
וואָס אַנטלויפן.

גלייב יאָ, גלייב ניט,
אַז ווען איך זיץ אַצינד געעלטערט
ביי דעם שרייב־טיש —
בין איך צוריק דאָס שטילע יינגעלע
פון טריסק.
איך טראַכט אַ ליד —
פון שיינעם זונפאַרגאַנג.
אַ ליד, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט
געשריבן,
און וועל ניט שרייבן.

(פונעם ליד „גלייב יאָ, גלייב ניט)

פון טריסק (און פון אַלע יידישע טריסקן), נעמט זיך אויך די סענסיביליטעט, דער דינער, דער סאַמע איידלסטער פּאַדעם פון דער יידישער מענטאַליטעט, וועלכער האָט זיך געוואָרעמט אונטער פאַרשמאָלצענע אַרבעטס־בגדים, אונטער טראַדיציאָנעלע קאַפּאָטעס, אונטער סויבעלנע שטריימלעך פון גאַליציאַנער יידישן טראַכט און אונטער די קיילעכדיקע היטעלעך פון פוילישן ייד — אומעטום ווו ער זאָל נישט געווען זיין; דאָס ניט פאַרטראָגן קיין עוולה. מאַטעס אַליצקי דרינגט אַריין מיט דער דאָזיקער פאָלקיש־יידישער תכונה אין דער עוולה וואָס פייניקט דעם נעגער פון אָסבאָרן סטריט, און דער נעגער ווערט „אַן אייגענער", אַ נאָענטער. נעמט פונעם נעגער אַוועק זיין שוואַרצע הויט — און עס באַקומט זיך אַ דיסקרימינירטער ייד. און כאָטש אין תוך זענען מיר דערצויגן געוואָרן און געוואַקסן א י ן דער אומגערעכטיקייט, וועלכע איז לגבי אונדז דערגאַנגען ביז אַ הויך־פּונקט — ביז גענאָסיד, און ס'וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז דער ייד ווערט פון נעגערס ליידן נישט נתפּעל, זיי זענען דאָך פאָרט מיט דעם וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען באמת נישט צו פאַרגלייכן, איז אָבער נישט אַזוי. די יידישע נשמה איז סובסטאַנטיוו פילבאַר אויף עוולה — אויף די קלענסטע ווי אויף די גרעסטע — לגבי יעדע עוולה וואָס ווערט באַגאַנגען — קעגן ייד אָדער נישט ייד. דער ייד פילט מיט. זיין עוולה מאַכט נישט קלענער יענעמס ליידן. פאַרקערט — זי מאַכט ער זאָל זי באַגרייפן, בעסער מיטשפּילן.

מאַטעס אַליצקיס פּאָעמע וועגן דעם נעגער פון אָסבאָרן סטריט, הייסט „אַ ווייסע קני", און די עוולה וואָס דער נעגער פילט אויף זיך, קען אונדז אויסזען אַ ביסל משונהדיק. מיר קענען אין זיך טראַכטן: מילא, ליידט ער פון נישט קענען דערגרייכן די ווייסע קני פון דער ווייסער שיינער דאַמע, וועמעס שיך ער פּוצט. אָבער, עס פרעגט זיך: צי נאָר שלאָגן אָדער רויבן באַוועלט? זענען דען עראָטישע ליידן נישט קיין ליידן, ווען דער נעגער פילט אַז נאָר זיין שוואַרצע הויט דערפירט דערצו? פּאָעטיש איז עס אַוודאי אַ שטאַרקער מאָטיוו, אַן עראָטיש־סאָציאַלער. דער נעגער אין מאַטעס אַליצקיס ליד איז אַ שטיק ניו־יאָרקער אָטעלאָ. אַלנפאַלס, ענלעכע אין זייערע ליידן:

גייט דער נעגער פון אָסבאָרן איבער
שטאָט פאַרטראַכט,
און ע זעט: עס איז היינט שוואַרצער,
ווי כסדר, נאַכט
און נאָך שוואַרצער, ווי כסדר, זיינען
זיינע הענט.
נאָר דאָס ליכט אין הויכע פענצטער
העלער, ליכטיקער היינט ברענט,
נאָר פון שטערן איז היינט ווייסער
זייער ציטערדיקער גלי,
און אין הימל הענגט לבנה, ווי אַ רונדע
ווייסע קני.

(פון דער פּאָעמע „ווייסע קני")

עס זעט זיך ביי מאַטעס אָליצקין בולט זייך באַזונדערער פּאָעטישער וועג, נישט אַזוי אין דער פאָרם, ווי אינעם טאָן, אי־נעם באַנעמען. ער באַמיט זיך צו זיין אין דער טעמע — אינעם ליד. דעריבער די פיל אויטאָביאָגראַפישע, פּערזענלעכע מאָמענטן אין זיינע לידער. ער באַמיט זיך נישט צו זיין קיין באַזינגער, נאָר אַ מיט־זינגער, אַן אימאַנענטער. די גרעסטע טייל לידער פונעם באַנד „געקליבענע לידער" האָבן די דאָזיקע גרויסע מעלה, אויך דאָרט ווו עס דאַכט זיך אַ ווײַלע, אַז אָט איז באַפרייט פון פּערזענלעכן מאָמענט:

די וואָלקנקראַצערס ווערן כמאַרעס
שטיין. די כמאַרעס
ווערן וואָלקנקראַצערס. הויכע פעלדזן
ברעכן זיך
מיט קאַלטן בליץ. אין די הימלען
עפענען זיך ברייטע היילן, טיפער
פון די עוועניו. מיליאָנען קילאָוואַטן
שטראָמען אין דער טונקלקייט.
זיי גייען דורך מיין בלוט
מיט וואַרעמער בהלה. דער ערשטער
טראָפּן אויף מיין האַנט
איז קיל.

נישט בלויז ווערט דאָ אַקצענטירט דער אויסערלעכער פּאָעטישער אַספּעקט — באַוווּנדערונג פון דער נאַטור־מאַכטי־קייט, נייערט אויך דאָס זען די וואָלקנ־קראַצערס ווי געטראָפענע קרבנות פון איר; ווי לעבעדיקע, אָנגעגריפענע נפשות, מיט וועלכע דער דיכטער ליידט מיט. ער איז נישט אויסער דער חזיון — ער איז אין אים: „מיליאָנען קילאָוואַטן שטראָמען אין דער טונקלקייט. זיי גייען דורך מ י י ן בלוט מיט וואַרעמער בהלה."

עס איז ערגעץ פאַראַן אַ פּאָעטישע שורה, אין פלוג אַ פּשטותדיקע: „דער פויגל זינגט דורך מיר זיין פרימאָרגן תפילה." אָבער וויפל מאָל איך דערמאָן זיך אין איר, נעמט מיך אַרום אַ נשמה־ציטער פון איר פּאָעטישן אמת. צוליבן „דורך מיר." ס'הייסט, דער פּאָעט וויל כ'זאָל וויסן, אַז נישט בלויז ער באַוווּנ־דערט דעם פויגל, נייערט אַז אויך ער איז אין אים.

מאַטעס אָליצקי איז אינעם ליד, דער־פאַר איז דער לייענער מ י ט א י ם. און דאָס איז אַזאַ מדרגה. אין סך־הכל האָב איך נאָר באַהאַנדלט אין מיין מאמר עט־לעכע פון די פיל מעלות פון מאַטעס אָליצקיס דיכטונג.

---

## באַגריסונג פון ניו־יאָרק פּ.ע.נ. קלוב צו ז. בונין

**דער יידישער פּ.ע.נ.־קלוב פון ניו־יאָרק באַגריסט חבר און קאָלעגע ז. בונין, פּרעזידענט פון לאָס אַנגעלעסער יידישן פּ.ע.נ.־קלוב, און ווינטשט אים צו זיינע 80 יאָר נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן.**

משה שטאַרקמאַן, פּרעזידענט
ש. ד. זינגער, וויצע־פּרעזידענט
ש. אַפּטער, סעקרעטאַר

חיים לייב פוקס
שאול מאַלץ
מלכה לי
ד"ר בידערמאַן



מ. אָליצקי / ניו־יאָרק

## מיר בענקט זיך נאָך אַ יינגעלע פון פוילן

און מיר—
מיר בענקט זיך נאָך אַ יינגעלע פון פוילן,
אַ יידיש יינגעלע אָן פּאהלעך,
אָן לייבצודעקל.
דאָס יינגעלע זיצט צווישן שאָטנס
וואָס אַרוםביימל.
און קוקט אַהער— צום גרויסן בית־המדרש,
און קוקט אַהין — צום שיינעם זון־פאַרגאַנג.
דאָס בעטן אַלטע יידן גאָט
עס זאָל דאָס לייזעכץ בעסער זיין אין קלייטל,
עס זאָל די זעג ניט ליידיק שטיין אין דער סטאָליאַרקע.
דאָרטן —
דאָרטן גייט דער זומערדיקער טאָג שוין שלאָפן.
מיט הייסע גליענדיקע פינגער
שפרייט ער אויס דעם האָריזאָנט — אַ וואַרעמען קאָלירטן
ליילעך.
מאַכט דעם צוקאָפּנס זיך מיט ווייכע קישעלעך
פון וואָלקן־פוך.
אָט — אַ גליענדיקער פינגער
האָט אָנגערירט די שויבן פון דעם בית־המדרש.
אָט — עס שלאָגט אַ שריפה פון די פענצטער.
האָט ער מורא:
דער גרויסער בית־המדרש וועט אַ פלאַקער געבן,
און ס'וועט ניט זיין אַזוי צו בעטן גאָט.
דאָס לייזעכץ אינעם קלייטל וועט ניט ווערן בעסער.
די זעג וועט ליידיק שטיין אין דער סטאָליאַרקע.
האָט ער זייער מורא..
און מיר—
מיר בענקט זיך נאָך אַ יינגעלע פון פוילן,
אַ קליינטשיק יינגעלע, וואָס זיצט פאַרטראַכט
אין גרויסן פאַרנאַכט.
ס'איז פאַרנאַכט אויך דאָרט, אויף יענער זייט בית־עולם,
ווו ער איז קיין מאָל ניט געווען.
אין יענעם גרויסן טאָל ווו ער איז היינט געלאָפן.
און אין דער ווייטער, ווייטער וואַרשע
איז אויך פאַרנאַכט.
דאָרטן ברענען שוין געוויס עלעקטרישע לאָמפּן,

אברהם פּאַט / ניו־יאָרק

# אַלטער עסעלינס „לידער פון אַ מדבּרניק"

פאַראַן אַ קוואַל פון טרערן וואָס בליצט מיט פייער — עסעלינס ליד איז אָנגעשפּיזט מיט אַזאַ בליציקייט. ער מעדיטירט איבער טעג פאַרגאַנגענע און די טראַגיק אינעם אָפּגאַנג. עס גייט אָפּ אין לײדיקייט אַ וועלט און ער חוזקט פונעם אָפּגאַנג. ער שטייט אַ גרייטער אויף דער שוועל מיט אַ צאתך לשלום אויף די ליפּן צו אַ וועלט וואָס קוקט זיך ניט אום. אַ וועלט רייסט בלעטלעך פון קאַלענדאַר, וואַרפט עס אין מיסט און עס „גייט דורך פייער צו גאָט." ער צענעמט די דינסטע געוועבן פון זיין נשמהדיק וועזן און תפילהט אויס אַ ליד.

אין מיטן פון טאַראַראַם און האַרמידער שטייט דער דיטעטער מיט אויסגעפּראַצעוועטע הענט; הענט וואָס האָבן נאָר־וואָס געהאַלטן אַ האַמער און זעג. די הענט טראָגן אונדז אַנטקעגן לידער, „איינגעטונקט אין בליצנשטאָף די פען." (ז' 44). צווישן האַמער־בלעך פלעגט זיין זיידע, מיט טראַכטנדיקע פינגער אויפן באָרד, אויסשעפּן דעם איידלסטן געשפּרעך. (ז' 35).

דער אָטעם פון זיינע אָבות איז אין זיין ריטמישער ליד־איבערלעבעניש. זיין ליד איז אַ צעוויגטע צאַרטקייט מיט דער גראַציע פון אַ הירש, וואָס שטוינט מיט צעפּראַלטע אויגן אין וווּנדער, וואָס עס ווילן דעם יעגערס הענט... אין די לידער זיינען דאָ מאָמענטן ווען עס רייסט זיך דורך אַן אַלאַרם איבער דעם הירש־וווּנדער, ווייל מיר ווערן אויפגעציטערט איבער דער באַגעגעניש צווישן וווּנדער און טויט. דער הירש־וווּנדער קוקט אַרויס פון אַלטער עסעלינס לידער.

אָבער וואָס טוט טויט אויף די ראַנדן פון תנ"ך? —

בלוט אין יעטוועדן אות,
צער־תהומיקע טיפן,
ווערטער פּשוט ווי גראָז
רוישן ווי וועלדער אין סיון. (ז. 27)

וווּנדער האָט טבע צו פאַרגליווערן די חושים און די וווּנדער־רגעס זיינען די סכנותדיקסטע. די נשמהדיקע אינערלעכקייטן ווערן דאַן צענויפגעדרייט אין אַ קאָלטן און ווען דער עלנדער וווּנדער

---

ביז צום הימל.
און מענטשן דאָרטן ווייסן גאָרניט וואָס עס קען געשען
אין פאַרנאַכט.
ער ווייסט יאָ.
ער זעט ווי שיין עס זינקט אַראָפּ די זון
ביים אוהל פונעם אַלטן רבין.
פון די ביימער ווערט אַ גאָלדענע מנורה,
ווי די וואָס איז אַמאָל, אַמאָל געווען
אין רבינס הויף.
ער הערט געניי דעם גאָלדענעם געמורמל
פון די בלעטער.
יאָ, ער הערט אפילו ווערטער, וואָרט נאָך וואָרט.
ער וועט זיי שפּעטער, שפּעטער,
ווען ער וועט זיין אַמאָל אין ווייטער וואַרשע,
אויסדערציילן אין אַ ליד.
אַ ליד פון זיך, אַ קליינטשיק ייִנגעלע
אין גרויסן פאַרנאַכט.



צעוואָקסט זיך, ווערט פון דעם קאָלטן אַ קנויל וואָס שטיקט דעם אָטעם. דער דיכטער זאָגט דאַן:

מ'האָט מיך געלאַדן און איך בין
געקומען
אַ פרעמדער, אַ ווייטער, פון טויזנטער
מײַלן.
באַפּוצט מיט עלנט,
ווי אַ ביזאָן באַשטאָכן מיט פיילן.
אַזוי פיל ליכט פלייצט פאַר די אויגן.

— — — — — — — — — —

בין איך דער ערשטער אויף הירשן־פיס
און לויף מיט מיין קאָלטן —
מיין זעלן־עלנט. (ז. 39)

— — — — — — — — — —

און ווען דער וווּנדער וואַקסט אויס אין „דער נאַכט דער ווייסער" ווערן שטערן פאַרוואַנדלט אין טרערן. אַלטער עסעלין איז זיך טובל אינעם נאַכטיקן וווּנדער:

איך האָב אין די וואָלקנס געזען
מיין זיידן אין טלית און תפילין:
ש־ש — אין מפסיקין,
ברוך הוא וברוך שמו. —
איך וואַרט אויף אַ נאַכט ווען דער הימל
איז בלוי,
שטערן — קרישטאָלענע שויבן,
לבנה פלאַקערט דורך עמבער...
(זייט 110)

— — — — — — — — — —

ער לאָזט אַרויס אַ דעקרעט קעגן ווערטער, וואָס זיינען צענויפגעהאָפטן אין טהרת הלב. — ליד איז אָטעם און דיקציע פון פּאָעטס האַרץ. דאָס אמתע פּאָעטיש וואָרט איז עכט ווי דער אויסשריי פון אַ ניי־געבוירן קינד. אַ ליד דערגייט צו אונדז דורך אויבערטענער וואָס ציטערן איבער דעם ליד. דורך דעם וווּנדער־געפיל ווערט אַ וואָרט־וווּנדער אַנטפּלעקט; עס איז באַזוניקט מיט עכטקייט און די נייקייט פון וואָרט דערגרייכט אונדז מיטן רושם פון ניי־געבוירן לעבן. —

לידער זיינען ווי פידלען אין אַ וואַלד,
דער שפּילער — אייביקער הערמיט.
ס'אַראַ רירנדיקע שיינקייט פון זיי
קוואַלט,
מיין גאַנץ לעבן גיב איך פאַר אַ ליד.
(ז. 44)

— — — — — — — — — —

זיין וואָרט איז ספּאָנטאַנישער אויפן קוואַל פון זיין קרעאַטיוון מקור.

דער דיכטער זאָגט: „ווי גאָט, אייביק איז דאָס וואָרט פונעם פּאָעט. (ז. 45) ער איז באַהעפט מיט וויזיעס איין־מאָליקע און איז טועם אַ נשמהדיק געטראַנק וואָס פאַרשיכורט אים אין זעלבסט־אויפלייז. דורך דעם אויפלייז דערגרייכט ער צום עקסטרעמסטן עקסטרעם און עס ווערט „די פריילעכסטע יללה." (זייט 60).

ער אָטעמט אין זיך אַריין ריטמישע שיינקייט און ווערט פון טרויער אַ צעביסענער. אַלטער עסעלין דערגרייכט אימפּאָזאַנטקייט אין זיין אָריגינאַליטעט. מיר הערן זיין טיפן אָטעם, ווען מיט געצאַמטן פּאַטאָס און קאָנטראָלירטן עקסטאַז, ער דערציילט:

נאָר געווען זיינען אויך ראַנדשוועז
אין קוסטן, וווּ לייב וועט ניט רוען.
לייב און לייב און בלוט ווי קאַרעלן —
דערנאָך אַ פּאַטאָס פון שווייגן.
ווי דורך אַ פאַרנעפּלטן פילם
פיר אויגן דורך טרערן —
און אין האַרץ אַ געבעט ווי אין תהלים.
(ז. 61)

— — — — — — — — — —

אַלטער עסעלין ברענגט זיינע זעונגען אין באַוועג. „לידער פון אַ מדבּרניק" איז דאַכט זיך ניט דער געהעריקסטער נאָמען. זיינען אין אַ מדבר מעגלעך אַזוי פיל רייכע באַוועגלעכע זעונגען און געמעלן? — קאָן אָבער אויך זיין, אַז עס טראָגט בלויז אויף זיך דער חותם ווי אַ מדבּרניק און אויך דערפאַר אַזאַ התפּעלותדיקער אויפפּראַל. דערפאַר פאַרפאָלגט אים אַ ווויסט געוואָי און אויך גאָטס מדבריותדיק בייז פּנים.

ווען דער דיכטער ציט פאַנאַנדער די יריעות פון זיין זעונג, קומט אַ דראָענדיקער פינגער אים אין די אויגן און ער ווערט דאַן צוריק אַ מדבּרניק. ווען דער שלל מיט ליכט גייט אויף מוז ער זיך פאַרשטעלן די אויגן.

זיינע אַנגליציזמען פאַרמאָגן אַ חנעוודיקן קנייטש. זיינע גראַמען און ליד זיינען אין שלימותדיקער אויסגערונדיקטקייט און מיט שטילקייט פאַרצויגן. די מאָרבידישסטע הינטערגרונטן זיינען באַ־

## אַלטער עסעלין / מילוואָקי, וויס.

# צוויי לידער

## מעטאַפאָרן צו אַ תפילה

פּרווו מיך אויס ! ענדער מיין געשטאַלט !
פאַרקרים מיך ווי אַ דינעם שטראַל אין טייך !
איך וויל ניט זיין אַ שטאָלצער דעמב אין וואַלד
און גלאָצן הויך מיט אַלע דעמבעס גלייך.

דערהייב מיך ווי אַ פעדער צום זעניט,
פיל מיך אָן ווי אַ טריפנדיקן שוואָם ;
פון לייט וואָס זעען און דערזעען ניט,
באַהאַלט מיך אין אַ תהום.

פאַרפלאָנטער מיינע וועגן אין זיג־זאַג —
מאַך שווערער נאָך מיין מאַטערן זיך דאָ,
ווי קאַפקאַ אין זיין טורעם־טרוים אין פראַג,
ווי ישראל שטערן אין זיין פיין צאַנקונג־שעה.

---

שפריצט מיט העלקייט. די העלקייט וואָס גייט אויף פון זיין ליד איז דער אויפשטייג פון זיין וווּנדערלעכע הומאַנישע אימפּאָזאַנטקייט.

זייער בולט לאָזט זיך דאָס מערקן אין זיין צייכענונג „אַן אָקס אין שניי.״ נאָך דעם ווי דער דיכטער גייט אַדורך פּרטימדיק דעם טראַוועלאָג פונעם אָקס אויפן וועג צו דער קו, האָט גאָט פאַרלייגט דעם וועג מיט אָנגעהורבעטע קופּעס שניי, און —
—
שניי פאַרדעקט שוין זיין הייסן,
שווייסיקן רוקן.
באַטאַפּט שוין די גריווע.
די אויגן שיסן צאָרן, אַנגסט און מורא,
די נאָז שמעלצט לעכער אין שניי.
אַ לעצטער גרוילִיקער רעווע :
מ—ע—א—ו—ו— !
ער אין שוין אין גאַנצן פאַרדעקט.
בלויז די אויערן שטעקן
ווי צוויי פאַרגליווערטע טויבן.
(זייט 75)

די צוויי לעצטע שורות צייכענען אָפּ מיט דיכטערשער מייסטערשאַפט דאָס לעבן און טויט פון אַן אָקס.

עסעלינס וואָרט איז אויסגעבאָדן אין קרישטאָל־ריינער ליבשאַפט פאַר לעבן. ער האָט גרונט־טענות צום גאַנצן סדר־עולם, וועמעס אויגן זיינען צוגעוווינט זיך צו דערנענטערן מיט טויט. מענטשן פאַרוואַנדלט אין משחיתים צעטראָגן אַ טויט־געשריי איבער אונדזער ערד און דער דיכטער וויל נישט אַנדערש, אַז דער בית־דין און יוצר של מעלה זאָל צוגעבן:
וואָלט איך בעסער געוועסט
געליימט ווערן איידער איך האָב
אייך באַשאַפן. (ז. 85)

— — — — — — — — —

ער איז אָבער בכוח די ביטערקייט צו פאַרוואַנדלען אין שטיל־צאַרטן פידל־קלאַנג. אין צענטער פונעם בוך „לידער פון אַ מדברניק״ שטייט אַ פּאָעט, וועלכער איז באַשטראַלט מיט אַן עסטעטיק ווו דער הומאַניזם אין אין פולן צעבלי.

איך שליס זיך אָן מיט ד״ר א. מוקדוניס זאָג וועגן דעם בוך מיטן ביבלישן „של בעליך.״ אַלטער עסעלין האָט דערהויבן זיין ליד צו עטישער עסטעטיק. דאָס איז פּאָעטישע שלימות, וואָס קאָן אויך געבן אַ זין צו אַ וועלט, וואָס דאַרף זיך גרייטן צום יום־הדין.



מעק אויס מיין נאָמען, גאָט, וואַש אָפּ,
ווי גראָבער רעגן — פלעקן אויף אַ שטיין,
איידער מ׳זאָל זאָגן אַז איך האָב
גענערט מיט פלאַכזין דעם המון.

## צום פינקלער פון הימלשן עלנט

מיר ווילט זיך אַ פלי טאָן צו שטערן פון צפון,
וואָס שפּילט זיך מיט דימענט און לאָזט מיך ניט וואַך זיין, ניט שלאָפן.
איז שמחה און שלווה אין טורעם ביי אים דאָרט ?
געדענק איך אַ סטראָפע געפּליסטערט צו אים האָט
דער פרינץ פון טיטאַנען :
"Would I were as steadfast as Thou art" (*)
אַ טעות, מיין ליבער, איך זע עס פון דאַנען.
אויך ער איז געפאַנגען, אויך אים האָט פאַרנאַרט
דער פאַטום — אויף קיין מאָל ניט אויפהערן שטראַלן.
מיר דאַכט ער וויל פאַלן.
מיר דאַכט ער איז מיד פון דער טאָפּעלער ראָליע :
בלענדן מיט ליכט און שפרייטן נאַכט־מעלאַנכאָליע.
אָט זאָל נאָר אַריבער די כמאַרע פון עמבער
און איך וועל אַ שפרונג טאָן — אַ לעמפּערט, אַ לעמפּערט !
צום „מידאַס״ — דער שטערן פון צפון.
מיט אָפענעם צאָרן אַ פרעג טאָן :
ביסט עלנט און איינזאַם ווי איך אין דעם העק דאָ,
וואָס קרימסטו מיך איבער און לאָזט מיך ניט וואַך זיין, ניט שלאָפן?

---

(*) דזשאַן קיטס.

### איך באַגריס מיין לאַנג־יאָריקן חבר און פריינד, דעם דיכטער ז. בונין

ערשט ניט לאַנג צוריק אַרויס פון שפּיטאָל, ווו זיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר, שטייט ער ווידער אויף זיין פּאָסטן און גיט אַוועק אַזוי פיל צייט און ענערגיע פאַרן „חשבון״ זשורנאַל. אויסער מיין לויב ליטעראַרישע שאַפונגען, וויל איך אים אויך לויבן פאַר זיין דערציען זיינע קינדער אין זיין גייסט.

לאַנגע שעפערישע און געזונטע, גליקלעכע יאָרן צוזאַמען מיט אונדזער אַלעמענס באַליבטער יעטאַן, אָמן.

**ווילי שאָר**

מלכה חפץ טוזמאַן

# ז. בונין צו זיינע אַכציק יאָר

ווי אַזוי לויפט מען דורך יענעמס אַכציק יאָר?

פערציק פון זיינע אַכציק יאָר קען איך בונינען, דעם גוטהאַרציקן מענטש, וואָס איז אַלע מאָל גרייט צו טאָן אַ טובה אַ פריינד און אפילו ניט קיין פריינד, ווייל גוטסקייט איז אין זיין טבע — קומען וווּ מען דאַרף מיט אַ וואַרעם וואָרט און טאַקע מיט אַ באַהילפיקער האַנט, אָפט אַריבער זיינע מעגלעכקייטן... אָט אַזאַ קענען מיר בונינען.

נאָר מיר דוכט אַז איך קען אים אַ סך לענגער: אָט זע איך אים אַ באָרוועסן אין אַ ווינטער טאָג אַרויסקוקן דורכן פענצטער מיט פאַרבענקטע אויגן, צי קומט שוין ניט די עלטערע שוועסטער פון גאַס. ער וועט אָנטאָן אירע שיך — די איינציקע פאָר שיך וואָס איז פאַראַן אין שטוב — און אַרויסלויפן אין דרויסן זיך אַ קוליע טאָן אין שניי. איך זע אים ווי אַ פאַרחידושט יינגל ביים קאַסטן ווו ס'ליגן זיין טאַטנס געלעגנהייט־לידער. ער לייענט זיי פאַרבאַהאַלטענערהייט און פאַרגעדענקט זיי אויף אַלע מאָל. איך זע אים ביים סטאָליער אין־דער־לערן. איך זע אים מיט צעריסענע שיך אין פראָסט און אין שניי לויפן אַ גאַנג פאַר דער באַלעבאָסטע. און אָט שוין דערלעבט די גרויסע זכיה צו שטיין אין וואַרשטאַט ביים שמעקעדיקן געהילץ. סאַ נחת! ס'אַ שמעקעדיק לייב ס'האָט דאָס ווייסע, ראָזע געהילץ! די זינגעוודיקע זעג ציינערט אַרויס גאַנצע בערג פּאַלעווינעס (האָלץ־זעגעכץ) און ס'איז גוט און וואַרעם צו שטיין ביז די קני אין אָט דעם ראָזן פיל אָדער שטויב. פון דער הובל טאַנצן אַרויס דיניקע, דורכזיכטיקע, שמעקעדיקע סטרוזשקעס, אָט ווי די קרייזלעך ביי דער באַלעבאָסטעס טעכטערל פון וועמען ער חלומט ביינאַכט אויף דער הימל־בעט און קיך־ווינקל. איך זע אים אַן אונטערגעוואָקסענעם בחורל, וואָס האָט זיך זייער פרי אויסגעלערנט לייענען און שרייבן מיט אַזאַ שיינעם „פּאָטשעראָק"— געירשנט פון זיין טאַטן דעם מלמד. און אָט לערנט ער שוין אַנדערע אָרעמע אַרבעטער־יינגלעך לייענען און שרייבן...

און אוקראַינישע לידער גייען שוין אַרום פון וואַרשטאַט צו שניידער־שטובן און פון גאַנעק צו גאַנעק, ווו ס'זיצן פאַרבענקטע מיידלעך און ציען האַרצרייסנדיק ליבע־לידער. דער יונגער זוסיע איז אויסגעוואָקסן הויך, געזונט און שיין און דערצו מיט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער אַרבעט, לייענט און פאַרגעדענקט. לייענט רוסישע און יידישע לידער און ראָמאַנען און פאַרצייכנט שוין אַליין אַ שורה, אַ פערזש ביז צום פריזיוור־שטיין, און — אַמעריקע.

זיין חלום אויף דער שיף: באַלד ווי ער קומט אָן קיין ניו־יאָרק, לאָזט ער זיך אַוועק אויפזוכן דעם דיכטער פון „דאָן און דאָניאַ" און טאַקע אויך דעם דיכטער פון„הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן." ער ווייסט נאָך ניט אַקוראַט ווי אַזוי ער וועט דאָס טאָן.

ער וועט זיי זאָגן אַז ער קען זייערע לידער אויף אויסנווייניק. און אפשר וועט ער אַריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן זיינע אייגענע לידער... ער האָט שוין אַ גאַנצן פּאַק אָנגעשריבן.

ווי אַזוי־זשע איז ער גאָר פאַרוואָרפן געוואָרן אין טעקסעס? ער איז דאָך געפאָרן קיין אַמעריקע... געמיינט אַז אַמעריקע איז ניו־יאָרק.

טעקסעס. פרומע פּרימיטיווע גויים. עטלעכע אָפּגעשטאַנענע יידישע משפחות: אָרעמע קרעמערלעך, שמאַטע־קלייבערס און לאַטוטניקעס, אַ שולעכל און אַ רבילע אין צלם פון די באַלעבאַטים. אָט דאָס איז אַמעריקע?

בונין קומט אַרויס פון צוויי יתומים... זיינען יתומים געוואָרן אים גורלדיק פּונקט ווי ער וואָלט צו דעם געווען באַשטימט: לעבעדיקע יתומים, אמתע יתומים, פרעמדע יתומים און שפּעטער — אייגענע יתומים — ווי קלעטער־בלעטער זיינען זיי יאָרן געהאַנגען אויף אים. און אויך שוועסטער עגונות און גרושות. צוזאַמען מיטן שווערן קאַסטן אַרבעט־מכשירים טראָגט ער זיי אַלע אויף זיך. ווי אַזוי־זשע צווינגט מען אַרויס אַ שמייכל פון אַ באַרג צרות? ווי אַזוי שלאָגט מען אַרויס אַ געזאַנגל פון אַ באַרג יסורים?



בונין בייגט זיך — אָט ברעכט ער זיך איין, ער גלייכט זיך אויס און פאַרפירט ליבעס און ברעכט אַ האַרץ און האָט שוין אַליין אַ צעבראָכן האַרץ, נאָר ער שמייכלט, לאַכט און זינגט און פאַרשרייבט וואָס אים איז אויפן האַרצן. און מיר קענען אים איצט ווי ז. בונין דער דיכטער.

דורך די אַלע יאָרן הער איך אים זאָגן: „איך האַלט זיך ניט פאַר אַ שרייבער" און ניט האַלטנדיק זיך פאַר אַ שרייבער, האָט ער דערווייל אַרויסגעגעבן צוויי ביכער לידער און פּראָזע: „געזאַנג פון מיינע טעג" 1950, און „פון פרילינג ביז האַרבסט" 1966. אויף זיין אייגענעם אופן האָט ז. בונין צוגעטראָגן זיין חלק צו דער יידישער ליטעראַטור.

איך האָב היינט אין צער
און מיט ציטערדיקער האַנט
אָפּגעריסן פון קאַלענדאַר
דאָס לעצטע בלאַט.

אויפן וואַנט געבליבן איז
אַ ליידיק, בלאַנקער טאָוול —
אַן אָבל
נאָר די בלעטער פון יאָר
טויזנט ניין הונדערט און זעכציק צוויי
וואָס זיינען אויסגערונען ווי
צעגאַנגען שניי.

פּשוט. נאָר ווער פון אונדז איז ניט געשטאַנען אַ ווייַלינקע ביים לעצטן בלעטל פון קאַלענדאַר, ביים סוף פון יאָר און ס'זאָל זיך ניט עפּעס אַ ריר טאָן אין אונדז מיט באַדויער, מיט אַ קאַפּעטשקע טרויער: שוין ווידער אַוועק אַ יאָר... דאָס איז אַ ליד אין איר נאַיוווסטער, ערלעכער פורעם. מען לייענט עס איבער און פון זיך אַליין פאַרמירט זיך אויס אַ שמייכל און אַ שטילינקער זיפץ. בונין איז דורכויס אינטים אין זיינע לידער. עראיז איכיק. און איכיקייט איז גענייגט צו נאָסטאַלגיע. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין ליד איז אָפענע ערלעכקייט. ער זאָגט פּונקט וואָס ער וויל אויף דעם איינגעפונדעוועטן אופן. ער קען דעם וועג און גייט אויף אים ניט מאַכנדיק קיין אָנשטעלן מען זאָל אים נאָכלויפן און כאַפּן. „איר דאַרפט ניט לויפן נאָך מיר" דוכט זיך אַז ער זאָגט, „אָט בין איך און איר קענט מיר דערלאַנגען די האַנט." אַזוי איז ער מיט זיך און אַזוי איז ער מיטן לייענער. אַז ער דערמאָנט זיך וועגן עפּעס וואָס איז מיט אים, אָדער אים געשען, זאָגט ער אַזוי:

לאַכט אייך אויך פון דער לבנה בלאַסער,
פון אַ נאַכט אַ שטילע אידיליע. לאַכט.
אין אַזאַ בלויער אוקראַינער נאַכט
האָט דאָס שענסטע אין מיר דערוואַכט
און עס האָט מיין האַרץ דערפילט
אַזאַ פריידיקן פלאַטער:
איך גיי דאָס ערשטע מאָל מיט אידאַן
אין אוקראַינישן טעאַטער.

אָט אַזוי האָט ער אונדז דערמאָנט אַז אַ מאָל האָט די פּאָעזיע זיך געקלאַמערט אין דער בלאַסער לבנה און אין נאַכטיקער און דער לייענער טוט אַ שמייכל ניט מיט ווינציק דאַנק פאַר אַרויסשטעלן אַ ביסל שטילע, ווייכע זיסקייט פון דער פאַרגעסנקייט.

און ווי זאָגט דער פראַנצויזישער פּאָעט
לואי אַראַגאָן:
„זאָל שעמען זיך ווער ס'בענקט ניט
נאָך הימלבלוי,
שעמען זיך דער וואָס ס'קאָן ניט מער
אַ קינד אים רירן,
ווער ס'קאָן ניט מער אַ טרער דערשפּירן
פאַר עפּעס אַ געזאַנג אין גאַס,
אַ בלום אין טוי."

מיר זעען בונינען מיט אָט דער אינטימיטעט אין אַ סך פון זיינע לידער. צום יאָרצייט פון אַ ליבן נאָענטן מענטשן, ווען ער שטייט ביים מצבה־שטיין און זאָגט:

איך האָב פאַרנומען דאָס געוויין
פון דיין פאַרשניטן נאָמען
פאַרקריצט אויפן טויטן שטיין.
ניין.
ניט דער שטיין —
דאָס האָט מיין האַרץ געוויינט
און איך, דער נאַר, האָב געמיינט
דער שטיין האָט געוויינט.

אָדער ווען ער זאָגט:
אין שוואַרצן טו זי זיך אָן
און מיט ווינענדיקע הענט
אַ ליכט צינד אָן
און מאַך אַ ברכה
להדליק נר של שאָטן
פון אַ פלאַם וואָס האָט אַמאָל געברענט
— מוז מען ווערן געריררט ביז טיפן זיפץ
און לויטערע טרערן.

ווען ז. בונין שפּאַנט אַרום אין ישראל, ווען ער שטייט אויף הר הכרמל טוט ער זיך אַזוי אַ זאָג:

שטיי איך אַזוי ווי פאַרכישופט,
באַגייסטערונג נעמט מיך אַרום.
איך וויל עפּעס זאָגן און קאָן ניט,
מיין מויל בלייבט פאַרשלאָסן און שטום.
פּלוצים דערהער איך אַ שטים
ווי ס'וואָלט עמעץ גוטמוטיק געלאַכט:
זוכט פּאַסיקע ווערטער, בן אָדם,
אַ ליד האָסטו שרייבן פאַרטראַכט?

שטיל ווי דער באַרג, ווי די גראָזן
פאַרנעם דעם אַרום — מיין באַשאַף,
און אונטער געשטערנטן הימל
אין שוויגן קוק אָן און פאַרגאַף.

דאָ דערקענט בונין די הילפלאָזיקייט פון ליד אין פּנים פון דעם גרויסן געשעען, דאָס געשעען וואָס רופט זיך ישראל. דאָ באַדאַרף מען נאָר שוויגן און גאַפן. און ער שוויגט. דאָס קען נאָר טאָן די ערלעכקייט אַליין. אונדז איז ליב צו הערן דאָס וואָס בונין כאַפּט אויף אויף זיינע שפּאַצירן אין ישראל. מיר זעען ממש ווי ער וויל זינגען און אפילו טאַנצן אין גאַס. שפּאַצירנדיק כאַפּט ער אויף די יום־טוב שטימונג אין צוויי ווערטער: „חג שמח", און די צוויי ווערטער זיינען אָנגעלאָדן מיט דער פרייד פון זיין אַ ייד אין אַ יידיש לאַנד:

ס'איז יום־טוב פון זמן חרותנו,
דאָס פּנים פון יעדערן שטראַלט
און וועמען אין גאַס דו באַגעגנסט
אָן אונטערשייד, יונג אָדער אַלט,
איז — שלום. חג שמח.

פון פענצטער און טירן עס טראָגט זיך
פון יום־טוב מאכלים דער ריח
הגדה של פסח געזאַנגען:
שלום. חג שמח.

כאָטש בונין האָט זיך לעצטנס גענומען אַ „קעפּסוויב"— די פּראָזע, און כאָטש די פּאָעזיע איז זייער אַן אייפערזיכטיקע דאַמע, איז זי אים דאָך פאַרבליבן געטריי. זי גיט זיך אים איבער אין פיינעם הומאָר און אין זינגעוודיקן ריטעם. ער שפּילט אויס זיינע עמאָציעס אויף זיין אייגן פייפל — דאָס פייפל פון געפיל און האַרץ און אינטימער זינגעוודיקייט.

דאָס לעבן איז קיין מאָל ניט גאָר פריילעך און אויך ניט גאָר טרויעריק ביי בונינען. ער קען אויף זיין אייגענעם שטייגער זיין שטיפעריש און גאָר אומדערוואַרט זאָל אַ קלעם טאָן ביים האַרצן זיינס אַ טרער.

אַ מוסטער פון דעם איז זיין ליד: „חלום אויף וואָר":

געוויינטלעך שטים איך מיט מיין פרוי
כמעט אין יעדער זאַך גענוי
דאָך טרעפט אַמאָל מיר מוזן זיך צעגיין
ווען איך זאָג יאָ און זי זאָגט ניין.

אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש
און טוט אַמאָל אַ נאַרישקייט באַגיין—
אַ האַנדלונג אַ ניט טאַקטישע וכדומה.
זאָג איך צו מיין פרוי:
ווייסט, מיין טייערע,
איך בין אַ פּנים פאָרט אַ בהמה.
זאָגט זי „ניין".
אַזוינס האָט זי נאָך קיין מאָל ניט געהערט.
עס קען אַ מאַן ניט זיין קיין בהמה.
אַ מאַן, זאָגט זי, קען זיין אַ פערד.
זע איך דאָך אַז זי'ז במעט ביים וועג,
ווייל בעת מיינע וווילבאַקאַנטע
האָבן „פּראָפּעטי", „טענערס" און „רילעסטייט"
איז ביי מיר נאָך עד היום
אַ ליד, אַ שורהלע אַ שענערס
האָט מער די ווערט ווי „פּראָפּעטקעס"
מיט צען טויזנט „טענערס".

קומט דאָך אויס אַז מיינע זאָל געזונט זיין
איז שוין באַלד גערעכט.
נאָר איך בעט אייך,
האָט ווער געהערט, געזען
אַ פערדד זאָל חלומען און וויינען,
וויינען דורך די נעכט?



ז. בונין

# אָפּקלייב פון לידער

## דער טאָג פון רעכענונג

הערי און דזשעני שער

וואָס איז דאָס? וואָס זע איך מיר קומען אַנטקעגן?
ווער שלעפּט זיך פאַרוואָרלאָזט אויף חרובע וועגן
מיט פּאַק אויף דער פּלייצע און קינד אויף דער האַנט?
נאָרוועגיער? בעלגיער? טשעכאָסלאָוואַקן?
צי אפשר גאָר „יודן־פאַרדאַמטע", פּאָליאַקן,
געטריבן פון היים און פון אייגענעם לאַנד?

איך קוק אויף דער מחנה און זע — איך וואָלט שווערן —
דעם צייכן פון קין ביי זיי אויפן שטערן...
דאָס זיינען דאָך בירגער פון „דייטשישן שטאַם"!
ווי פילט זיך עס לויפן פון הונגער, מגיפות,
אין שרעק און פאַרצווייפלונג, פון העלישע שריפות?
אָ, „דויטש איבער אַלעס", פאַרזוך איצט דעם טעם!

עפנט נאָר אויף אייערע קלומקעס און פּעקלעך
געפּאַקטע מיט קליידעלעך, שיכלעך און זעקלעך
פון קינדער דערמאָרדעט — מתנות פון פראָנט;
קיין צייט ניט געהאַט נאָך די בלוטיקע פלעקן
אַרונטערצוואַשן — דעם מאָרד צו פאַרדעקן —
עס שרייט זייער בלוט נאָך צו אונדז און עס מאָנט!...

קוקט אָן די פאַרשוואַרצטע פון רויך האָריזאָנטן:
דאָס ברענען קיין סטעפּעס אויף רוסישע פראָנטן,
נאָר דייטשישע שטעט אין דער לענג און דער ברייט.
מיר קומען מיט טאַנקען, מיט פלאַם פון קאַנאָנען —
אַ חוב צו באַצאָלן — אַ רעכענונג מאָנען
פאַר מענטשן וואָס איר'ט אין מיליאָנען געטויט!

---

דאָס „חלומען און וויינען דורך די נעכט" איז דאָס אומגעריכטע אין בונינס שטיפערישן ליד. אָט ערשט האָבן מיר צוזאַמען מיט אים געשמייכלט, געלאַכט און שוין ביי דער לעצטער שורה ווערן מיר שטיל און אַ ביסעלע טרויעריק; קליגלען זיך און איבערקליגלען דעם ביטער פון די טעג און נאָך דעם אין דער אַליינקייט מיט זיך וויינען דורך די נעכט...

אָט אַזוי גייט בונין זיין אייגענעם באַשיידענעם ערלעכן וועג אין זיין ליד, און מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך שעפערישע, גוטע יאָר, און מנוחה צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי איטקע.

עס קאָן שוין קיין געבלס באַהאַלטן די נייעסן:
עס שלאָגט זיך די רויטע אַרמיי שוין אין פּרייסן!
אַמעריקע,ענגלאַנד דעם רהיין שוין באַשוועלט...
ניט קיין אַרמייען פון מערדערשע קריגער!
מיר קומען צו אייך ווי גערעכטיקע זיגער
און ברענגען אַ טרייסט דער פאַרפייניקטער וועלט.

מיר קומען צו אייך ניט ווי רויבער און שענדער,
ווי איר זענט געווען אין צענדליקער לענדער.
מיר קומען צו אייך מיט פלאַמיקער שווערד
אויף אייביק די סוואַסטיקאַ־שלאַנג צו צעשטויבן;
אַז קיין מאָל זאָל מערדערשע האַנט זיך ניט הויבן
מיט בלוטיקער האַק איבער פרידלעכער ערד!

(1945)

# דורך ים־בלאָע הימלען

דורך ים־בלאָע הימלען, דורך זילבערנע וואָלקנס
עס ווערן מרחקים פאַרשלונגען פון „דזשעט".
און לאַנדשאַפטן אונטן, צעאַקערט ווי שרונטן,
טוליען זיך, נעסטלען צו דערפער און שטעט.

איך טראָג זיך אויף כוואַליעס פון הימלשע הייכן,
אויף אָדלערשע פליגלען פון שטאָלענעם ריז.
שיקאַגאָ, מאָנטרעאל, און איבער אַטלאַנטיק,
און אָט איך דערנענטער זיך שוין צו פּאַריז.

פּאַריז איז אַוודאי דער מקור פון פרייהייט.
די היים פון וואָלטעיר און פון פראַנס אַנאַטאָל.
נאָר ס'פלאַטערט מיין האַרץ ווי אַ זעגל אין שטורעם,
צו גרייכן וואָס גיכער דאָס לאַנד פון ישראל.

אָ, לאַנד פון ישראל, טרוים פון מיין יוגנט,
ניט איין מאָל אין חלום, איך האָב דיך געזען!
אין אונדזער צעזייט און צעשפּרייט זיין דורך דורות,
אין אונדז און מיט אונדז ביזט אין גלות געווען!

(סעפּט. 1960)



# אויפן דניעפּר

רואיק שלאָפט דער שטאָלצער דניעפּר
אין דער שטילער פרילינג־נאַכט;
ביי די זייטן — שורות לאַנגע
ווערבעס שטייען אויף דער וואַך.

און פאַרשפּרייטן שאָטנס־נעצן
איבער טייך דעם גלאַטן, קלאָרן.
שוועבט אַ פויגל שפּעט אין לופטן,
ווי ער וואָלט זיין נעסט פאַרלאָרן.

קומט אַ ווינטל זיך צוטראָגן,
וועקט אַ וועלכל, וועקט אַ צווייטע;
גיט אַ קוש די וואַסער־פלאַכן:
— שלאָפט געזונט — און מאַכט די פליטה...

הייבט דער דניעפּר אָן זיך וויגן,
ציטערט אויף און שטילט זיך איין;
און פאַרהילט זיך אין אַ שלייער
פון לבנה־זילבער־שיין.

אויף אַ פליטע ערגעץ ווייט
האָט ווער אַ פייער אָנגעצונדן;
אויבן האָט זיך די לבנה
דאָ באַוויזן, דאָ פאַרשוווּנדן...

(„קונדס", 1915)

# אַ בילד פון אַן אויל־פעלד

עטעלען

נאַכט —
שאָטנס שוואַרצע שפּרייטן זיך אין גאַסן,
שפּרייטן זיך אין האַרצן טיף...
ס'הערט זיך פון דער ווייט
דאָס סאָפּען פון די קעסלען,
וואָס טרייבן ריזיק־שטאָלענע עגבערס
אין דער ערדס געדערים טיף.
קוואַלט פון דאָרט
דאָס פליסיק „גרינע גאָלד"
אין רערן,
אויסגעמישט מיט מענטשנס
בלוט און שוויס.
און די מיט ליכט־באַדעקטע „דעריקס"
אויסגעשפּרייט אויף מיילן־ווייט,
ווי טויזנט ריזן־אויגן —
שטעכן דורך די טיפקייט פון דער נאַכט.
דאָ, אויף טראָטואַרן,
מענגעס גאַנצע שפּאַרן זיך,
ווי אַ סטייע היישעריקן
אָנגעלאָפן פון אַ הונגער־לאַנד:
נעכטן ערשט —
אַ גרין־באַוואָקסן פעלד געווען;
היינט —
ווי דורך אַ שוואַרצן כישוף —
ביידלעך, הייזלעך, קרעמלעך אויסגעוואַקסן.
קומען אַרבעטער און בייטן
שווער־פאַרהאָרעוועטע פּראַצע
אויף :סלאָט־מאַשינען", „ווייב" און ווייַן.

דער האַנדל ברענט:
עס גייט דאָ אַלץ אין קאָן:
— אַן „אויל־בום"!
„דרילערס" ברודיקע און מידע,
מיט אויל־פאַרשמירטע פּנימער און
קליידער;
פרויען עלטערע און נאָך גאָר יונגע,
— כמעט קינדער —
מיט אויגן און באַוועגונגען
וואָס שרייען: „צום פאַרקויף"!
ציען זיך אויף באָרגער „פּראָמענאַדע".

און אין אָט־דעם געדראַנג
שאַרן זיך מיט טריט ניט זיכערע
צוויי בלינדע,
מאַן און ווייב:
ער — מיט אַ גיטאַר;
זי — אַ קווערטל טראָגט פאָרויס,
און כריפּען אין דער וויסטער נאַכט אַריין:
„ווען יו ענד אַי ווער יאָנג, מעגי."
און דער עולם וואַרפט אין קווערטל
גראָשנס פאַר אַ ניט־געלעבטן לעבן,
און פאַר אויגן אויסגעלאָשענע —
מטבעות.

מישט זיך אויסי דאָס כריפּען זייערס
מיט דעם סאָפּען פון די קעסלען,
מיט דעם רוישן פון די דרילן —
ברענגענדיק מיליאָנען
פאַר יחידים —
פון דער טיפעניש אַרויס!

(באָרגער, טעקסאַס, 1923)

## אַזוי צו זאָגן

איך זאָג אַמאָל אַזוי צו זאָגן:
יעדער קאָן דאָך זען דאָס ליכט
ווען ס'הייבט שוין אָן צו טאָגן...
נאָר דער וואָס זעט דאָס ליכט, די שיין
ווי פינצטער ס'זאָל די נאַכט ניט זיין —
איז אַליין פון ליכט אַ קוואַל,
וואָס ברענגט דער וועלט אַ
האָפענונגס־שטראַל!

איך טראַכט אַמאָל אַזוי צו טראַכטן:
ווער ס'איז בלויז מיט זיך פאַרנומען,
ווייסט פון פרייד (אים קען זיך דאַכטן).
נאָר דער וואָס אָטעמט מיט דער וועלט,
און האָט זיין לעבן איינגעשטעלט
אין קאַמפן קעגן צוואַנג און נויט —
דערהייבט זיך צו דער העכסטער פרייד.

איך שרייב אַמאָל אַזוי צו שרייבן:
דער פּאָעט פון באַרג „פּאַרנאַס",
וואָס פרעמד איז אים דער מענטש פון גאַס
און הייבט זיין פען ניט אין פּראָטעסט
קעגן דער רעאַקציע־נעסט —
איז ווי ער וואָלט זיין ליד געשפּינט
אויף ווייס פּאַפּיר, מיט ווייסן טינט!...

(1945)

## דורך וועלכן זכות

עס איז געווען מיין זיידנס
גרעסטער ווונטש און שענסטער חלום,
ווען אויסלעשן וועט זיך דאָס ליכט
פון זיינע אויגן,
מען זאָל אים
אין זיין לעצטער היים
אַ זעקל ערץ־ישראל־ערד
צוקאָפּנס לייגן.

און מיין טאַטע —
אויף אַ פאַרוואָרפן ווינקל
אין זיין אוקריינישער כאַטע,
האָט דורך די נעכט
ביים אָפּריכטן חצות,
און ביים „על נהרות בבל" זאָגן
אונדזער צוויי טויזנט יאָריקן חורבן
ניט אויפגעהערט צו באַקלאָגן.

און איך—
דורך וועלכן זכות בין איך עס זוכה
אויף פליגלען פון אַלומינום און שטאָל
אין רוים צו פליען
צו אונדזער גלאָררייכן אַמאָל,
צו ירושלים, ירושלים!
צו דורות־לאַנג
אויסגעבענקטן ציון!

(אויגוסט, 1960)

## חכמה און מעשים

(פריי נאָך פרקי אָבות)

אין אָנדענק פון יצחק פרידלאַנד

דער, וועמעס חכמה
שטייגט מעשים זיינע איבער,
צו וואָס איז ער געגליכן דעריבער?
— צו אַ בוים מיט גרינע בלעטער,
צווייגן שיינע,
נאָר די וואָרצלען זיינע
ניט קיין טיפע,
ווי זיי וואָלטן אויפן אויבערפלאַך געלעגן
און קאָנען דערימעך אומגעוואָרפן ווערן
אין שטורעם און שלאַקס־רעגן.

* * *

און דער וועמעס מעשים זיינען
פון זיין חכמה גרעסער,
צו וואָס וואָלט זיין פאַרגלייך געווען בעסער?
— צו אַ בוים מיט קליינע בלעטער,
זיינע צווייגן דאַכט זיך קליין,
און פאַרן אויג צו מאָל ניט איבעריקס שיין
דערפאַר אָבער די וואָרצלען זיינע
פאַרפלאָכטן און פאַראַנקערט
טיף אין באָדן,
און דער שטאַרקסטער שטורעם
ניט רירן וועט פון אָרט אים,
אים ניט נאָן קיין שאָדן.

* * *

און דער, וועמעס זיינע מעשים
און זיין חכמה זיינען גלייך אויף גלייך—
צו וואָס איז זיין פאַרגלייך?
— צו אַ בוים געפלאַנצט ביים טייך,
מיט פרוכט באַלאָדן און געראָטן,
דער וועג צו אים
וועט שטענדיק זיין באַטראָטן!

(אַפּריל, 1966)



פּ. סאַנדלער / ניו־יאָרק

## צוויי נייע ביכער פון מלכה לי

**א) אונטערן נוסנבוים, לידער, 108 ז"ז; ב) מעשהלעך פאַר יאָסעלען, 105 ז"ז. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1969.**

מלכה לי איז אַ דיכטערין וואָס איר ליד איז פאַרוועבט און פאַרצווייגט מיט אַלץ וואָס לעבט. זי איז ניט אָפּגעריסן פון לעבן, און אַוודאי ניט פון יידישן. זי איז פון די דיכטערינס וועלכע האַלטן ניט פון אָפּזונדערן זיך, פון שטעלן זיך העכער פון פאָלק, פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. זי זינגט איר געזאַנג פאַרן פאָלק. איר זוניקער צווייג און די צעגרינטע און בונטע פירות טראָגט זי דעם פאָלק אַנטקעגן ווי אַ מתנה פון איר האַרצן, ווי אַ דאַנקשאַפט פאַר דעם טאַלאַנט מיט וועלכן דער באַשאַפער האָט איר באַשאָנקען.

ש. ניגער ע"ה האָט אַ מאָל געשריבן, אַז די„ פּאָעזיע פון מלכה לי — אַן עכטע איז זי! עכט זיינען די פעדים, די ליכטיק־לירישע, וואָס פאַרשפּינען, פאַרוועבן זי מיט דער אַרומיקער וועלט, מיט אונדז אַלעמען..." און ווייטער: „נאַטור און נאַטור־קרעפטן, ליבע, ליידנשאַפט, מוטערשאַפט, געזאַנגען, געוויין — מיר קערן זיך אום אין מלכה ליס לידער צו אָט די אַלטע, צו אָט די אייביקע מאָטיוון, מיר געניסן זייער ניט פאַרבייגייענדיקע פרישקייט."

צו אָט־די מאָטיוון, וואָס ביגער רעכנט אויס, דאַרף מען צורעכענען נאָך אַנדערע: ליבשאַפט צו פייגל, ביימער, שניי, פריש־געשניטענע פעלדער, צום וואַלד און נאַטור בכלל. אַ „פריש געשניטן פעלד" זינגט זי אין „אונטערן נוסנבוים", „שמעקט ווי אַ פריש ליד. / אַ פויגל פליט און טראָגט אין מויל / אַ ליד פון פריש געשניטן היי."

אירע ביימער זיינען ניט בלויז געוויקסן, נאָר אויך די טרעגער פון יאָרן, ווי דער מענטש וואָס טראָגט זיינע יאָרן אויף דער עלטער: זי זינגט וועגן אַ בוים אַזאַ אין וואַלד, וואָס איז דער שענסטער בוים פון אַלע ציטן. „אונטער יענעם בוים איך זיץ, /פייגל צו די הימלען שוועבן. / אין זיין קאָרע ליגט פאַרקריצט / דורות פרייד און ערלעך לעבן. / ס'איז דער בוים מיט זאַט / דורכגעברענט מיט שטורעם־בליצן, / נאָר יעדער צווייג און יעדער בלאַט, / אין אייביקייט אַ ליד וועט קריצן."

און מאָטיוון פון אַלמנותשאַפט, וואָס „געווען זיינען זיי קיניגינס געזאַלבטע/— דער מאַן האָט זיי געטראָגן אויף די הענט —/איצט זיינען זיי צעבראָכענע, צעהאַלבטע / און פילן זיך פאַרלוירן און פאַרשעמט." דאָס איז אַ טעמע וואָס איז ווייניק דאָ אין אונדזער ליטעראַטור און מלכה לי קערט זיך אום צו איר מערערע מאָל.

מלכה לי איז שוין עולה רגל געווען אין ישראל אַ פּאָר מאָל און פון יעדער צוריקקער האָט זי געבראַכט אַ בענקשאַפט, אַ טיפערע באַהעפטונג און האַרציקע, ציטערדיקע געזאַנגען, לידער וואָס זינגען און באַזינגען די "מאַמע ציון." אפשר איז דער אויסדרוק אַ ביסעלע אַלטמאָדיש. אָבער טעכטער וואָס די מאַמע איז זיי זייער ליב, ריידן אַזוי צו און וועגן דער מאַמען. און מלכה זינגט, און שעמט זיך ניט צו זינגען, אַז „ווי אַ טאָכטער פאַלט צו צו איר מאַמען, / בין איך צוגעפאַלן צו דיינע שטאַמען"...

און אַז „אירע טרערן גיסן זיך צוזאַמען/ „ווי אַ טאָכטער פאַלט צו איר מאַמען, / בין איך צוגעפאַלן צו דיינע שטאַמען," מיט איר מאַמעס ניגון, / וועלכע פלעגט איר פאַרוויגן אין איר קינדיש וויגל,/ מיט דעם ניגון פון מאַמע ציון."

איך בין געפלויגן צו דיר, מאַמע ציון,
איך בין דאָ געווען נאָך פאַרצייטן.
מיט דיינע שעפעלעך און פאַסטעך
פלייטן,
געחלומט האָב איך פון דער ווייטן.
אָ, מאַמע ציון, עפן דיינע טויערן —
דיין טאָכטער איז דיר ניי־געבוירן.

אַ ניי־געבוירענע מלכה לי איז זי, די זינגערין פון עם ישראל חי. דאָס געבורט פון ישראל האָט זי באַנייט, זי איז ניי־געבוירן, און זי האָט מיט דעם ניגון פון ישראל דערהויבן איר דיכטונג, דערהויבן

מיט אַ התלהבות, וואָס קומט פון דער סאַמע טיפעניש פון געמיט. אָט־דער נייער ניגון האָט אויך געפירט צו דער יצירה פון „לידער וועגן שבת", און „ערב שבת" און „שבת ליכט", און „שבתדיקע מיידלעך", און „יידן מיט יאַרמולקעס און קיטלען", און „זאָל יעדער טאָג אַ יום־טוב זיין."

פאַראַן אויך אין „אונטערן נוסנבוים" אַ מין אויטאָביאָגראַפיש ליד וואָס הייסט „מיין שטאַם", און אויך אַ פּאָר לידער, וואָס זיינע געשריבן ווי תהילים געזאַנג, אָדער ווי אַ תפילה פון דבורה הנביאה.

גאָט, האַלט איין דיין דונער,
איבער מיין דאַך!
איך בין געשטראָפט —
איך נעסטיק זיך אין דיין זומער
פון צער און צאָרן אויסגעפרווט...

גאָט! מיינע טרערן אויסגעטרונקען
אין שטילן געוויין.
גאָט, זיי מיט מיר, לאָז מיך ניט אַליין.
דיינע רעגן שפּיזן,
טאַנצן אויף מיין דאַך.
זיי בייטשן מיך —
איך בין וואַך.

האָסט מיך פאַר אַ דיכטערין געזאַלבט.
פאַרוואָס האָסטו אין רייפקייט פון מיין
לעבן
מיך צעהאַלבט?
און דו בייטשט איצט מיין געביין,
און אין די לאַגלען רעגן
פליסט מיין געוויין.

* * * * *

דאָס צווייטע בוך מלכה לי'ס הייסט „מעשהלעך פאַר יאָסעלען." 36 מעשהלעך זיינען דאָ אין דעם בוך, און יעדער איינע פון זיין דאַרף באַזונדערס באַגריסט ווערן, מחמת קינדער מעשיות, אָדער בעסער געזאָגט, ליטעראַטור פאַר קינדער גיט מען אַרויס ביי אונדז אַזוי ווייניק, כמעט גאָר ניט. יעדן יאָר ווען עס דערשיינט דאָס יאָרבוך פון יידישן ביכער־ראַט אין די דריי לשונות, יידיש, העברעיש און ענגליש, מיט די רשימות פון דער יידיש־ליטעראַטור וואָס איז אַרויס אין אַלע לענדער ווו יידן לעבן, איינגעשלאָסן מדינת ישראל, רייסט זיך אין די אויגן די שרעקלעכע קנאַפּקייט פון דער קינדער ליטעראַטור רשימה.

מ'זוכט זיך אַליין פאַרענטפערן אַז די היינטיקע יידישע קינדער, וואָס באַזוכן די יידישע קינדער־שולן, קומען פון היימען ווו דאָס אידישע וואָרט איז אין גאַנצן פרעמד, און עס זיינען דערפאַר ניטאָ ווער עס זאָל לייענען יידישע קינדער־ליטעראַטור. אָבער דער אמת איז, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אויסרייד. אָט גייען דאָך אַרויס צוויי קינדער־זשורנאַלן — „קינדער־צייטונג" פון די י. ל. פּרץ קינדער־שולן פון אַרבעטער רינג, און „קינדער־זשורנאַל" פון די שלום עליכם שולן, און זיי ווערן געלייענט פון די תלמידים און תלמידות אין אַלע וועלטלעכע שולן. קינדער־זשורנאַלן דערשיינען אויך אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער און זיי האָבן אויך אָפּנעמערס.

מלכה לי'ס מעשהלעך זיינען געשריבן מיט גרויס פאַרשטאַנד פאַר דעם קינדפאַנטאַזיע. זי דערציילט די קינדער „פאַרוואָס כמאַרעס לויפן אַרום דער לבנה," און „ווי צוויי שוועסטער־ווערבעס זיינען געוואַקסן," אוז פון אַ „קאַרשן־ביימל וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן געדיכטע שוואַרצע ביימער," און פון „גאָלדענע פישעלעך," אוו וועגן „דעם איינזאַמען פיש", און „דער פּאָפּוגיי," און פון „אַ שניי־ווייס קעצעלע" און וועגן יינגעלעך וואָס פאַרבלאָנדזשען אין וואַלד, און וועגן באָבעס און זייערע אייניקלעך, און אויך וועגן קינדערלעך אין ישראל.

כמעט אין יעדער מעשהלע זיינען דאָ פייגל וואָס זינגען לידער, וואָס פליען אַרום און באַגלייטן די קינדער, און טייבעלעך און קעצעלעך, און זון און שטערן און ביימער און שטראַלן, און בינען, און אַ פּרעכטיק מעשהלע וועגן אַ מחנה פייגל וואָס איז צוריקגעקומען פון דער ווינטער־היים אין שטאָט אַריין, און אָנשטאָט ביימער האָבן זיי געפונען אַ שטאָלענעם וואָלקן־קראַצער אין אויפגאַנג. איז וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? זיי האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו דער נייער סביבה.

„אויף יענער זייט הימלקראַצער האָבן זיך אָפּגערוט די פייגל פון שטורעם און פון בלאָנדזשענדיקע וועגן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, געזיכט אַ צווייג ווו אָפּצורוען די פאַרמאַטערטע פליגל.



לייזער מעלצער / אָוקלאַנד, קאַליפ.

# דער מאַגנעס מוזעי אין בערקעלי, קאַליפ.

סוף ווינטער איז די צייט ווען טוריזנטער יידן פון אַלע טיילן אַמעריקע קומען אין קאַליפאָרניע. אַ סך קומען אַהער זיך אָבצוואַרעמען, אַנטלויפן פון שניי און קעלטן אין די איסט און מיטל־וועסט, ווייל דענסטמאָל איז אין קאַליפאָרניע כמעט ווי זומערדיק, איבערהויפּט אין צפון קאַליפאָרניע, באַזונדערס אויף דעם אָוקלאַנד־בוירקעלי זייט פון סאַן פראַנציסקער ים־אויסגוס. דאָ בליען שוין בלומען, מען זעט שוין גרינע ביימער, עס איז וואַרעם און די לופט איז ריין.

זעט מען דאָ טאַקע אַ סך אויטאָמאָבילן מיט אָנגעקומענע געסט און מיט ליצענצן פון פאַרשיידענע שטאַטן, אפילו אַלאַסקאַ. צווישן די טוריזנטער געסט זיינען דאָ טוריזנטער יידן, ווי געזאָגט. מען זעט אַ היפּש ביסל טוריסטן אין טשיינאַ־טאַון אין סאַן פראַנציסקאָ, מע זעט זיי אויף די קייבל־קאַרס וואָס פירן צו "פישערמענס וואַרף"; זיי קומען אויך זען דעם אוניווערזיטעט אין בוירקעלי, צו קוקן אויפן בייז וווּנדער ווי יונגע מענער און פרויען, וועלכע דאַרפן זיין אונדזערע צוקונפטיקע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַטן, אינזשענערן און וואָס ניט, דרייען זיך אַרום איבערן קעמפּוס־באָדן מיט די לאַנגע האָר, פאַרוואַקסענע בערד, אָפּט אָן שיך, און מיידלעך מיט ניט פאַרקעמטע קעפּ, און טומלען זיך וועגן אַלץ אין דער וועלט אָבער ניט וועגן לערנען.

ווייניק אָבער פון אָט די אַלע טוריסטן גייען באַזוכן דעם ווונדערלעכן מוזיי אויפן נאָמען פון יהודה לייב מאַגנעס, וואָס איז דער דריטער גרעסטער יידישער מוזיי אין גאַנץ אַמעריקע. ווי באַוווּסט איז רבי יהודה לייב מאַגנעס געבוירן געוואָרן אין דעם בעי־סיטי געגנט און ווען עס איז באַשלאָסן געוואָרן אין 1962 צו גרינדן דאָ אַ יידישן מוזיי, איז גלייך איינגעפאַלן, אַז דער בעסטער נאָמען פאַר דעם וועט זיין „מאַגנעס מעמאָריאַל מוזיי."

מיר דאַרפן דאָך ניט דערציילן ווער עס איז געווען רבי יהודה לייב מאַגנעס. ער איז געווען איינער פון די גרינדערס פון ירושלימער אוניווערזיטעט, און פאַר אַ סך יאָרן — דער אָנפירער פון אָט דעם אוניווערזיטעט. אין אַמעריקע איז ער געווען דער גרינדער פון דער "אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע," ער האָט אינספּירירט צו גרינדן די פרויען אָרגאַניזאַציע „הדסה" און מען דאַרף האָבן זייער אַ סך פּלאַץ צו אויסרעכענען אַלע אויפטואונגען פון אָט דעם גרויסן יידן.

דער מוזיי געפינט זיך אין אַ ווונדערלעך שיינעם בנין, אויף אַ האַלבן אַקער

---

אָבער נישטאָ קיין ביימער, נאָר פאַבריקן. די פייגל האָבן מידע איינגעדרימלט אויפן הימל־קראַצער, אונטערן געקלאַפּ און גערויש פון מאַשינען..." און דאָ אויף די שטאָלענע רעלסן פון דעם זיך בויענדיקן וואָלקנקראַצער האָבן די פייגעלעך זיך גענומען בויען אַ נעפּט „פון שפּילקעס צוזאַמענגעקלעפּט מיט זאַמד און בלאָטע."

אַ געוואַלדיק רירנדיקע דערציילונג פון אונדזער מאָדערנער שטאָלענער ציוויליזאַציע וואָס פאַרגוואַלדיקט און צעשטערט די נאַטור און פאַריאָגט און רויבט ביי די פייגל זייער מנוחה און זייער היים.

מלכה לי'ס מעשהלעך זיינען אין דער אַמתן לידער אין פּראָזע. זיי זיינען חנעוודיק, זינגעוודיק. זיי זיינען מיט אַזוי פיל ליבע צו דער נאַטור און צו אירע באַשעפענישן און צו די קינדערלעך. די נאַטור איז ניט סטאַטיש אין די דערציילונגען אירע. זיי זיינען לעבעדיקע, דינאַמיש, שפּילעוודיק. זיי רעדן. זיי העלפן זיך איינע די אַנדערע. און זעלטן ווען זיי האָבן אַ שלעכטן סוף. עס איז דאָ אַ שיינע האַרמאָניע צווישן וואָרט און טאַט, צווישן פאַנטאַזיע און וואָר אין די מעשהלעך, און אַ דערוואַקסענער קען זיך מיט זיי אויך מחיה זיין.

די מעשהלעך דאַרף מען לייענען, פאָרלייענען און איבערדערציילן, פאַר מאַמעס און טאַטעס מיט אַ געפיל פון דערציילן אַ מעשה קען דאָס בוך דינען ווי אַ קוואַל פון וועלכן צו שעפּן און שעפּן מעשהלעך פאַר זייערע קינדער אין אַלע צייטן פון טאָג.

לאַנד און איז אָנגעפּיקעוועט מיט בילדער, ביכער און היסטאָרישע דאָקומענטן פון קאַרגע דריי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע.

אַזעלכע מוזייען זיינען אין אַמעריקע דאָ נאָר דריי: איינער אין ניו־יאָרק, אַ צווייטער אין סינסינעטי און דער מאַגנעס מוזיי איז דער דריטער. אין אָט דעם מוזיי געפינט די וווּנדערלעכע שטראַוס קאָלעקציע פון אַרום 500 איינסן — אַ קוואַל פון יידישן היסטאָרישן באַדייט; דאָ געפינט איר אַ קאָלעקציע חנוכה־לאָמפּן געזאַמלט פאַר הונדערטער יאָרן, מענטעלעך פון ספרי תורה, מאַנוסקריפּטן פון הונדערטער יאָרן צוריק, אַרכיוון פון שולן, שטעמפּלעך פון ארץ ישראל מיט זיבן הונדערט יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

אין דער שטראַוס־קאָלעקציע געפינט זיך אַ חנוכה־לאָמפּ וואָס איז געפונען געוואָרן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, וואָס איז געלעגן אין אַ הילצערנעם קעסטל און אין קעסטל האָט מען געפונען אַ צעטל אין יידיש. דער לאָמפּ איז געמאַכט פון גלאָז אין יאָר 1757 אין שטאָט פראַנקפורט אַם מיין, אונטערגעשריבן איז: יהודה בינג. עס זיינען דאָ אַ פּאָר שבת־לייכטער געפונען אין איטאַליע; אויף די לייכטער איז דאָ די דאַטע פון יאָר 1445.

דער אָפּטייל פון שילדן, דאָקומענטן, געלע מגן־דודס און באַפעלן וועגן יידן־אויסראָטונג אין דייטשלאַנד מאַכט אַ גרויליקן איינדרוק אויף די אַלע וואָס באַזוכן דעם מוזיי; איבערהויפּט אויף די שול־קינדער, וואָס מען נעמט אָפּט צום מוזיי; אויך סטודענטן יידישע און ניט־יידישע קומען אָפּט אין גרופּעס צו שטודירן די מערדערישע נאַצי־דאָקומענטן וועגן דער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן יידן.

עס געפינט זיך אין מוזיי די גאַנצע ביבליאָטעק פון דער פאַרשטאָרבענער ראַביי מאָריס גאָלדשטיינס יודאַיקאַ, אין ענגליש און העברעיש, טויזנטער ביכער וועגן יידן און יידישקייט.

דאָקומענטן פון יידישן לעבן אין עגיפּטן, אין אינדיען, אין מאַראָקאָ און אַנדערע לענדער. אַ טיפן איינדרוק מאַכט אויך די געוועבטע אַרטיקלען פון הונדערטער יאָרן צוריק, שטיקער פאַרברענטע ספרי תורה, מגילות, כראָניקעס פון צוועלפטן יאָרהונדערט געשריבן אויף פּאַרמעט, און אַנדערע אַנטיקן.

דער מוזיי האָט באַקומען אַ מתנה די ספּעקטאָר קאָלעקציע פון האָלץ גראַווירונגען אויף יידישע טעמעס, אויך אויסגעשניצטע אַרטיקלען פון יידן אין די געטאָס, קינסטלערישע צייכענונגען פון יידישע קינדער, וואָס זיינען שפּעטער אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון היטלערס דייטשלאַנד.

אַן אינטערעסאַנטער דאקומענט איז פאַראַן אין מוזיי, דאָס איז אַ דאַנק־בריוו געשריבן אויף פּאַרמעט, פון משה מאָנטעפיאָרע, דער יידישער פירער און מליץ־יושר פאַר די יידן אין דער וועלט, צו די יידן פון פראַנקפאָרט. דאַטירט איז דאָס בריוו דעם 3טן מאַי, 1841. מאָנטעפיאָרע דאַנקט די יידן פון פראַנקפאָרט פאַר געבן אים די פינאַנציעלע מיטלען צו אונטערקויפן טערקישע באַאַמטע אַז מען זאָל אים צולאָזן צום טערקישן סולטאַן צו בעטן אים צו באַשיצן די יידן אין טערקיי און איבערהויפּט אין דמשק (די איצטיקע הויפּטשטאָט פון סיריע). אין דמשק האָט מען באַשולדיקט די יידן אין עלילת־דם, אַז זיי האָבן דערהרגעט אַ מאָנאַך כדי צו נוצן זיין בלוט צו באַקן מצה.

אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק מאַכט די ביבליאָטעק, וווּ עס איז דאָ ניט קיין צופיל ביכער, אָבער דערפאַר גוטע ביכער. אַ היפּש ביסל יידישע. דער פאַרשטאָרבענער קולטור־טוער, יעקב אייכל, האָט פאַרן טויט זיין גאַנצע רייכע יידישע ביבליאָטעק אַוועקגעגעבן צום מוזיי.

גלייך ביים אַריינגאַנג מאַכט אויף אייך אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק דאָס בילד פון אַנאַ פראַנק, מיט טיילן פון איר טאָגבוך אונטער איר בילד.

יידן וואָס קומען אין צפון קאַליפאָרניע וועלן אַ סך געניסן ווען זיי וועלן באַזוכן דעם מוזיי.

גרויס אַנערקענונג קומט מר. סימאָר פראָמער, דעם דירעקטאָר פון יידישן דערציונגס קאָונסיל פון אָוקלאַנד, וועלכער איז פּאַקטיש דער גרינדער און ביז היינט דער דירעקטאָר און אָנפירער פון מוזיי. פאַר אים איז קיין זאַך ניט צו שווער, אַבי דער מוזיי זאָל זיין אַ דערפאָלג.

ווי געזאָגט, איז דער מוזיי געגרינדעט געוואָרן אין 1962. דאַן איז מר. פראָמער געווען אין ישראל און האָט זיך געזען מיט דער אַלמנה פון ראַביי מאַגנעס און מיט ד"ר מאַרטין בובער. דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם מוזיי און ביידע האָבן געטאָן אַלץ אין זייערע כוחות אַז דער מוזיי זאָל באַקומען אַ סך פּריוואַטע זאַמלונגען פון אַנטיקן, בילדער און דאָקומענטן אַלס מתנות פאַר דעם מוזיי.



# מיר באַגריסן דעם בעל גבורה ז. בונין

ז. בונין איז ניט נאָר אַ פאַרדינסטפולער פּאָעט, וואָס וועגן דעם האָבן שוין פיל מאָל געשריבן אַ סך פון זיינע קאָלעגן שרייבערס, נאָר דאָ ווילן מיר דערמאָנען איין פּרט מיט וואָס ז. בונין איז געבענטשט, און דאָס איז זיין אומגעוויינלעכער זכרון: ניט נאָר געדענקט ער וואָס ער האָט געשריבן מיט פערציק און מער יאָרן צוריק, נאָר ער קען יעדע זאַך ציטירן אויף אויסווייניק; ער געדענקט יעדער וואָרט, יעדער קאָמאַ, וואָס איז געווען אין זיין אַ ליד געשריבן אין ווייטן אַמאָל.

און ניט נאָר וואָס ער אַליין האָט געשריבן, נאָר אויב ער לייענט עפּעס וואָס געפעלט אים, געדענקט ער אויך. איך דערמאָן זיך, דאָס איז געווען אין 1940, אין אַרבעטער רינג קעמפּ, ניט ווייט פון לאָס אַנגעלעס. עס איז געווען אַ יום־טוב, אַ יידישער שרייבער איז געלאַדן געוואָרן צו לייענען פון זיינע שריפטן, אַ גרויסער יידישער שרייבער, און ער האָט געלייענט זיינס אַ פּאָעמע, געלייענט האָט ער עס אויף אויסווייניק און דער עולם איז געווען באַגייסטערט וואָס דער שרייבער, ניט קיין יונגער מענטש, געדענקט אַזוי גוט זיינס אַ ליד.

נאָך דעם אָוונט קומט צו בונין. חבר מעלצער, זאָגט ער, דער שרייבער האָט געמאַכט עטלעכע טעותים. און ער הייבט אָן צו איבערזאָגן די פּאָעמע ווי זי איז געדרוקט אין בוך, און בכדי צו באַווייזן אַז ער איז גערעכט, איז ער צוגעלאָפן צו דער קעמפּ־ביבליאָטעק, געפונען דאָס בוך און אויפגעוויזן אַז ער איז גערעכט.

צוויי יאָר שפּעטער, אין 1942, האָבן די לערערס און קאָנסולאָרס אין קעמפּ געמאַכט אַ סורפּריז־שמחה פאַר די מעלצערס צו זייער 35 יאָריקן חתונה־יובל. ביי דעם אָוונט האָט בונין אונדז אויך געמאַכט אַ סורפּריז: ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע לכבוד דעם יום־טוב.

זיינען אַוועק יאָרן, גאַנצע 25 יאָר, און די מעלצערס זיינען געקומען צו גאַסט אין לאָס אַנגעלעס, מען האָט ווידער געפייערט אַ יום־טוב — זייער 60־יאָריקן חתונה־טאָג. אויך ביי די בונינס אין הויז איז געווען אַ צוזאַמענקונפט, און ווען מען האָט געפרעגט בונינען צי געדענקט ער דאָס ליד וואָס ער האָט געשריבן לכבוד די מעלצערס מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט בונין אַ קנייטש געטאָן זיין שטערן און האָט דעקלאַמירט דאָס ליד וואָרט פאַר וואָרט, ווי ער האָט דאָס געשריבן מיט 25 יאָר צוריק. הגם ער האָט דאָס ניט געזען אין משך פון די אַלע יאָרן, מחמת ער האָט קיין קאָפּיע פון דעם ניט געהאַט. עס איז געווען דענסטמאָל אָנגעשריבן און גלייך איבערגעגעבן געוואָרן צו די מעלצערס.

ווי איר זעט איז בונין ניט נאָר איינער פון די טאַלאַנטירסטע יידישע פּאָעטן, נאָר ער האָט אויך אַ פענאָמענאַלן זכרון.

און אָט דער בונין איז איצט געוואָרן אַן אַכציקער.

איז ניט קיין וווּנדער וואָס חברים פרייען זיך מיט אים. ניט קיין וווּנדער וואָס חברים און פריינד ווינטשן אים נאָך לאַנגע, לאַנגע געזונטע יאָרן, ער זאָל קענען נאָך שרייבן און געדענקען וואָס ער שרייבט.

מיר שליסן זיך אָן צו אַלע גוטע ווונטשן פון אַלע זיינע פריינד און האָפן אַז צוזאַמען מיט זיין געטרייער יעטאַן וועלן זיי האָבן אַ געזונט און גליקלעכן עלטער.

**לייזער און מרים מעלצער**

---

## כה לחי!

צו מיין טייערן פריינד און דיכטער **ז. בונין**, צו זיין 80 יאָריקן געבוירנטאָג, מיינע האַרציקסטע ברכות און ווונטשן.

**אהודה רונת**
**תל־אביב, ישראל**

# באַגריסונגען

## יידישער קולטור-קלוב

דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור-קלוב האָט שטענדיק מיט דער גרעסטער פרייד זיך באַטייליקט אין שמחות פון יידישע קולטור־עסקנים. נאָך גרעסער איז אונדזער פרייד און צופרידנקייט אנטייל צו נעמען אין דעם יום-טוב פון דעם באַקאַנטן יידישן דיכטער, און אַקטיווער טוער אין אונדזער קלוב, ז. בונין, סעקרעטאַר פון זשורנאַל „חשבון", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט אונדזער אנטייל, וועלכער האָט דערגרייכט, אויף אַ שעפערישן אופן, דעם עלטער פון אַכציק יאָר.

ווינטשן מיר אים עד מאה ועשרים זיין ווייטער שעפעריש און אַקטיוו אויפן יידישן קולטור געביט.

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

**זלמן זילבערצוייג,** פרעזידענט

---

## הירשביין-רויזנבלאַט צווייג
## יידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

**שייערער חבר ז. בונין:**

נעמט צו אונדזער האַרציק-חברישע באַגריסונג לכבוד אייער גרייכן דעם בכבודיקן עלטער פון גבורה. מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן צוזאַמען מיט אייער ליבן זיווג, יעטאַ.

**מאָריס דייטש,** פאָרזיצער
**ראָבערט טעמפער,** סעקרעטאַר

---

**צו קאָלעגע ז. בונין:**

מיר באַגריסן קאָלעגע ז. בונין צו זיין ווערן אַ בן שמונים, און זיין געזונט ווערן. מיר ווינטשן אים אַריכת ימים ושנים, שעפערישקייט, און גליקלעכן צוזאַמענלעבן מיט זיין ליבער יעטאַן.

פאַרן „זיין": ל. ראָזאָף, מאיר זימל טקאַטש, לוי גאָלדבערג, משה שטיינגאַרט, מענדל פראַגער, חיים פלאָטקין, הערשל מילער, גיטל ציטרין

---

## ה. לייוויק לייען-קרייז, פון עלסינאָר, קאַליפ.

באַגריסט דעם באַליבטן דיכטער ז. בונין צו ווערן אַ בן שמונים. מיר ווינטשן אים פיל געזונט, אריכת ימים און לאַנגע שעפערישע יאָרן.

**בעלאַ גען,** סעקרעטאַר



**חשובער פריינד ז. בונין, ליבער קאָלעגע:**

פון אונדזער געמיינזאַמען פריינד, אַריה פאָזי, האָב איך זיך די טעג דער־ווּסט, אַז מען פייערט ביי אייך אייער יובל צום 80 יאָריקן געבוירנטאָג. איז ווי קאָן מען דאָס נישט אָנשרייבן עטלעכע ווערטער צום ליבן בעל־יובל? הלוואי וואָלט איך געקאָנט זיין אויף דער פייערונג און אייך צוטראָגן בלומען.

אָנשטאָט בלומען נעמט צו מיינע וואַרעמע ווערטער און הייסע ווונטשן: געזונט און שטאַרק זאָל איר אונדז זיין און איר זאָלט לאַנגע, לאַנגע יאָרן זיך פאָרן מיט אונדזער יידישער ליטעראַטור און קולטור. אונדזער בידנע ליטע־ראַטור היינט נייטיקט זיך אין אייך. מיר אַלע נייטיקן זיך אין אייך. מיר דערוואַרטן פון אייך נאָך אַ סך.

מיט אַ סך פריינדשאַפט און האַרציקייט,

**אייער לילי בערגער** (פּאַריז)

---

יהושע גרינהאָף / מיאַמי, פלאָרידא

### ביים כנרת

מיט מיינע ברכות צו ז. בונין,
צו זיין ווערן אַ בן־שמונים

ווי אַ פידל געמאָל
ליגסטו, כנרת,
אויסגעשפּרייט אין גליל טאָל,
און יעדן אין דער פרי,
ווען די זון גייט אויף,
פון דיר זי קומט פון טבילה —
ווי אַ מאָל די בעלי קבלה
אין די כוואַליעס דיינע
רואיקע און שטילע.

איך שטיי פאַרגאַפּט,
און טרוים מיט דיר
פון דעם עבר אַלטן —
וויפל פרייד, צער און טרערן
אין טיפן דיינע
ליגן פאַרבאַהאַלטן!
איך פאַרנעם דעם קלאַנג
פון דיין געמורמל,
ווען אַ ווינטעלע צערונצלט
דיין קלאָרן בלויען רוקן,
און די צפתער בערג
פון דעם אַרום
תפילהדיק אין דיר זיך בוקן.

מרים ריינעס-מעלצער

### שטימונגען

(געווידמעט צו ז. בונין צו זיין יובל שמונים)

האָט דיר דער טאָג קיין פרייד געבראַכט,
און אויך דער אָוונט כמורנע, קאַלט —
דערמאָן זיך אויף זיין ווייטן עבר,
ווען די יוגנט האָט געשטראַלט.

ווען שטייניק שווער, ווי בליי דיין וועג,
פון בענקשאַפט ווערט דיין האַרץ געבונדן—
דערמאָן די בליענדיקע טעג,
וואָס האָבן פרייד אין דיר געצונדן.

ווען ווי אין קייטן איינגעשלאָסן,
ווערט דיין האַרץ פון צער פאַרצערט,
און ניט פאַרענטפערטע „פאַרוואָסן"
מאַכן שווער דיין טראָט אויף ד'רערד—

לאָז פון צווייפל זיך ניט בייגן,
חלום אויס פאַר זיך אַ וועלט,
וועט אַלץ דיר ווערן ליב און אייגן,
אין דיין באַשיידענעם געצעלט!

און טרעפט עס נעמט דיר ניט קיין שלאָף—
זאָג צו זיך אַזוי צו זאָגן:
ווי עס נעמט צו נאַכט אַ סוף,
מוז דאָך אָנהייבן צו טאָגן!

**ליבער פריינד ז. בונין :**

צו אייערע שמונים לגבורה ווינטש איך אייך נאָך פיל געזונטע שעפע־רישע יאָרן, שלום אויף דער וועלט און אויף ישראל!

**אייער פריינד** שלום זיגלמאַן (מילוואָקי)

---

**ליבער קאָלעגע און פריינד ז. בונין :**

איך באַגריס אייך שתי פעמים : מיט אייער געזונט ווערן און מיטן דער־גרייכן אייער עלטער פון אַכציק יאָר. מיין ציליע און איך ווינטשן אייך נאָך לאַנגע, געזונטע, שעפערישע יאָרן.

זלמן און ציליע זילבערצווייג

---

**טייערער קאָלעגע ז. בונין :**

איך באַגריס אייערע 80 יאָר, און איך כופל זיי צוזאַמען מיט מזל־ברכות. זאָל אייער געזונט און שעפערישקייט זיך פרילינגדיק בנייען, ווי עס באַנייט זיך אַ בוים ווען מען פאַרשניצט זיינע צווייגן...

רבקה קאָפּע (פּאַריז)

---

**מיין ליבער פריינד אליהו טענענהאָלץ**, וואָס איז נאָר וואָס אַהיים געקומען פון שפיטאָל, האָט מיר טעלעפאָנירט און מיך געבעטן זאָגן דאָ אין זיין נאָמען, אַז ער ווינטשט מיר אריכת ימים און ער האָט מיר געזאָגט אַז איך בין אַ „קריכער": ער איז מיינע יאָרן איז שוין געווען 83... טו איך דאָס ווי עס וויל מיין פריינד טענענהאָלץ און איך האָף, אַז צו מיינע הונדערט יאָר זאָל ער נאָך אַלץ זיין מיט דריי יאָר עלטער!...

ז. בונין

---

מיר באַגריסן אונדזער ליבן פריינד, דעם דיכטער ז. **בונין**, מיט זיין געזונט ווערן און מיט זיין ווערן אַן אַכציקער. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך פרייד אין לעבן און זאָל ער זיין מיט זיין ליבער יעטאַן און מיט אונדז אַלעמען אין גוטן געזונט נאָך פאַר לאַנגע יאָרן.

פעני און פינטשע בערמאַן

---

**ליבער קאָלעגע ז. בונין :**

מיין פרוי און איך באַגריסן אייך צו ווערן אַכציק יאָר יונג. שטייט ניט אָפּ און יאָגט מיך אַריבער, ווייל איך אַליין בין שוין איבער 85.

הינדע און משה וויסמאַן

---

**צו קאָלעגע ז. בונין :**

אַ שרייבער קאָן ווערן גרויס אין מאָלן קליינע מענטשעלעך. קאָלעגע ז. בונין האָט עס באַוויזן אין זיין בוך: „**פון פרילינג ביזהאַרבסט.**"

הערי לאַנג



**אַ האַרציקע באַגריסונג** צו אונדזער פריינד און קאָלעגע, דעם דיכטער ז. **בונין**, צו ווערן אַ בן שמונים. מיר ווינטשן אים אריכת ימים צוזאַמען מיט זיין טייערער פרוי **יעטאַ.**

לאָטי פ. מלאך און מאַקס קרעמער

---

**אונדזערע בעסטע וואונטשן** צו אונדזער ליבן פריינד, דעם דיכטער **זושע בונין**, צו זיין ווערן אַן אַכציקער.

מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן און שעפערישער אַקטיוויטעט צו־זאַמען מיט זיין און מיט אונדזער ליבער **יעטאַן!**

סיידי און דזשאָו אַלפערסאָן

---

**צו ז. בונין — דעם בעל גבורה :**

צו דעם **80**טן געבוירנטאָג פון אונדזער ליבן פריינד, דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „חשבון", ז. **בונין** — אַ טיף האַרציקע ברכה פון אונדז ביידן. יהי רצון, אַז עד מאה ועשרים זאָל אויף אים אויך קאָנען געזאָגט ווערן : „לא כהתה עינו ולא נס לחה" — אויף אים זאָל עס קאָנען געזאָגט ווערן, צוזאַמען מיט זיין ליבער אשת חיל, **יעטאַ**, וואָס זי איז באמת „מי ימצא".

מיר האָבן מיט דעם בעל־יובל און זיין אשת חיל געשלאָסן קאַנטשאַפט מיט פינף יאָר צוריק, ביי אונדז אין הויז, אין סיגעיט, ברוקלין, נ. י., ווו מיר האָבן געפייערט זיין, בונינס, **75**טן געבוירנטאָג צוזאַמען מיט אַ צאָל געסט, אונדזערע פריינד, **יידישע שרייבערס, און מיר אַלע אין איינעם** האָבן דענסט־מאָל באַגריסט דעם בעל־יובל און אים געוווּנטשן צו פרייען זיך מיט אונדז צוזאַמען ביי זיין **80**טן געבוירנטאָג.

ב"ה מיר פרייען זיך טאַקע איצט מיט זיין גרייכן דעם עלטער פון גבורה. אונדזער וואונטש פון דענסטמאָל איז מקוים געוואָרן. יהי רצון, אַז אויך אונדזער איצטיקער ווונטש זאָל מקוים ווערן און מיר אַלע אין איינעם וועלן מיט דער צייט פייערן נאָך און נאָך זיינע געבוירנטעג — צוזאַמען, פאַר־שטענדלעך, מיט זיין ליבער אשת חיל.

בעלאַ און אריה פּאָזי

---

מיר באַגריסן דעם פאָלקסטימלעכן מענטשן און פאָלקסטימלעכן שרייבער ז. **בונין**, צו זיין ווערן אַ בן שמונים.

אַ סטאָליער ביים פאַך, קומען אַרויס זיינע לידער געהובלט און געשליפן ווי פון אַ בעל מלאכה מיט טאַלאַנט און פילנדיקער נשמה.

מיר ווינטשן אים געזונט און נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי **יעטאַ**.

ד"ר מנחם און שמחה נאָור

מיר באַגריסן אונדזער ליבן פריינד ז. בונין צו זיין ווערן אַ בן שמונים און ווינטשן אים אַ סך שעפערישע און גליקלעכע יאָרן צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי יעטאַ.

אַלפּערסאָן, סיידי און דזשאָו
אָסמאַן, פנינה
אַראַנעק, גאָלדע און מאַקס
ווײַנמאַן, דזשעני
גאָלאָמב, רבקה און אברהם
דײַטש, רחל און משה
האָראָוויץ, העלען און אבנר יונה
ווײַסמאַן, הינדע און משה
ווײַס, שמואל און פלאָראַ
יאפע, שרה
מאַרדען, אַנאַ און יוצי
מילער, בערטאַ און דזשוליוס
מעלצער, מרים און לייזער
מלחי, גרוניע און בצלאל

מלאך לאָטי פ. און מאַקס קרעמער
נאור שמחה און פראָפ׳ מנחם
ניומאַן, חיה און יצחק
סטיינבערג, איטע
סאַפיאַן, פעי
פאָזי, בעלאַ און אריה
פאַניטש, יוסף און פייגעלע
צוקערמאַן, ציליע און שלמה
סאַפקין, מאַניא און בען
קאַפלאַן, משה
ראָבין, שפרה און אליק
רויזענבלאַט, מלכה
שאָר, ווילי (וועלוול)
שוואַרץ, מיני און אייב

We, the family of SUSMAN BUNYAN present greetings in honor of his 80th Birthday. We extend to our beloved father, grandfather, and uncle best wishes for this happy occasion that he and his wife **Yetta** will together celebrate many happy birthdays and many happy years.

**MR. and MRS. EPHRAIM BARAN**
**MRS. YETTA BUNYAN**
**MR. and MRS. STANLEY BUNYAN**
**DR. and MRS. NORMAN BELL**
**MRS. JUDY EDELSON**
**MR. and MRS. STANLEY FISHFADER**
**MR. and MRS. WILLIAM FISHFADER**
**DR. and MRS. LOUIS FREIBRUN**
**MR. and MRS. JOSEPH KANDEL**
**MR. and MRS. MORRIS LEVINE**
(Dallas, Texas)
**MRS. SYLVIA LION**
**MR. and MRS. MAURICE RICHLIN**
**COLONEL and MRS. LEO SOUCEK**
(U. S. Army)
**MR. and MRS. MORRIS VERGER**